STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09924

# DER OYFSHTAND IN VARSHEVER GETO

Joseph Kermish

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד״ר יוסף קערמיש

# דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

די הכנסה פון דעם בוך איז באַשטימט פאַר דער

הילפס־אַרבעט פונעם פוילישן יידנטום

ביכער-סעריע

# דאָס פּוילישע ייִדנטום

## 30

רעדאַקטאָר:

**מאַרק טורקאָוו**

פאַרלאַגס-לייטער:

**אברהם מיטלבערג**

מ. פייגנבלום

די רשימה פון דערשינענע בענד — צום סוף פונעם בוך.

ד״ר יוסף קערמיש

# דער אויפשטאנד אין ווארשעווער געטאָ

19טער אַפּריל — 16טער מאי 1943

איבערזעצט פון פויליש:

שלמה לאַסטיק

★

אַרויסגעגעבן דורכן

צענטראַל-פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע
צוזאַמען מיטן יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין פוילן.

בוענאָס-איירעס — 1948 — וואַרשע

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE
Copyright by
Dr. JOSEF KERMISZ

Dr. JOSEF KERMISZ

# "Der Ojfsztand in Warszewer Geto"

(EL LEVANTAMIENTO DEL GETTO DE VARSOVIA)

**Buenos Aires, 1948**

Hecho el depósito que marca la Ley 11.723

# אינהאַלט


אַריינפיר — — — — — — — — — — — — — — — — 9

1. די אַנטשטייאונג פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין וואַרשעווער געטאָ — — — — — — — — — — — — — 20

2. די צוגרייטונגען צום אויסברוך פון אויפשטאַנד און די ערשטע טעג פון די קאַמפן — — — — — — — — — — — 37

3. די באַציאונג פון די פּאָליאַקן צום יידישן אויפשטאַנד — — — 64

4. פּאַרטיזאַנישע קאַמפן און ריזיקע שריפות — — — — — — — 77

5. די לעצטע טעג פון די „אָפּעראַציעס פון גרויסן מאַסשטאַב" — 111

דער פינאַל — — — — — — — — — — — — — — 118

הערות — — — — — — — — — — — — — — — — — 123

רשימה פון פּערזאָנען — — — — — — — — — — — — 145

רשימה פון דער ביבער־סעריע „דאָס פּוילישע יידנטום" — — — — 149

פּרעסע־שטימען — — — — — — — — — — — — — — 151

***

די אַרבעט פון ד״ר יוסף קערמיש, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין פּויליש דורך דער יידישער היסטאָרישער קאָמיסיע אין לאָדזש צום דריטן יאָרטאָג פון דעם העראָאישן אויפשטאַנד אין ווארשעווער געטאָ, ווערט איצט אַרויסגעגעבן אין אַ יידישער איבערזעצונג, וואָס דער יידישער היסטאָרישער אינסטיטוט אין פּוילן האָט צוגעשיקט צום צענטראַל-פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע.

די דאָזיקע אַרבעט דערשיינט אַלס 30טער באַנד פון דער ביבער-סעריע „דאָס פּוילישע יידנטום״ אין צוזאַמענהאַנג מיטן פינפטן יאָרטאָג נאָכן אויפשטאַנד און וואָס איז פאַרבונדן מיט דער אַנטהילונג פון דעם מאָנומענט אויף די חורבות פון ווארשעווער געטאָ.

די אַרבעט פון ד״ר יוסף קערמיש איז די ערשטע פאָרשונג צו דער געשיכטע פון דעם געטאָ-אויפשטאַנד און גיט אונדז אַן אַלזייטיק בילד פון דעם אָנהויב, אַנטוויקלונג און אונטערדריקונג פון דעם אויפשטאַנד.

עס איז קיין שום ספק נישט, אַז די ווייטערדיקע פאָרשונגען אויפן דאָזיקן געביט וועלן אַריינברענגען נייע עלעמענטן, וואָס וועלן באַרייכערן די דאָקומענטאַציע צו דער געשיכטע פון דעם אויפשטאַנד.

מיר האָבן אָבער געהאַלטן פאַר נויטיק צו באַקענען דעם יידיש-לייענענדיקן עולם מיט דער דאָזיקער ערשטער פאָרשונגס-אַרבעט, וואָס גיט אונדז אַ קלאָרן באַגריף וועגן דער באַדייטונג און פאַרנעם פון דעם אויפשטאַנד אין ווארשעווער געטאָ.

ד י   ר ע ד א ק צ י ע

בוענאָס-איירעס, אַפּריל 1948.

# אַריינפיר

דער באַוואָפנטער אַפּריל־אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ איז לחלוטן נישט געווען קיין אימפּראָוויזאַציע אָדער אויסדרוק פון העכס־טער פאַרצווייפלונג. זאָרגפעלטיק צוגעגרייט אין משך פון עטלעכע חדשים איז ער געקומען אַלס רעזולטאַט פון באַגרייפן די נויטווענדיקייט צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד די מערדער פון מיליאָניקע יידישע מאַסן; פון דער נויטווענדיקייט צו קעמפן „פאַרן כבוד פון מענטש אין דער וועלט פון דערנידערונג" (בראָניעווסקי), איז געווען אַן אויסדרוק פון באַוווסטזי־
מיטן היטלעריזם און פאַשיזם, נישט געקוקט אויף זיין אויסגאַנג.
ניקן, אַנטשלאָסענעם ווילן צום קאַמף מיטן שונא פון דער מענטשהייט,

אָט דער לכתחילה פאַרשפּילטער קאַמף אויף דעם קליינעם געטאָ־אָפּשניט, וואָס איז געווען דערוויטערט אויף טויזנטער קילאָמעטער פון אַלע פראָנטן, דער קאַמף נישט פאַרן לעבן, נאָר פאַר מענטשלעכער וויר־דע, פאַר אַ ווירדיקן טויט מיט געווער אין האַנט — געהער צו די אַמ־מייסטן העלדישע און טראַגישע קאַמפן מיטן פאַשיזם, און איז פון די סאַמע דראַמאַטישע, די אַממייסטן אויפשווידערנדיקע עפּיזאָדן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה (1). *)

דער אַפּריל־אויפשטאַנד וואָס איז געווען אַמענגסטן פאַרבונדן מיט דער — נאָך סטאַלינגראַד — אַלץ וואַקסנדיקער און זיך אַנטוויקלענדי־

*) די אָנגעגעבענע נומערן באַצייכענען די הערות, וואָס דער לייענער וועט געפינען אויף דער זייט 123.

קער ווידערשטאַנד-באַוועגונג אין אַלע ברייטערע טיילן פון לאַנד, וועלכע זענען אַרומגעכאַפּט געוואָרן מיט די פלאַמען פון פּאַרטיזאַנער־קאַמפן (2), האָט אַ גרויסן באַטייט פאַר דער געשיכטע פון די באַפרייאונגס־קאַמפן אין דעם אונטעריאָכטן דורכן דייטש פּוילן. מען דאַרף, נעמלעך, נישט פאַרגעסן, אַז די לאַנג־דויערנדיקע קאַמפן אויף די וואַרשעווער געטאָ־גאַסן, וועלכע זענען אָנגערופן געוואָרן דורך אַן אָנגעזעענעם פּוילישן שרייבער אַלס „דער טערמאָפּילן-דורכגאַנג פון דער קעמפנדיקער שטאָט וואַרשע״ (דאָבראָוואָלסקי), שטעלן מיט זיך פאָר, נאָך סעפּטעמבער 1939, נאָך כמעט 4 יאָר דייטשער אָקופּאַציע — די ערשטע באַוואָפנטע מאַסן־אַרויסטרעטונג קעגן דעם דייטשן אָקופּאַנט אויף די געביטן פון פּוילן, און איז דער וויכטיקסטער קאַמפּס־פּעריאָד פון דער הויפּטשטאָט ביז דעם אויגוסט־אויפשטאַנד פון 1944, און די העלדישקייט פון די אויפשטענדלער פון 1944... פּונקט אַזוי — כאָטש צוליב אַנדערע סיבות — טראַגישע ווי דאָס טראַגישע וואַרשעווער געטאָ האָט עפּעס גענומען פון זיך פון יענע טעג״ (דאָבראָוואָלסקי).

אין תוך גענומען איז דער אויפשטאַנד פון געטאָ, וועלכער איז טרעפ־לעך באַצייכנט געוואָרן אין די ראַדיאָ-אווידיציעס פון דער אַנטי־היטלע־ריסטישער קאָאַליציע אַלס די צווייטע שלאַכט פאַר וואַרשע, „געווען אומ־צערייסלעך פאַרבונדן מיטן קאַמף פון פּוילישן פאָלק, מיטן קאַמף פון גאַנץ פּוילן קעגן דער היטלערישער אָקופּאַציע, פאַר פרייהייט און אומ־אָפּהענגיקייט פון לאַנד״ (אָסובקאַ-מאָראַוווסקי).

אין זיין אויפרוף צו די פּאָליאַקן, אַרויסגעגעבן בעתן אויפשטאַנד, האָט די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, דער באַוואָפנטער אָרעם פון קעמ־פנדיקן געטאָ, אָנגערופן איר געראַנגל אויף לעבן און טויט מיטן אָקופּאַנט אַלס „קאַמף פאַר אונדזער מענטשלעכן, געזעלשאַפטלעכן, נאַציאָנאַלן כבוד און ווירדע״ אונטער דעם לאָזונג „ברודערשאַפט פון געווער און בלוט פון קעמפנדיקן פּוילן״, „פאַר אונדזער און אייער פרייהייט״.

די הויפּט־אָנפירונג פון פּוילישן מיליטער (וואָיסקאָ פּאָלסקיע), וועלכע איז אויסגעוואַקסן פון קאַמפּראָמיסלאָזן קאַמף אויף לעבן און טויט מיטן היטלערישן אָקופּאַנט, האָט אין דער פולער מאָס אָפּגעשאַצט די

גרויסע פאַרדינסטן פון די געטאָ-קעמפער, אויסצייכנענדיק צום צווייטן יאָרטאָג פון אויפשטאַנד-אויסברוך  מיט דעם גרונוואַלד-קרייץ 3 קל. 7 הויפטקעמפער־אָרגאַניזאַטאָרן פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין וואַר־שעווער געטאָ, מיטן קרייץ ווירטוטי מיליטאַרי 5 קל. — 13 קעמפער און 30 קעמפער — מיטן פאַרדינסט־קרייץ.

עס איז אָן שום ספק אַ פעסטגעשטעלטער פאַקט, אַז דער כוח פון אויפשטאַנד האָט זיך הויפטזאַכלעך באַזירט אויף דעם געאייניקטן, אַל-געמיין-נאַציאָנאַלן פראָנט פון קאַמף פון דער יידישער געטאָ-באַפעלקע־רונג, אַז דער רוקנביין פון זש. אָ. ב. זענען געווען די פאָלקס־קרעפטן (3). אין אָנבליק פון דעם געמיינזאַמען טויט־שונא האָבן געקעמפט אין איין ריי מיטגלידער פון החלוץ און פּ. פּ. ר., „בונד" און פועלי־ציון.

„נאָך קיינמאָל, — שרייבט אַן אָנגעזעענער אנטיילנעמער אין די קאַמפן, — איז נאָך דאַכט זיך נישט געווען אַזאַ האַרמאָנישע און קאָאָר-דינירטע צוזאַמענאַרבעט צווישן מענטשן פון פאַרשידענע פאַרטייען און פּאָליטישע גרופּירונגען ווי אין דעם דאָזיקן פּעריאָד. מיר זענען אַלע געווען קעמפער פון איין גערעכטיקער זאַך — גלייכע פאַר דער געשיכטע און טויט. יעדער פאַרגאָסענער טראָפּן בלוט האָט געהאַט דעם זעלביקן ווערט" (4).

אין קעגנזאַץ צום אַרויסטריט בעת דער יאַנואַר־אַקציע,  ווען צום קאַמף זענען בלויז אַרויס די אָרגאַניזירטע מיטגלידער פון דער יידישער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע (זש. אָ. ב.) האָבן די אַפּריל-קאַמפן  געהאַט אַלע איינגנשאַפטן פון אַ פאָלקס-אויפשטאַנד אין וועלכן ס'האָבן אנטיילגענומען פאָלקס־מאַסן; פון זיי האָבן זיך אויך רעקרוטירט די אָנפירער פון די קאַמפן.

די הויפּט־ספּרוזשינע פון קאַמף איז געווען די יידישע יוגנט, די קינדער פון פאָלק און די אַרבעטער. די יוגנט וואָס איז געפרעסן געוואָרן פון נקמה־דורשט, אַ קרבנות-גרייטע און העלדישע, האָט זיך געריסן צו טאַט, צום קאַמף. אָט די יוגנט, האָט „געמאַכט אויפלעבן די שאָטנס פון די מכבייער און בר־כוכבא, די שאָטנס פון די יידישע קעמפער פאַר פריי־הייט" (5) איז געווען דער אַוואַנגאַרד פון אויפשטאַנד, זיין דינאַמישער

כוח, וואָס האָט אַרויסגערופן אַכטונג און באַוואונדערונג אפילו ביי די שונאים.

אין די קאַמפּס־גרופּן זענען אָפּט געווען 15-14 יעריקע יינגלעך, וואָס אַנשטאָט זיך באַהאַלטן אין די בונקערס האָבן ליבערשט געוואָלט שטאַרבן „נישט ווי אַ מויז אין קעלער, נאָר שטאָלץ, אין קאַמף מיטן בלוטדורשטיקן שונא״ (6).

צום באַדויערן זענען פאַראַן זייער קנאַפּע מקורים וועגן דעם פּאַס־ציגירנדיקן און העלדישן פינאַל פון דער גרויסער טראַגעדיע פון די וואַר־שעווער יידן (7), וועלכע שטעלט מיט זיך, אָן שום ספק, פאַר דאָס ליכ־טיקסטע בלעטל אין דער טראַגישער געשיכטע פון יידישן פאָלק אונטער דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע.

דאָס ווערט פאַרשטענדלעך ווען מען נעמט אין אכט, אַז כמעט אַלע האָבן אָפּגעגעבן זייער לעבן אין דעם נישט גלייכן, העלדישן קאַמף מיטן אָקופּאַנט. צוזאַמען מיט דער פאַרניכטונג פון וואַרשעווער געטאָ זענען אויך פאַרלוירן געוואָרן אויף אייביק די אַקטן און דאָקומענטן פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע (זש.אָ.ב.).

די פאָלגנדיקע סטודיע, וועלכע איז אָנגעשריבן געוואָרן אין צוזאַ־מענהאַנג מיטן 3טן יאָרטאָג פון אויסברוך פון אַפּריל־אויפשטאַנד, שטיצט זיך אויף צוטריטלעכע אין געגעבענעם מאָמענט יידישע מקורים, און דער עיקר אויף די ראַפּאָרטן פון ליקווידאַטאָר פון וואַרשעווער געטאָ, גענע־ראַל־מאַיאָר סטראָאָפּ, דער אָנפירער פון דער בריגאַדע ס. ס., וואָס זענען דורך די אַמעריקאַנער געפונען געוואָרן אין בייערן און אייגעשלאָסן גע־וואָרן אין די אַקטן פון אינטערנאַציאָנאַלן טריבונאַל אין נירנבערג. די דאָ־זיקע ראַפּאָרטן אין ענגלישער איבערזעצונג האָט די צענטראַלע יידישע היסטאָרישע קאָמיסיע באַקומען אַ דאַנק דער פריינטלעכער מיטהילף פון נירנבערגער קאָרעספּאָנדענט פון דער פּוילישער פּרעסע־אַגענטור מיכאַל האָפמאַן.

די ראַפּאָרטן פון גענעראַל סטראָאָפּ, וואָס איז נאָמינירט געוואָרן האַרט פאַר דער ליקווידאַציע־אַקציע פון וואַרשעווער געטאָ, אַלס אָנפי־רער פון ס. ס. און פּאָליציי פון וואַרשעווער דיסטריקט אַנטהאַלטן צוויי

גרונט־טיילן: 1) אן אלגעמיינעם ראפארט א. ק. „ס'איז מער נישט פא־ראן קיין יידן אין ווארשעווער געטא", וואס איז געשריבן געווארן דעם 16טן מאי, דירעקט נאכן פארענדיקן די „אפעראציעס פון גרויסן מאס־שטאב" פאר דער באראטונג פון די אנפירער פון די דיסטריקטן ס. ס. און פאליציי פון דער גענעראל-גובערניע, וועלכע איז פארגעקומען דעם 18טן מאי אין קראקע און 2) פון טאג-ראפארטן וואס זענען טעלעגראפיש אי־בערגעגעבן געווארן דעם הויפט־אנפירער פון ס. ס. און פאליציי פון דער צענטראל-גובערניע, דעם אבערגרופן־פירער קריגער, וועמען גענעראל סטראפ איז געווען דירעקט אונטערגעארדנט.

צו די ראפארטן פון סטראפ, וועלכע זענען דורך אים געהיט גע־ווארן ווי אן אנדענק־אלבאם און וועלכע זענען צוגעשטעלט געווארן דעם אינטערנאציאנאלן טריבונאל דורך דעם אמעריקאנער פראקוראר דזשעק־סאן, איינעם פון די הויפט-פארשטייער פון דער באשולדיקונג אינעם פרא־צעס קעגן די מלחמה־פארברעכער, זענען בייגעלייגט געווארן פאטאגראפ־יעס, וואס געפינען זיך איצט אין די אקטן פון טריבונאל אין נירנבערג. די פאטאגראפיעס אילוסטרירן אלע עטאפן פון דער ליקווידאציע־אקציע, נעמלעך, אויפשטענדלער אומגעבראכטע אין קאמף, ברענענדיקע הייזער, מענטשן שפרינגענדיקע פון די הייזער, דאס ארויסטרייבן יידן פון די קא־נאליזאציע־רערן מיט דער הילף פון גאז, מינירונג פון הייזער-בלאקן און צום סוף דאס געטא אין חורבות.

דער אלגעמיינער ראפארט, וועלכער שילדערט אין דער הקדמה אין קורצע ווערטער די געשיכטע פון ווארשעווער געטא, פארמאגט א גאנצע ריי ווערטפולע אנגאבן וואס דערגענצן די טאג־ראפארטן, וואס געבן א גענויע באשרייבונג פון די דייטשע אפעראציעס אין דער צייט פון 19טן אפריל ביזן 16טן מאי 1943 יאר ד. ה. פון דער דויער-צייט, רעדנדיק מיט סטראפס שפראך, פון „די אפעראציעס פון גרויסן מאסשטאב". ס'איז נאר א שאד, וואס די טאג־ראפארטן, וועלכע פלעגן אפט איבערגעשיקט ווערן צוויי מאל א טאג, גיבן אפט נישט אן דעם גענויעם געביט פון די קאמפן.

די ראפארטן פון סטראפן שטימען אין אלגעמיין מיט די יידישע

מקורים (צוקערמאַן, עדעלמאַן, ראָטהייזער, באַזשיקאָווסקי, באַרג, נייי־בערג א. א.) (8), אַזוי למשל שטימט כמעט פולשטענדיק די אַנגעגעבענע צאָל דייטשע קרעפטן לויט דער יידישער אָפּשאַצונג מיט די אָנגאַבן פון גענעראַל סטראָאָפּ. דערפאַר ווען עס גייט די רייד וועגן די פאַרלוסטן ביי די דייטשן בעת די שלאַכטן, איז צוליב פאַרשטענדלעכע סיבות פאַראַן אַ גרויסער אונטערשיד צווישן סטראָאָפּן און די יידישע מקורים. די דייטשן שעמענדיק זיך מיט זייערע מפּלות האָבן פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז מיט דער פאַרטיידיקונג פון געטאָ פירן אָן דייטשע דעזערטירן, (אין דער ווירק־לעכקייט זענען עס געווען יידישע אויפשטענדלער, וואָס האָבן אָפּט גע־קעמפט אָנגעטועענע אין דייטשע מונדירן און העלמען) (9) און האָבן דער־ריבער די אייגענע פאַרלוסטן זיך באַמיט אין די אָפיציעלע ראַפּאָרטן פאַרשווייגן. סטראָאָפּ דערמאָנט וואָס אָן אמת אין די ראַפּאָרטן וועגן איי־גענע פאַרלוסטן, נאָר ער פאַרמינערט זיי באַדייטנדיק (10).

ס׳איז אויך נויטיק נעמען אין באַטראַכט, אַז אין די ערשטע טעג פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ איז סטראָאָפּ זייער צוריקגעהאַלטן און באַמיט זיך לגמרי פאַרשווייגן די מפּלות פון די דייטשן. אַזוי צ. ב. אין זיין ראַפּאָרט פון 19טן אַפּריל דערמאָנט ער בכלל נישט וועגן שווערן קאַמף, וואָס איז פאָרגעקומען אויף מוראַנאָווער פּלאַץ, וועגן וועלכן ער שרייבט אין אַלגעמיינעם ראַפּאָרט פון 16טן מאַי, נאָכן פאַרענדיקן די אָפּעראַציע, ווו די פּרטים פון קאַמף דאַרפן אילוסטרירן די העלדישע מע־שים פון די דייטשן ביים באַקעמפן דעם אויפשטאַנד. דער גענעראַל דער־מאָנט אויך נישט מיט קיין איין וואָרט וועגן דעם אַנטייל פון דייטשע אַעראָפּלאַנען אין די קאַמפן.

נישט געקוקט אויף די אַלע בלויזן, קאָנען סטראָאָפּס ראַפּאָרטן, נאָך אַ קריטישן אַנאַליז, דינען ווי אַן אומגעהויער וויכטיקער און ווערטיקער מקור פאַר דער געשיכטע פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. די ראַ־פּאָרטן האָט דער אַמעריקאַנער פּראָקוראָר מאַיאָר וועלש ריכטיק באַצייכנט אַלס „עפּאָפּייע פון העלדישקייט, וועגן וועלכער אומבאַוווסטזיניק סטראָאָפּ גיט אָפּ אַ באַריכט״. ער שילדערט נעמלעך, דער ס. ס. גענע־ראַל, דער דם־שונא פון יידן, וואָס האָט אין הסכם מיט דער היטלערי־

שער ראַסן־טעאָריע זיי אָפט באַצייכנט אַלס „אונטערמענטשן", ווי אַזוי ער האָט טאָג־איין, טאָג־אויס אויסגעפירט די מערדערלעכע אַרבעט פון דער־שטיקן דעם יידישן אויפשטאַנד מיט פייער און שווערד, און קודם־כל מיט פייער. דער אַלגעמיינער ראַפּאָרט רעדט אַ סך וועגן דער אומ־באַשרייבלעכער אָפּפערוויליקייט בעת די קאַמפן פון די מיינסטנטיילס דערפאַרענע אויפן פראָנט ס. ס.־לייט פּאָליציי און וועהרמאַכט.

דאָס גרויסע פאַרניכטונגס־ווערק איז געלונגען די דייטשן אַדאַנק דעם „ריקזיכטלאָזן אָנווענדן די גאַנצע קראַפט און ענערגיע בייטאָג און ביינאַכט". ווייל וואָס לענגער עס האָט געדויערט דער אויפשטאַנד — איז מודה סטראָאָפּ — אַלץ „גרויזאַמער איז געוואָרן די ס. ס.־פּאָליציי און וועהרמאַכט", וועלכע האָבן פון קאַיאָר ביז שפּעט אין דער נאַכט אויסגע־פירט זייער פליכט", „אומדערמידלעך און אין געטרייער חברשאַפט... ווי מוסטערהאַפטע זעלנער", וועלכע האָבן מיט זייער „מוט, קענטעניש, אויסדויער, דאָקומענטירט זייער קאַמפס־גייסט". עס זענען אויך נישט אָפּגעשטאַנען די סאַפּערן־טיילן, וועלכע האָבן אויך מיט „אָפּפערוויליקייט" אויסגעפירט זייער „שווערע אויפגאַבע" פון אויפרייסן בונקערס, הייזער און קאַנאַלן (11).

אָבער נישט ווילנדיק האָט סטראָאָפּ אויך אָפּגעגעבן כבוד די יידישע קעמפער, וועמענס העלדישקייט — ווי ס'שטרייכט ריכטיק אונטער ב. דודזינסקי — איז געווען אויסשליסלעך און אומבאַשרייבלעך (12). „אויף וויפל — שרייבט בוכשטעבלעך סטראָאָפּ — ס'איז צוערשט געלונגען כאַפּן באַדייטנדיקע צאָלן יידן, אַזוי איז אין דער צווייטער פאַזע פון דער אַקציע געוואָרן דאָס כאַפּן יידן־אויפשטענדלער כמעט ווי אוממעגלעך. פון צייט צו צייט האָבן אַלץ נייע קאַמפס־גרופּן אין דער צאָל פון 20־30 און מער חברים אין עלטער פון 18 - 25 יאָר מיט דער זעלביקער צאָל פרויען אויפסניי זיך געוואָרפן אין קאַמף. די דאָזיקע קאַמפס־גרופּן האָבן געהאַט אַ באַפעל צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד ביז לעצט און איינגעמען סם אין פאַל ווען זיי וועלן אַריינפאַלן אין טורמע" (13).

אַ סך אָרט — סיי אין דעם אַלגעמיינעם ראַפּאָרט, סיי אין די טאָג־ראַפּאָרטן — גיט סטראָאָפּ אָפּ די קעמפנדיקע מיט אומבאַשרייבלעכן הע־

ראַיזם יידישע מיידלעך, די אויסגעפּרוווטע אין אַלגעמיינעם קאַמף פון דער יידישער אונטערערדישער באַוועגונג מיטן דייטשן אָקופּאַנט און וואָס האָבן די גרעסטע פאַרדינסטן ביים שמוגלען דורך די געטאָ־טויערן געווער און אויפריים־שטאָפן (14). „אין דער צייט פון באַוואָפנטן ווידערשטאַנד — שרייבט ער — זענען פרויען וואָס האָבן געהערט צו די קאַמף־גרופּן, געווען פונקט אַזוי באַוואָפנט ווי די מענער, טייל זענען געווען מיטגלידערינס פון דער חלוצישער באַוועגונג. נישט זעלטן האָבן זיי געשאָסן פון צוויי פּיסטאָלעטן אייגנצייטיק. ס'האָט אָפט פּאַסירט, אַז די דאָזיקע פרויען האָבן פאַרמאָגט פּיסטאָלעטן און גראַנאַטן („באַנאַניקע", האַנט־גראַנאַטן), באַהאַלטענע אין די הויזן ביז דער לעצטער מינוט, בכדי זיי צו באַנוצן קעגן ס. ס., פּאָליציי און ווערמאַכט (15).

זייער פיל אָרט שענקט סטראָאָפּ דעם אָנטייל פון פּאָליאַקן אינעם יידישן אויפשטאַנד, איבערטרייבנדיק אָפט זיינע אינפאָרמאַציעס מיט דער כוונה צו באַרעכטיקן די אייגענע מפּלות אין די אויגן פון זיין שעף, וועלכן ער באַמיט זיך איבערצייגן, אַז די יידן ווי נאַטאָרישע — לויט זיין מיינונג — פּחדנים, וואָלטן נישט געווען אימשטאַנד שטעלן אַזאַ פאַרביסענעם ווידערשטאַנד אָן דער הילף פון דרויסן.

בכדי צו הייבן זייער פּרעסטיזש, וואָס איז שטאַרק געפאַלן צוליבן אויפשטאַנד, האָבן די דייטשן פונאַנדערגעשפּרייט קלאַנגען, אַז די „גאַנצע וועלט" האָט באַזאָרגט דאָס געטאָ מיט געווער, און ווען אין געטאָ האָט זיך אָנגעהויבן די צווייטע פאַזע פון קאַמפן — די פּאַרטיזאַנקע — איז פון אַלעיא שוכא פונאַנדערגעשפּרייט געוואָרן אַ ידיעה, אַז קיין יידן אין געטאָ איז שוין מער נישט פאַראַן, אַז דאָס פּאַרטיידיקן זיך נאָך בלויז קאָמוניסטן און דייטשע דעזערטירן (16).

שרייבט טאַקע דעריבער סטראָאָפּ אין זיינע ראַפּאָרטן, אַז די יידישע קאַמפס־גרופּן האָבן זיך געפונען אונטער דער אָנפירונג פון „פּוילישע באַנדיטן", אַז „פון מאָל צו מאָל האָבן די פּוילישע באַנדיטן געפונען אַ מקום מקלט אין געטאָ", וועלכע ער איז צוליב דער שוואַכקייט פון די קרעפטן באין אופן נישט געווען בכוח צו באַקעמפן.

ווען מיר זאָלן אָפּוואַרפן די גוזמאות, דאַרף פעסטגעשטעלט ווערן,



גענעראל פאָן סטראָאָפ פארן פראָנט פון זיין מיליטער,
וואָס האָט געקעמפט קעגן געטאָ־אויפשטאנד



מען כאפט־אויף ראַדיאָ־ידיעות וועגן גאנג פון דעם קאמף
קעגן די אויפשטענדלער

אַז דער קערן פון סטראַאָפּס ידיעות זענען אָן ספק ריכטיקע. ס'איז ווירק־לעך, ווי מיר וועלן שפּעטער זען, צוגעטיילט געוואָרן דעם קעמפנדיקן געטאָ הילף דורך פּ. פּ. ר. *) און פּ. פּ. ס. **), וועגן וואָס עס באַהויפּטן סיי די פּוילישע, סיי יידישע מקורים.

פון די יידישע מקורים דאַרפן קודם דערמאָנט ווערן די דערציילונגען און באַשרייבונגען פון צוקערמאַנען, דר. בערמאַן ווי אויך די דערינערונגען פון עדעלמאַנען, ראַטהייזערן, באַזשיקאָווסקין, נייבערגן, באַרגן און לעמאַנען.

יצחק צוקערמאַן („אַנטעק"), איינער פון די הויפּט־אָרגאַניזאַטאָרן און פירער פון דער יידישער אונטערערדישער באַוועגונג און קאָמענדאַנט פון זש. אָ. ב. אויף דער אַרישער זייט, האָט פאַרעפנטלעכט אין דער פּרעסע („דאָס נייע לעבן" 1945, נומ. 2) אַן אינהאַלטרייכן סקיץ „וועגן די צוגרייטונגען צום אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ און פאַרלויף פון די קאַמפן". אָט דער סקיץ איז אַ פראַגמענט פון אַ גרעסערן באַריכט פון דער אָנפירונג פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע (זש. אָ. ב.), וועלכע איז אָנגעשריבן געוואָרן אין חודש מערץ פון יאָר 1944 און איבערגעשיקט געוואָרן קיין אויסלאַנד. דעם גאַנצן באַריכט האָט פאַרעפנטלעכט מ. נייַשטאַדט אין דער אויסגאַבע „דער אומקום און אויפשטאַנד פון די וואַרשעווער יידן", אַ בוך פון גבית־עדותן און דערינערונגען" (תל־אביב 1946 י.). צוקערמאַנס באַריכט איז אַן אויסערגעוויינלעך אינטערעסאַנטער מקור פאַר דער געשיכטע פון דער אונטערערדישער באַוועגונג אין וואַרשעווער געטאָ, ווי אויך וועגן די קאַמפן אין צייט פון אויפשטאַנד.

אַ גרויסן באַדייט האָבן פאַר מיר געהאַט די דערינערונגען פון מאַרק עדעלמאַן א. נ. „דאָס געטאָ קעמפט", וואַרשע 1945, ווי אויך זיינע אַרטיקלען ווי צ. ב. — „ווי אַזוי מיר האָבן געקעמפט אין וואַרשעווער געטאָ" („ראָבאָטניק" 1945 נומ. 25) „זיי האָבן געקעמפט" („גלאָס ראָבאָטשי" 1946 נומ. 109), וועלכע שטעלן מיט זיך פאָר אַן ערשטראַנגיקן

---

*) פּוילישע ארבעטער־פּאַרטיי.

**) פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי (לינקע)

מקור פאַר דער געשיכטע פון אַפּריל־אויפשטאַנד. דער אויטאָר, איינער פון די ערשטע אינסטרוקטאָרן פון דער געשאַפענער אין אָנהויב 1940טן יאָר, בונדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, ווי אויך אָנגעזעענער אָנפירער פון זש. אָ. ב., נאָכהער אָנפירער פון אַ קאַמפּס־גרופּע אויפן געביט פון די בערשטער־שאָפּן, וועלכע האָט זיך אַזוי העלדיש אויסגעצייכנט אין צווייטן טאָג פון די קאַמפן, גיט אַ גאַנצע ריי וויכטיקע ידיעות, וואָס געפינען זייער אָפט אַ באַשטעטיקונג אין אַנדערע מקורים.

זייער פיל פּרטים האָב איך געשעפּט פון די פיל אַרטיקלען ווי אויך פון דער רעדע וואָס איז געהאַלטן געוואָרן דעם 22־טן אַפּריל 1945 יאָר פון ד״ר אַדאָלף בערמאַן (17). (צ. ב. „דער אונטערערדישער קאַמף פון די יידן״, „גאַזעטאַ לובעלסקאַ״ 1945 נומ. 13; „דער עפּאָפּייע פון יידישער גבורה״, „דאָס נייע לעבן״ 1945 נומ. 2), ד״ר ב. האָט געהערט צו די אָנפירער פון דער אונטערערדישער באַוועגונג אין וואַרשעווער געטאָ און אַן אָנגעזעענער אָרגאַניזאַטאָר פון דער קאָנספּיראַטיווער הילפס־אַקציע פאַר די לעבנגעבליבענע יידן.

די דערינערונג פון ראַטהייזערן („קאַזיקן״), („קאַמפּס־ראַפּאָרט״, „דאָס נייע לעבן״ 1945 יאָר נומ. 2 פּאַרג. „פון די דערינערונגען פון אַ יידישן אויפשטענדלער״, פּאָלסקאַ זבראָינאַ״ 1945 נומ. 71), דעם אָנגעזעענעם קעמפער און אָרגאַניזאַטאָר פון דער רעטונגס־אַקציע פון דער יידישער קאַמפּס־גרופּע — איז זייער אַ וויכטיקער מקור פאַר דער געשיכטע פון קאַמפן אויפן געביט פון די בערשטער־שאָפּן און אַריבערטראַנספּאָרטירן פון אַ היפּשער גרופּע פון זש. אָ. ב. אויף דער „אַרישער זייט״.

אַ גרויסן באַדייט האָט פאַר מיר געהאַט די גבית־עדות פון די אָנטיילנעמער אין אַפּריל־אויפשטאַנד: טוביה באָזשיקאָווסקי („אין פייער און בלוט״, דערינערונגען פון אַן אָנטיילנעמער אין די קאַמפן פון וואַרשעווער געטאָ״, „נאָווע־סלאָוואָ״ 1946, „די ערשטע קעמפער״, „אונדזער וואָרט״ 1946 נומ. 1) ב. באָרג („עפּיזאָדן״, „דאָס נייע לעבן״ נומ. 4, „דער 1טער מאַי אין געטאָ־אויפשטאַנד״, „דאָס נייע לעבן״ 1945

נומ. 12), ווי אויך לעאָן נייבערגס („מאַריאַן") פראַגמענטן פון טאָג-בוך א. ק. „גרוזאָווצי" (חורבניקעס) (18.4 — 26.9 1943) (18).

די בראַשור פון אָקופּאַציע-צייט א. ק. „אויף די אויגן פון דער וועלט" (נאַ אָטשאַך שוויאַטאַ), וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך פּוילישע אונטערערדישע פאַקטאָרן, שטעלט מיט זיך אויך פאָר אַן אומ־געהויער ווערטיקן און אינטערעסאַנטן דאָקומענט.

איך האָב אויך גענאָסן פון די דערינערונגען פון פּאָעט וו. שלענ־געל („וואָס איך האָב געליטן די געשטאָרבענע"), ווי אויך פונעם באַ־קאַנטן וואַרשעווער זשורנאַליסט הענריק נאָוואָגראָדזקי („דריי טעג אויפן אומשלאַג-פּלאַץ"), „דאָקומענטן און מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון די יידן אין דער אָקופּאַציע-צייט", באַנד 2. „אַקציעס און אויסזידלונגען".

צום סוף קאָן איך נישט פאַרשווייגן, וויפיל איך האָב צו פאַרדאַנקען די אָבסערוואַציעס פון שרייבער, עדי־ראיה, נעמלעך מיעטשיסלאַוו יאַסטרון („פּאָטענגאַ טשעמנאָסטי" — „די מאַכט פון פינצטערקייט", אָדראָ־דזעניע" 1945 נומ. 29), סט. ר. דאָבראָוואָלסקי (טערמאָפּילסקע סקאַלי וואַרשאַווי — „די מעטראָפּאָלישע פעלדזן פון וואַרשע", „פּאָלסקאַ זבראָינאַ" 1945 נומ. 72), אַדאָלף רודניצקי („וויעלקאַנאָץ", — „פּסח" „גלאָס ראָבאָטניטשי" 1946 נומ. 109), יאַנוש סטעמפּאָווסקי („דני ניע־נאַזוואַנע" — „טעג נישט אָנגערופענע" ראָבאָטניק 1945 נומ. 95), רחל אויערבאַך („פּסח 1943", „דאָס נייע לעבן 1946 נומ. 12).

פון אָפּהאַנדלונגען דאַרף דערמאָנט ווערן שלמה מענדעלסאָנס אַרבעט א. נ. „דער ווידערשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ" (ייוואָ בלעטער" 1944 באַנד XIII נומ. 1) די אַרטיקלען פון מגר. הערש וואַסער („פון דער גע־שיכטע פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ", „דאָס נייע לעבן" 1946 נומ. 12), „זעלנער אָן געווער" (פּאַרג. די אויסגאַבע פון נוישטאַדטן) (19). מאַיאָר סט. ניענאַלטאָווסקים („צו הילף דעם קעמפּנדיקן געטאָ", „פּאָל־סקאַ זבראָינאַ", 1946 נומ. 94), ב. מאַרקס („צום יאָרטאָג פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ", „טריבונאַ וואָלנאָשטשי" 1946 נומ. 92) (20).

ד״ר יוסף קערמיש

אין דער ארבעט איבער דער שטודיע האבן מיר פרייַנטלעך געהאָלפן עטלעכע פערזאָן, וועלכע איך וויל אויף דעם אָרט אויסדריקן מיין הייסן דאנק. אין דער ערשטער ריי: רחל אויערבאך, נאכהער דעם ד״ר פיליפ פרידמאן, דעם רעד. מיכאל האָפמאן, בלומע וואסער, דעם ארכיוויסט וו. איוואן, ווי אויך דער פריינדין ליזע טאפלאָוויטש.

I

# די אנטשטייאונג פון דער ווידערשטאַנד-באַוועגונג אין וואַרשעווער געטאָ

נאָך א צייט פאַר די דייטשע מערדערישע אַקציעס האָט דער יידישער געזעלשאַפטלעכער אַקטיוו אין וואַרשעווער געטאָ געפירט אַ קאָנספּיראַטיווע טעטיקייט. ס׳זענען דאָ, נישט געקוקט אויפן מערדערישן טעראָר, געווען טעטיק כמעט אַלע פּאָליטישע פּאַרטייען און אידעאישע ריכטונגען. עס האָבן זיך באַוויזן אומלעגאַלע צייטונגען, ס׳האָט עקזיסטירט אַ נעץ פון אומלעגאַלע שולן און קולטור-אינסטיטוציעס. אַ פּאַרצווייגטע אַרבעט האָט געפירט דער אָרגאַניזירטער דורכן ד״ר ע. רינגעלבלום צענטראַלער יידישער אַרכיוו, וועלכער האָט אויפגעזאַמלט אַ סך דייטשע דאָקומענטן און עדות-זאָגונגען פון עדי־ראיה, ווי אויך רעפּאָרטאַזשן, אָפּהאַנדלונגען וכדומה (21).

ווען עס האָבן אָנגעהויבן אָנקומען אַלאַרמירנדיקע ידיעות וועגן מאַסן־מאָרדן אין ווילנע, סלאָנים, באַראַנאָוויטש, ווי אויך וועגן פּאַרגאַזעווען יידן אין כעלמנאָ הייבט אָן אַלץ מער באַהערשן די מוחות אין וואַרשעווער געטאָ, די אידעע פון באַוואָפנטן ווידערשטאַנד, וואָס האָט שוין פון לאַנג געצייטיקט. עס אַנטשטייען די ערשטע קאַמפּס־גרופּן ביי די יוגנט-אָרגאַניזאַציעס (22).

אין רעזולטאַט פון די אַדורכגעפירטע, אַ דאַנק דער איניציאַטיוו פון פּ. פּ. ר., באַראַטונגען אין סוף פעברואַר 1942, מיטן סאָוויעטישן פּאַ־

ראשוטיסט אנדריי שנידט אין וועלכע עס האָבן קודם־כל אנטיילגענומען די פאָרשטייער פון פועלי-ציון (לינקע), דאַן די רעפּרעזענטאַנטן פון „השומר הצעיר", פּועלי-ציון (צ. ס.) און „דרור", ווערט געשאַפן אין מערץ 1942 דער יידישער אַנטיפאַשיסטישער בלאָק (23). זיין עיקר־אויפגאַבע איז געווען אויסצושולן קאַמפּס־גרופּן צום קאַמף מיטן פאַשיזם, ווי אויך אָרגאַניזירן הילף פאַר די קרבנות פון פאַשיזם. די אָרגאַניזאַציע האָט אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ צייטונג א. נ. „דער רוף". אין אַ קורצער צייט אַרום אַנטשטייען קאַמפּס-פינפטלעך, אין וועלכע ס'טרעטן אריין מאַסנהאַפט יוגנטלעכע, הונדערטער אַרבעטער און האַרעפּאַשניקעס. אויף אַזאַ אופן איז דעם מיליטערישן אַפּטייל פון אַנטיפאַשיסטישן בלאָק, בראָש פון וועלכן עס זענען געשטאַנען: א. שמידט, יוסף קאַפּלאַן, מרדכי טענענבוים, דער שפּעטערדיקער קאָמענדאַנט פון זש. אָ. ב. אין ביאַליס־טאָק, פּישלזאָן און הערש לאַנד, געלונגען צו שאַפן אויף די יסודות פון שטרענגסטער קאָנספּיראַציע אַ גרויסע צאָל קאַמף־פינפטלעך (24). דאָך איז צוליב דער דורכאויסיקער איזאָלאַציע פון געטאָ נישט געלונגען אָנ־בינדן אַן ערנסטן קאָנטאַקט מיטן אונטערערדישן פּוילן. דאָס האָט אומ־מעגלעך געמאַכט נישט נאָר דאָס קויפן געווער, נאָר אפילו נויטיקע האַנט־ביכער. נישט געקוקט דערויף זענען די קאַמף־פינפטלעך פון אַנטיפאַשיס־טישן בלאָק אַדורכגעגאַנגען אַ מיליטערישע אויסשולונג; און זיי האָבן אין דער צייט פון אַפּריל־אויפשטאַנד געוויזן מוסטערן פון אומבאַשרייב־לעכער גבורה און העלדנמוט.

אין פּעריאָד פון דער ערשטער „אויסזידלונג"-אַקציע אין וואַרשע־ווער געטאָ (22.7 - 21.9 1942), וואָס איז פאָרגעקומען ביי פולשטענדי־קער פּאַסיווקייט מצד דער טעראָריזירטער, דערהדריקטער און דעמאָראַלי־זירטער, דורך הונגער און שרעק, יידישער באַפעלקערונג, איז צו קיין מאַסן־קאַמף נישט דערגאַנגען. ביי דעם רוב פון דער יידישער באַפעלקע־רונג איז נאָך דאַן די אידעע פון אַקטיוון ווידערשטאַנד נישט געווען פּאָ־פּולער. עס האָט ביי די ברייטע מאַסן געהאַמעוועט דעם ווילן צום באַ־וואָפנטן קאַמף, דאָס געשפּענסט פון קאָלעקטיווער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, ווי אויך די בליץ־שנעלע טעמפּאָ פון דייטשער אַקציע, וועלכע האָבן אומ־

מעגלעך געמאַכט יעטוועדע איניציאַטיוו, און צולעצט „די טראַגעדיע פון כסדרדיקע אילוזיעס און די פיניקונג פון פאַלשע האָפענונגען, וואָס פלעגט פאַרשפּרייטן די טיוולאָנישע דייטשע צביעות" (ד"ר בערמאַן); איבעריקנס האָט די מאַסע, פונקט אַזוי ווי אין אַנדערע שטעט בעת די ערשטע אַקציעס, אַ צעטומלטע דורך דער ליגנערישער דייטשער פּראָפּאַגאַנדע, נישט געגלויבט אין פיזישן אומקום און האָט געהאַלטן, אַז אויב ס'וועט צוגעשטעלט ווערן דער געפאָדערטער קאָנטינגענט פאַר דער אויסזידלונג, וועט די רעשט פון געטאָ בלייבן אויף אָן אָרט. אויף אַזאַ אופן איז די דייטשן געלונגען צעטיילן די יידישע באַפעלקערונג אויף צוויי טיילן: איינע אַ פאַראורטיילטע צום אומקום, און די צווייטע — וואָס האָט געהאַט די האָפענונג צו בלייבן ביים לעבן (25). די קעמפער האָט אויך אוממעגלעך געמאַכט דעם קאַמף אויף אַ גרעסערן מאַסשטאַב דאָס פעלן פון געווער און אַמוניציע.

דעם 28טן יולי 1942 י. אין גאַנג פון דער אַקציע, איז אויף דער זיצונג פון „החלוץ" און יוגנט־אָרגאַניזאַציעס וואָס געהערן צו אים: „השומר הצעיר", „דרור", און „עקיבא", באַשלאָסן געוואָרן שאַפן אַ יידישע קאַמפס־אָרגאַניזאַציע (זש. אָ. ב.) און ס'איז אויסגעטיילט געוואָרן אַ שטאַב אין וועלכן עס זענען אַריין: שמואל ברעסלאַוו, יצחק צוקערמאַן, צביה לובעטקין, יוסף קאַפּלאַן און מרדכי טענענבוים (26). אויף דער אַרישער זייט זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן: טאָסיע אַלטמאַן, פרומקע בלאָטניצקע, לאה פערלשטיין, און אריה ווילנער (יורעק) בכדי אָנצובינדן אַ קאָנטאַקט מיט דער פוילישער אונטערערדישער באַוועגונג און באַקומען געווער פאַר דעם געטאָ (27).

צום באַדויערן האָבן די פאָרגענומענע פּרוּוון אין אויגוסט 1942 אָנצובינדן אַ קאָנטאַקט מיט דער „אַרמיאַ קראַיאָוואַ" — בכדי צו באַקומען הילף ביים אָרגאַניזירן דעם באַוואָפנטן ווידערשטאַנד קעגן די דייטשע אַקציעס — אָנגעטראָפן אויף אַ נעגאַטיווער שטעלונג מצד די פוילישע מיליטערישע מאַכט־אָרגאַנען (28). אין אַזעלכע באַדינגונגען האָט די יידישע ווידערשטאַנד־באַוועגונג זיך באַגרענעצט בלויז צו ספּאָראַדישע אַקטן פון דיווערסיע און סאַבאָטאַזש (29). מען האָט קאָלפּאָרטירט אומ־

לעגאלע אויפרופן אין וועלכע מען האט דערקלערט, אז די אויסזידלונג קיין טרעבלינקע און טראווניק באדייטן טויט און גערופן צו פאסיוון און אקטיוון ווידערשטאנד. מען האט בעת דער אקציע פונאנדערגעטיילט טויזנטער מענטשן פאלשע „ארבעטס-שיינען", מען האט ארויסגערופן די-ווערסיע-שרפות אין די בלאקן, וואס זענען פארלאזט געווארן דורך יידן און פון וועלכע די דייטשן האבן ארויסגעפירט דאס צוגענומענע פארמעגן. באזונדערס איז דערצו אויסגענוצט געווארן די נאכט פון 20טן אויגוסט, בשעת דעם אנפלי פון סאוויעטישע באמבארדיר-עראפלאנען אויף ווארשע (30). אין דעם זעלביקן טאג האט די יידישע קאמפס-ארגאניזאציע אפגעגעבן איר ערשטן שאס. ישראל קאנאל האט שווער פארוואונדעט מיט צוויי רעוואלווער-שאסן דעם קאמענדאנט פון דער יידישער פאליציי יוזעף שערינסקי, וועלכער האט מיטן באזונדערן אייפער אנגעפירט מיט די „לא-פאנקעס" (כאפעניש). ס'איז אויך אויסגעפירט געווארן אן אטענטאט אויף דעם אפיציר פון דער יידישער מיליץ, שמערלינג, דעם מערדער פון אומשלאג-פלאץ, לײדער איז דער אטענטאט נישט געלונגען (31).

אויף דעם צווייטן טאג האט מען באקומען די ערשטע הילף פון דער „פאלקס-גווארדיע" (גווארדיא-לודאווא): 9 רעוואלווערן און 5 האנט-גראנאטן.

דאך איז די דייטשן געלונגען צו דערשטיקן די ווידערשטאנד-באוועגונג ביי איר סאמע אנהויב. ס'איז ארעסטירט געווארן יוסף קאפלאן און ס'איז אויך דערמארדעט געווארן אויפן גאס שמואל ברעסלאוו. אויפן פאסטן איז אויך געפאלן א סך פריער אנדריי שמידט, איינער פון די קאמפס-פירער פון געטא; לעווארטאווסקי (דער אלטער יוסף) — סעקרע-טאר פון ראיאן קאמיטעט פון פ. פ. ר. אין געטא און דער פירער פון פועלי ציון לינקע — שכנא זאגאן זענען פארנומען געווארן בעת דער אקציע (32).

ווען די ווידערשטאנד-באוועגונג וואלט דאן דיספאנירט מיט געווער, וואלטן אן שום ספק די געשעענישן געהאט אינגאנצן אן אנדערן פאר-לויף (33).

נאך דער ערשטער אקציע, וועלכע האט פארשלונגען לויט די דײ-

טשע קוועלן אַזש 310.322 קרבנות און נאָך וועלכער עס זענען נאָמינעל פאַרבליבן 33.400 יידן באַשעפטיקטע אין פאַבריקן און אויף דייטשע ארבעטס־פּלעצער, אין דעם 3.000 באַאַמטע פון יידנראַט און זיינע אַנ־שטאַלטן. פאַקטיש איז מיט די, וואָס ס'איז געלונגען זיך אויסבאַהאַלטן, געווען ביז 60.000 פּערזאָן (34). ווען ס'איז קלאָר געוואָרן די שטרעבונג פון די דייטשן פּולשטענדיק פאַרניכטן די יידן, איז דער ווילן צום קאַמף אויף לעבן און טויט, צווישן דער איבערגעבליבענער יידישער באַפעלקע־רונג, וועלכע איז איבערהויפּט באַשטאַנען פון מענטשן אין יונגן און מי־טעלן עלטער, געוואָרן אַלץ רייפער, און זיך געהאַרטעוועט ווי שטאָל אין פייער פון דעם שוידערלעכסטן טראַר אין דער געשיכטע (35).

אין דעם פּעריאָד איז געשאַפן געוואָרן דער אונטערערדישער יידי־שער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט, אין באַשטאַנד פון וועלכן ס'זענען אריין כמעט אַלע עקזיסטירנדיקע יידישע אָרגאַניזאַציעס, דעמאָקראַטישע און פּראָגרעסיווע, ציוניסטישע און סאָציאַליסטישע: די ארבעטער פּאַרטייען פּועלי ציון (לינקע און צ. ס.), החלוץ, די ציוניסטישע־סאָציאַליסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס „השומר הצעיר", „דרור", „גורדוניה", אַלגעמיינע ציוניסטן און פּ. פּ. ר. דער יידישער נאַציאָנאַל קאָמיטעט, וועלכער האָט צוגעצויגן צו מיטאַרבעט פיל טוער פון צענטראַלע הילף־ און זעלבסט־הילף־אָרגאַניזאַציעס, ווי אויך ברייטע קרייזן פון אומפּאַרטייאישע, איז געוואָרן די וויכטיקסטע געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע רעפּרעזענטאַנץ פון אונטערערדישן געטאָ.

ניִשט געקוקט אויף די אידעאישע חילוקי־דעות, האָבן די ריכטונגען וואָס זענען אריין אין באַשטאַנד פון דעם יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט (זש. ק. נ.) זיך פאַראייניקט אויף דער פּלאַטפאָרם פון באַוואָפנטן קאַמף מיטן שונא (36).

אדאַנק דער איניציאַטיוו פון דער אָנפירונג פון דער חלוצישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, ווי אויך פון פּרעזידיום פון צ. ק. פון „בונד" ווערט אַרום 20־טן אָקטאָבער 1942 י. געשאַפן אַן א. נ. קאָאָרדינירן־קאָמיטעט אין באַשטאַנד פון וועלכן עס גייען אריין פאָרשטייער פון אַלע עקזיס־טירנדיקע פּאָליטישע פּאַרטייען (37) די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע

(זש. א. ב.) אין וועלכער עס האָבן זיך איצט פאַראייניקט כמעט אַלע טע־טיקע אין געטאָ קאַמף־אָפּטיילונגען, איז אנערקענט געוואָרן אַלס דער באַוואָפנטער אָרעם פון קאָאָרדינירקאָמיטעט, פון זש. ק. ג. און „בונד" (38). אַזוי אַרום האָט דער זש. אָ. ב. רעפּרעזענטירט כמעט די גאַנצע יידישע געזעלשאַפט, נאָר איר אַוואַנגאַרד האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס פון פּ. פּ. ר. „בונד" און פּועלי־ציון, ווי אויך די ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס „השומר" און החלוץ (39). ס'איז אויך אויסגעטיילט געוואָרן אַ שטאַב פון זש. אָ. ב., בראָש מיט דעם 24 יעריקן קאָמענדאַנט מרדכי אניעלעוויטש, אַן אָנגעזעענעם קאָנספּיראַטיוון טוער פון דער ציוניסטישער יוגנט־גרופּע „השומר" (אָרגאַניזאַציע־אָפּטייל) (40) אַלס זיין פאַרטרעטער: יצחק צוקערמאַן (אַנטעק) פון החלוץ (באַוואָפנונג־אָפּטייל). אין באַשטאַנד פון שטאַב זענען אריין מאַרעק (עדעלמאַן) פון „בונד" (אויספירונג) (41), מיכאל ראָזנפעלד פון פּ. פּ. ר., וועלכער איז נאָכן אויפשטאַנד אומגעקומען בעת די פּאַרטיזאַנער־קאַמפן; הערש בערלינסקי פון פּועלי־ציון לינקע (פּלאַנירונג) און יוחנן מאָרגענשטערן (פינאַנס־אָפּטייל) (42).

ס'דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז אין שטאַב פון זש. אָ. ב. האָט זיך נישט געפונען קיין איין פּראָפעסיאָנעלער אָפיציר (43) הגם מען האָט בעתן אויפשטאַנד אומעטום גערעדט, אַז מיט די קאַמפן אין געטאָ האָבן אָנגעפירט אָפיצירן.

דער הויפּטציל פון דער יידישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע איז געווען — שטעלן אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד אין פאַל ווען עס וועט זיך איבער־חזרן די פאַרניכטונגס־אַקציע (44).

נאָך דער ערשטער אַקציע איז דאָס וואַרשעווער געטאָ איינגעשרומפּן געוואָרן ביז די פאָלגנדיקע געביטן:

1. — לעשנאָ (פון ראָג קאַרמעליצקע און לעשנאָ), נאָר די גראַדע נומערן (פון נר. 34 ביז נר. 80) ביז ראָג זשעלאַזנע. דער אָפּשניט פון זשעלאַזנע ביז נאָוואָליפּיע, סמאָטשע ביז נאָוואָליפּקי, די אומגראַדע ביז קאַרמעליצקע; קאַרמעליצקע אומגראַדע — ביז לעשנאָ. ס'האָבן זיך

דאָ געפונען די שאָפּן פון טעבענס און שולץ (דער גרויסער שאָפּ), ק. ג. שולץ (קליינער שאָפּ) ראָהריך, האָפמאַן, האַלמאַן און שילינג.

2. — דאָס געביט פון צענטראַלן געטאָ: די גראַדע נומערן פון גענשע ביז סמאָטשע, פון סמאָטשע ביז פּאַריסאָווער פּלאַץ, שטשענשליווע, סטאַווקי, פּאָקאָרנע, מוראַנאָווער פּלאַץ צווישן פּאָקאָרנע און נאַלעווקעס, פראַנציסקאַנער גראַדע ביז באַניפראַטערסקע, דאָ האָבן זיך געפונען די אַמטן פון יודנראַט, ווי אויך די „פּלאַצווקע" פון ס. ס. „ווערטערפאַסונג", וועלכע האָט געהאַט פאַר אַן אויפגאַבע קאָנפיסקירן דאָס יידישע פאַרמעגן נאָך די „אויסגעזידלטע". אויף דעם שטח פון די גראַדע נומערן הייזער-בלאָקן אויף די נאַלעווקעס, האָבן זיך געפינען די פאַבריקן פון דייטש בראַוער און די וווינונגען פון זיינע יידישע אַרבעטער.

3. — דאָס געביט פון די בערשטער: („העררעס אונטערקונפטס-פער-וואַלטונג") צווישן פראַנציסקאַנסקע אומגראַדע, וואָלאָווע גראַדע, שוו. יערסקע גראַדע און באַניפראַטערסקע.

4. — דאָס געביט פון אַזוי גערופענעם „קליינעם געטאָ" צווישן פּאַנסקע, זשעלאַזנע וואַליצווו, פּראָסטע, טשעפּלע און טוואַרדע. ס'האָבן זיך דאָ געפונען די פיליעס פון טעבענס וואַרשטאַטן און דאָס געטאָ פאַר די יידישע אַרבעטער (45).

די געמויערטע וואַנט, וואָס האָט אַרומגערינגלט דאָס געטאָ אויף אַ לענג פון 16 קלמ. און הויך פון 3 מ. האָט אָפּגעטיילט די יידן פון דער וועלט. פון אינעווייניק זענען געווען אָפּגעטיילט פונאַנאַנד באַזונדערע געביטן, און אַפילו פאַבריקס-בלאָקן, באַשווערנדיק אַזוי אַרום דעם קאָנ-טאַקט. טאָג-טעגלעך האָבן די יידן באַצאָלט מיט זייער לעבן פאַרן וואָגן באַוועגן זיך איבער די אָפּגעשטאָרבענע גאַסן אין משך פון טאָג (46).

היות דאָס געטאָ איז געווען צעטיילט אויף אַ סך בלאָקן, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין שום קאָנטאַקט מיטאַנאַנד, איז די זש. אָ. ב. געווען געצווונגען צו פירן די אַרבעט אויף באַזונדערע געביטן (47). עס ווערן געשאַפן סוף יאַנואַר 1943, 22 קאַמפס-גרופּן (48).

צום באַדויערן איז כמעט ווי נישט געווען אין געטאָ קיין געווער. עס איז געלונגען צו באַקומען עטלעכע רעוואָלווערן ביי דער פאָלקס-גוואַר-

דיע (גוואַרדיאַ לודאָווא). דאַן ווערן אויסגעפירט צוויי אַטענטאַטן אויף יידישע פאַרעטער: דעם קאָמענדאַנט פון דער יידישער פּאָליציי יאַקוב לייקין (29טן אָקטאָבער) און אויפן פאָרשטייער פון יידנראַט אין אויס־זידלונגס־שטאַב י. פירסטן. די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע איז אַזוי אַרום געוואָרן פּאָפּולער. חוץ לזה פירט אויס די זש. אָ. ב., וועלכע איז דאָס רוב באַשטאַנען פון סאָציאַליסטישער יוגנט, עטלעכע טעראָריסטישע אַקטן איבער יידישע מייסטערס, וועלכע האָבן זיך באַזונדערס געלאָזט פילן די אַרבעטער. די באַמיאונגען פון די יידישע פאַרשווערער צו באַקו־מען געווער ביי דער דעלעגאַטור פון דער רעגירונג טרעפן אָן אויף גרויסע שוועריקייטן. בעת איינער פון אַזעלכע שטראָף־עקספּעדיציעס אויפן גע־ביט פון האַלמאַנען (סטאָלער־שאָפּ) האָט די דייטשע ווערקשוץ פאַרכאַפּט דריי קעמפער און זיי אַריינגעזעצט אין אָרטיקן אַרעסט. ביינאַכט האָט די קאַמפּס־גרופּע פון געביט פון די ראָהריך־שאָפּן אונטער דער אָנפירונג פון ג. פרישדאָרף אַנטוואָפנט די דייטשע וואַך און באַפרייט די אַרעס־טאַנטן. אין העלפט נאָוועמבער, ווען ס׳איז פאַרהעלטניסמעסיק געווען רואיק, האָבן די דייטשן געפרווט אַרויספירן עטלעכע הונדערט יידן פון פאַרשידענע שאָפּן כלומרשט אויף אַרבעט אין קאָנצענטראַציע־לאַגער אין לובלין, האָט דאַן דער קעמפער וו. ראָזאָווסקי אויסגעבראָכן אַ פּאַרקראַ־טעוועט פענצטערל אין לאַסט־וואַגאָן, אַרויסגעוואָרפן דורך דעם 7 מיידע־לעך, און דערנאָך אַליין אַרויסגעשפּרונגען (49).

אין אָקטאָבער 1942, האָט מרדכי טענענבוים אַלס מיטגליד פון דער דעלעגאַציע וואָס האָט רעפּרעזענטירט דעם יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט אין וואַרשע, זיך געטראָפן מיט דעם רעפערענט פאַר יידישע ענינים ביים באַפולמעכטיקטן פון דער פוילישער רעגירונג אין וואַרשע, מיטן שעף פון פּראָפּאַגאַנדע און פּרעסע ביי דער אָנפירונג פון ציוויל־קאַמף (קיעראָוו־ניצטוואָ וואַלקי ציווילנעי) אין וואַרשע, און מיט אַ פאָרשטייער פון פּוי־לישן מיליטער, בכדי אַרומצורעדן די באַדינגונגען און אופנים פון אַקטי־ווער מיטאַרבעט פון די פוילישע בירגער, וועלכע זענען פאַרשפּאַרט גע־וואָרן דורכן אָקופּאַנט אין געטאָ, מיט דער אומאָפּהענגיקייט־באַוועגונג אין לאַנד. נאָך עטלעכע קאָנפערענצן איז פעסטגעשטעלט געוואָרן די אי־

דענטישקייט פון דער שטעלונג בנוגע די מעטאָדן פון קאַמף מיטן אָקופּאַנט און די אַבסאָלוטע איינשטימיקייט פון די אָנשויאונגען אויף דעם ווידעראויפבוי און באַפעסטיקונג פון דער אומאָפּהענגיקייט פון לאַנד. אין רעזולטאַט פון דער זיך אַנטוויקלענדיקער צוזאַמענאַרבעט זענען מיטגלידער פון פּאַרטייען און פאַרבאַנדן, וואָס זענען אַריינגעגאַנגען אין באַשטאַנד פון יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט, אַריינגעצויגן געוואָרן אין אַלע סעקטאָרן פון דער באַוועגונג, אָנהייבנדיק פון קאָלפּאָרטאַזש פון דער אומאָפּהענגיקייט-פּרעסע, און ענדיקנדיק מיט דער מיטבאַטייליקונג אָדער זעלבסשטענדיקן אויספירן אַ ריי דיווערסיע-און סאַבאָטאַזש-אַקטן, אין די גרענעצן פון דער א. ג. „ג. ג." (גענעראַל גובערניע). אין גאַנג פון דער צוזאַמענאַרבעט „זענען איינגעשטעלט געוואָרן חברישע באַציאונגען, וואָס אַנטשפּרעכן מענטשן, וועלכע דינען דער זעלביקער זאַך". (50).

ס'איז אויך באַוווסט, אַז אין נאָמען פון זש. ק. נ. האָט יורעק (אריה ווילנער) זיך באַמיט מיט דער הילף פון דער אָנפירונג פון פּוילישן סקויטינג „אָנבינדן אַ קאָנטאַקט צווישן דער פאָרשטייערשאַפט פון דער יידישער געזעלשאַפט מיט די ציווילע און מיליטערישע אָרגאַנען אין לאַנד (א. ק.), ווי אויך באַקומען הילף פאַר דער זש. אָ. ב." און ווירקלעך איז אָנגעבונדן געוואָרן אַ קאָנטאַקט אויפן סמך פון צוויי אידענטישע דעקלאַראַציעס פון יידישן קאָאָרדינירקאָמיטעט, אונטערגעשריבענע דורך יורעקן און מיקאַלי פיינערן, וועלכע זענען אַדרעסירט געווען צו דעם הויפּט-קאָמענדאַנט און צו דעם רעגירונגס-דעלעגאַט.

דער הויפּט-קאָמענדאַנט „גראָט" האָט געענטפערט דער יידישער פאָרשטייערשאַפט אויף זייער דעקלאַראַציע, אין באַפעל פון 11טן נאָוועמבער 1942 י. די דעקלאַראַציע איז גענומען געוואָרן צו קענטעניש, די אויסגעדריקטע קאַמפס-גרייטקייט — געלויבט.

די יידישע פּאָסטולאַטן האָבן געצילט צו באַקומען געווער און פאַכהילף ביים צוגרייטן דעם ענדגילטיקן קאַמף פון וואַרשעווער געטאָ.

אויף די צודרינגלעכע בקשות איז אויסגעטיילט געוואָרן אין דעצעמבער 1942 י. דער זש. אָ. ב. 10 רעוואָלווערן מיט אַ נישט גרויסער צאָל אַמוניציע. דאָס געווער איז געווען אין אַ זייער שלעכטן צושטאַנד און

האָט נאָר טיילווייז געקאָנט אויסגענוצט ווערן. די זש. אָ. ב. האָט געפּאָדערט אַ מער ממשותדיקע הילף, מעלדנדיק וועגן דער גרייטקייט איבערוויזן אַ גרעסערע טייל פון אירע פאַנדן אויף איינקויפן געווער (51).

נאָכן באַקומען פון דער ארמיא קראַיאָווא דאָס דערמאָנטע געווער, האָט די יידישע קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע זיך אָנגעהויבן צוגרייטן צו אַ גרעסערער נקמה־ארויסטרעטונג קעגן דער יידישער פּאָליציי (52), אויף דעם 22טן יאַנואַר 1943, — אין 6 חדשים נאָך דער גרויסער זומער־אַקציע פון 1942.

אין משך פון די עטלעכע חדשים נאָך דער ערשטער אַקציע האָבן די וואַרשעווער יידן זיך צוגעגרייט באַהעלטענישן אין קעלערס און אויף בוידעמער. זיי האָבן די צימערן אין זייערע וווינונגען אָפּגעטיילט מיט פאַלשע ווענטלעך, געבויט דאָפּלטע סופיטן א. א. וו. (53).

אין דער צייט פון דער צווייטער ליקווידאַציע־אַקציע וואָס איז פאָרגעקומען אין די טעג פון 18טן - 21טן יאַנואַר 1943, האָבן די דייטשן, נאָך פיל־חדשימדיקן שטראָפּלאָזן פאַרניכטן פון געטאָ, אָנגעטראָפן אויף אַן אומגעריכטן ווידערשטאַנד.

אין אָנפאַנג-מאָמענט פון דער יאַנואַר-אַקציע האָבן זיך פון 50 קאַמפּס־גרופּן פאַרבאַריקאַדירט בלויז 4, שטעלנדיק צום ערשטן מאָל אין געטאָ אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד. די רעשט קעמפער האָט דאָס אומגעריכטע אריינטרעטן פון די דייטשן אין געטאָ געטראָפן נישט צוגעגרייט און זיי האָבן נישט געקאָנט צוקומען צו די געווער-סקלאַדן.

די יידישע קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע מאַכט דורך די פייער־פּראָבע אין דער ערשטער גרעסערער גאַסן-שלאַכט, וועלכע איז פאָרגעקומען ביי דער קרייצונג פון ניסקע און זאַמענהאָף, ווו עס פאַלן אַ סך יידישע קעמפער. דאָ האָט די קאַמפּס-גרופּע, וועלכע איז אַרויס פון מילע 64, זיך געוואָרפן אויף אַ דייטשער עסקאָרטע און זי אַנטוואָפנט (54). עס קומט צו גרעסערע צוזאַמענשטויסן אין די מויערן: זאַמענהאָף 40 און 56, מוראַנאָווסקע 44, מילע 34, 41, 63, פראַנצישקאַנסקע 22. אָנגעפירט מיט די אָפּטיילונגען, וואָס האָבן דאָרט געקעמפט, האָבן יצחק צוקערמאַן, אליעזר געלער, אריה ווילנער. באַזונדערס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער מוט

און קאַלטבלוטיקייט זכריה ארטשטיין, בנימין וואַלד און הענעך גוטמאַן (55).

צווישן אַ געוויסער פּאַרטיע יידן, וואָס איז געפירט געוואָרן צום אומ־שלאַג־פּלאַץ האָט זיך געפונען אַ גרופּע פון „השומר הצעיר" מיטן קאָ־מענדאַנט פון זש. אָ. ב. אַניעלעוויטש בראַש, וועלכע איז געכאַפּט גע־וואָרן אין אַ סיטואַציע, וואָס האָט אוממעגלעך געמאַכט אַ וועלכן עס איז ווידערשטאַנד. ווען די פּאַרטיע איז פּאַרבייגעגאַנגען עק זאַמענהאָף און גיסקע, האָבן די קעמפער פון „השומר הצעיר" באַוואָרפן די וואַך מיט גראַנאַטן. צווישן די דייטשן איז געוואָרן אַ פּאַניק, פיל ס. ס.־לייט זענען געהרגעט געוואָרן. אויסנוצנדיק די פּאַניק איז די גאַנצע גרופּע יידן זיך פונאַנדערגעלאָפן. יידישע קעמפער האָבן זיך דאַן פּאַרבאַריקאַדירט אין אַ קליין הייזעלע אויף גיסקע, פון וואַנעט זיי האָבן נאָכער באַשאָסן די אַנ־קומענדיקע דייטשע פאַרשטאַרקונגען. נישט קאָנענדיק זיך אַריינקריגן אין הייזל, האָבן די דייטשן עס אונטערגעצונדן (56). די קעמפער האָבנדיק אויסגעשאָסן די לעצטע קוילן זענען אומגעקומען. פון דער גאַנצער גרופּע האָט זיך באַוויזן אַרויסקריגן בלויז דער קאָמענדאַנט אַניעלעוויטש, וועל־כער האָט זיך מיט הוילע הענט אַ וואָרף געטאָן אויף אַ דייטש, אַרויסגע־ריסן ביי אים די ביקס און ווייטער געקעמפט. ס'איז אים דאַן, ווי על־פּי נס, געלונגען אַנטלויפן.

צום ערשטן מאָל האָבן וואַרשעווער יידן געזען דייטשן ליגן אין קאָ־לוזשעס בלוט. די דייטשע קאַרעטקע פון גיבע הילף האָט אַרומגעקרייזט איבערן געטאָ. צום ערשטן מאָל האָט מען געזען דייטשן פויזן אויף דער ערד, אונטער מויערן, איינגעבויגענע, גייענדיקע מיט פּאָרזיכטיקע טריט, פול מיט שרעק פאַר אַ יידישער קויל. צום ערשטן מאָל האָבן ס.ס.־לייט מורא געקראָגן אַריינגיין אין קעלערן און באַהעלטענישן.

אונדז איז אויך באַקאַנט אַ פראַגמענט פון קאַמף אויף זאַמענהאָף 56 - 58. אויפן דריטן שטאָק האָבן זיך צונויפגעקליבן ביי אַ 40 קעמפער פון „דרור" צו וועלכע עס האָט זיך שפּעטער פאַראייניקט אַ גרופּע פון „גורדוניה". זייער גאַנצע באַוואָפענונג איז באַשטאַנען פון 4 רעוואָלווערן, 3 גראַנאַטן, אייזערנע לאָמען, צינד־פלעשער און „אַנדערע קאַמפס כלי־

זין״. דער באוווסטער העברעאישער פאעט יצחק קאצענעלסאן, וואס האט זיך געפונען אין דער גרופע האט זיי צוגעגעבן קאמפס־מוט. „איך בין גליקלעך — זענען געווען זיינע ווערטער — וואס איך שטארב צוזאמען מיט קעמפנדיקע חלוצים. מיר שטארבן מיטן באוווסטזיין וועגן דער אייביקייט פון יידישן פאלק״. ווען די דייטשן זענען אריין אין הויז, האט זכריה ארטשטיין אויסגעשאסן פון הינטן ארום. אויפן ארט זענען געפאלן צוויי דייטשן. הענעך גוטמאן, און נאך אים אלע איבעריקע, זענען ארויסגעלאפן אויף די שטיגן, און באשאסן די דייטשן וואס זענען געבליבן אין דרויסן. דער קאמף איז אויך פארגעקומען מיט דער הילף פון לאמען און פלעשער. אויף די טרעפ איז דערהרגעט געווארן איין דייטש, ס׳איז געפאלן דער קעמפער מאיר פינקעלשטיין. די דייטשן איז נישט געלונגען ארויסצושלעפן פון דעם הויז קיין איין ייד. נאך דעם קאמף האט כמעט די גאנצע קאמפס־גרופע זיך אפגעטראגן דורך דעכער פון 4 שטאקיקע מויערן, בארעקטע מיט אייז און שניי, אויף מוראנאווסקע 44 (57).

אויף דעם נייעם ארט איז ווידער געקומען צו א צוזאמענשטויס מיט די דייטשן. ווען דורך דעם ערשטן געווארפענעם, דורך די קעמפער, גראנאט איז דערהרגעט געווארן א דייטש, איז זיך די רעשט שונאים פונאנדערגעלאפן.

צו אן ערנסטן קאמף איז דערגאנגען אויף מילע 34 אין קיבוץ פון „דרור״. א גאנצע ריי קעמפער האבן פארנומען די אנגעמערקטע לויטן פלאן פאזיציעס אין פארשידענע ווינקלען פון הויז, און ביי די ארייננגענג אין הויף. אין די פארטאגיקע שעהן, דינסטיק דעם 19טן יאנואר, האט זיך אויפן הויף באוויזן א גרעסערע אפטיילונג פון ס. ס.-לייט, און אויפגעפאדערט די יידן צו פארלאזן די דירות. אבער קיין איין ייד האט נישט אויסגעפילט דעם באפעל. ווען די דייטשן האבן זיך געפונען אויף די טרעפ וואס פירן צו די העכערע שטאקן, האבן די קעמפער זיי באשאסן מיט א האגל פון קוילן. די דייטשן האבן אנגעהויבן אנטלויפן, איבערלאזנדיק אויפן ארט 5 טויטע און אזא צאל פארוואונדעטע. אין עטלעכע שעה ארום איז געקומען א גרעסערע גרופע דייטשן און אנגעהויבן זוכן די יידישע קעמפער, וועלכע האבן אין צווישנצייט זיך באוויזן אפצוטראגן דורך די



די דייטשן באָמבאַרדירן דאָס געטאָ



דעכער אויף זאַמענהאָף 39. די דייטשן איז בלויז געלונגען אַרויסצו־שלעפּן פון די באַהעלטענישן אַ צאָל יידן, וועלכע זיי האָבן דערשאָסן אין הויף (58).

אויך אויפן געביט פון שולצס שאָפּ וואַרפן די קעמפער גראַנאַטן אויף די ס. ס.־לייט, וואָס נעמען אַנטייל אין דער אַקציע. פאַר דעם באַ־וואָפנטן ווידערשטאַנד האָט זיך שפּעטער מערדערלעך נוקם געווען אין שולצס אַרבעטער אויפן אומשלאַג־פּלאַץ בראַנדט אַליין, איינער פון די גרעסטע הענקער פון די וואַרשעווער יידן (59).

אויפן געביט פון שולצס שאָפּ איז געפאַלן דער יידישער קעמפער א. פיינער (60). אַ צווייטער קעמפער, ישראל קאַנאַל האָט העלדיש אַטאַ־קירט די דייטשן אין די שאָפּן פון טעבענס און שולץ (61).

איינע פון די קאַמפס-גרופּן, וואָס איז נאָך נישט געווען באַוואָפנט, האָבן די דייטשן געכאַפּט און אַוועקגעפירט אויפן אומשלאַג-פּלאַץ. פאַרן אַריינגיין אין די וואַגאָנעס האָט דער קעמפער ב. פעלץ געהאַלטן אַ קורצע רעדע. אין רעזולטאַט האָט קיינער פון די איבער 60 מאַן נישט געוואָלט אַריינגיין אין די וואַגאָנעס. אַלע זענען אויפן אָרט דערשאָסן געוואָרן דורך דעם שעף פון דעם שטראָפלאַגער טרעבלינקע I, פאַן אויפּפען (62).

ס'האָט אָפט געטראָפן, אַז די געכאַפּטע פלעגן אויסברעכן די וועגט־לעך און אַרויסשפּרינגען פון לויפנדיקן צוג. אַ הייפל יידן איז אפילו גע־לונגען צו אַנטלויפן פון טרעבלינקע גופא (63).

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם אומגעריכטן ווידערשטאַנד, זענען די דייטשן געווען געצוווּנגען איבעררייסן די אַקציע, אין רעזולטאַט פון וועל־כער עס זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין טרעבלינקע 6.500 יידן (64). בסך־הכל איז אין רעזולטאַט פון די קאַמפן דערוואָרבן געוואָרן עטלעכע ביקסן און מאַשין-געווער; געהרגעט אָדער פאַרוווּנדעט 50 דייטשן (65).

דאָס אויפהויבן, צום ערשטן מאָל, דורך די אָפּטיילונגען פון זש. אָ. ב. די פאָן פון באַוואָפנטן קאַמף פאַר פרייהייט און מענטשלעכער ווירדע האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם סיי אין דער פּוילישער, סיי אין דער יידי־שער געזעלשאַפט. אַלע יידן האָבן געבענטשט די קעמפער. מ'האָט גע־קושט אויפן גאַס די טויטע קערפּערס (66). די קעמפער האָט מען אומע־

טום אויפגענומען ווי דערלייזער־באפרייער. איבער גאנץ ווארשע זענען ארומגעגאנגען קלאנגען וועגן הונדערטער געהרגעטע דייטשן, וועגן דעם גרויסן כוח פון זש. א. ב. (67).

און ווירקלעך האבן די יידישע קעמפער, כאטש שוואך באוואפנטע, קלאר באוויזן אין די טעג פון 18 - 21טן יאנואר זייער מוט און העלדישקייט. אדאנק זיי האט דאס געטא אויפגעהערט צו זיין „א דזשונגל פון געיאגטע חיות, איז געווארן א פראנט (68). וואס עס איז כאראקטעריסטיש פארן יאנואר־ארויסטריט, איז דאס פעלן פון מאסן־פאקטאר אין די קאמפן, וועלכער וועט ערשט ארויסטרעטן בעת דעם אפריל־אויפשטאנד. ווי די זאך זאל נישט זיין האבן די פארשפארטע אין געטא דערזען, אז א באוואפנטער ווידערשטאנד קעגן די דייטשן איז מעגלעך. פון דאן אן איז די אידעע פון קאמף געווארן פאפולער אין געטא.

אזוי ארום איז דער באוואפנטער יאנואר־אויפשטאנד, הגם נאך א נישטיקער לויטן פארנעם, אויסגעוואקסן צום באדייט פון א סימבאל, איז געווארן די פרעלודיע צום אפריל־אויפשטאנד אין געטא (69).

דאס גאנצע אונטערערדישע פוילן איז געווען פול מיט אנערקענונג פאר דער יידישער ווידערשטאנד־באוועגונג. די צייטונג „פשעז וואלקען דא זוויציענסטווא" (דורך קאמף צום נצחון) האט געשריבן דעם 20טן יאנואר 1943: „דעם גרעסטן לויב פארדינט דער ארויסטריט, בעת דער לעצטער ליקווידאציע־אקציע, פון דער קאמפס ארגאניזאציע מיט געווער אין האנט. ס'איז אפילו דערגאנגען צו א פארמעלער שלאכט אויף זאמענהאף־גאס, פון וואנעט די געשטאפאוועס און זשאנדארמען זענען אנטלאפן. די יידן האבן זיך פארטיידיקט מיט גראנאטן און רעוואלווערן. עס זענען פאראן 20 געהרגעטע געשטאפאוועס און זשאנדארמען, אויסער דעם א סך פארוואונדעטע" (70).

„זשעטשפאספאליטא פאלסקא" פון 25טן יאנואר 1943 האט אפילו געשריבן, איבריקנס נישט ריכטיק, אז די דייטשן האבן שבת דעם 23טן יאנואר אראפגעבראכט אין געטא טאנקן און אז זיי האבן פיל הייזער אונטערגעצונדן (71).

סוף יאנואר 1943 האט די זש. א. ב. באקומען פון שטאב פון א. ק. (ארמיא קראיאווא) 10 גרויסע רעוואלווערן און 50 גראנאטן. ס'קומט

דאַן פּאָר אַ רעאָרגאַניזאַציע פון זש. אָ. ב. אַלס אָנפירער פון צענטראַלן געטאָ ווערט באַשטימט ישראל קאַנאַל, פון געביט פון די בערשטער־שאָפּן — מאַרעק עדעלמאַן, פון די פאַבריקן פון טעבענס — אליעזר געלער. 22 קאַמפּס־גרופּן, זענען געווען צו דער דיספּאָזיציע פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע: 11 — פון די יוגנט־באַוועגונגען, וואָס געהערן צום החלוץ („דרור" — 5, „השומר הצעיר" — 4, „עקיבא" — 1, „גורדוניה" — 1), פּ. פּ. ר. — 4, „בונד" — 4, פּועלי־ציון לינקע — 1, פּועלי־ציון פאַר־אייניקטע מיט צ. ס. — 1, הנוער הציוני — 1 (72).

עס דאַרף אויך באַטאָנט ווערן, אַז אויסער די קאַמפּס־גרופּן פון זש. אָ. ב. האָבן עקזיסטירט אין וואַרשעווער געטאָ קאַמפּס־גרופּן (אָרגאַני־זירט און אָנגעפירט דורך פּאָליטישע פּאַרטייען, צ. ב. פּ. פּ. ר. און פּועלי־ציון), וועלכע האָבן צוליב טעכנישע סיבות נישט אָנגעהערט צו דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, זענען אָבער געווען אונטער איר אידעאָלאָגי־שער השפעה. זיי האָבן ווי פאַרגעשטעלט זש. אָ. ב. קאַדרען. חוץ לזה זענען געווען באַוואָפנטע גרופּן אין די בונקערס, וואָס האָבן זיך געשטעלט אַלס אויפגאַבע דאָס שיצן מיט געווער אין האַנט הונדערטער יידן. עס האָבן אויך עקזיסטירט אַ סך קאַמפּס־גרופּן פון אַזוי גערופענע „ווילדע", וואָס האָבן נישט אָנגעהערט צו דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. פון זיי האָבן זיך איבערהויפּט רעקרוטירט די באַרימטע קעמפער — „גרוזאָוועצעס" (חורבהניקעס), וועלכע האָבן זיך נאָך פאַרטיידיקט נאָכן פאַרענדיקן די אָפּעראַציעס פון „גרויסן מאַסשטאַב", אין דער צייט פון יוני ביז סעפּ־טעמבער 1943 (73).

אין תוך גענומען איז נישט געווען קיין איין יידישע גרופּע, וועלכע זאָל נישט פאַרבינדן דעם פּאַסיוון ווידערשטאַנד מיט דער נויטווענ־דיקייט פון באַזיצן געווער, מיט וועלכן מען האָט זיך באַזאָרגט צווישן אַנדערע אויפן פּאַריסאָווער פּלאַץ, ווו ס'איז פאָרגעקומען דער געהיימער שמוגל פון געווער דורך די געטאָ־ווענט (74).

אין רעזולטאַט האָט דאָס וואַרשעווער געטאָ געציילט נישט קיין הונ־דערטער, נאָר טויזנטער יידישע קעמפער, וואָס זענען געשטאַנען אונטער דער השפעה פון יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט, קאָאָרדינירן־קאָמיטעט און זש. אָ. ב. (75).

אַלע קאַמפּס־גרופּן פון זש. אַ. ב., צעטיילט אויף דריי הויפּט געביטן, האָבן געוווינט בשכנות פון די אָפּעראַציע־פּונקטן. די קאָנצענטראַציע האָט געהאַט פאַר אַ ציל דאָס געפינען זיך אין אַלאַרם־צושטאַנד און קאַמפּס־גרייטקייט (76). 9 קאַמפּס־גרופּן זענען קאָנצענטרירט געוואָרן אין צענטראַלן געטאָ, 8 — אויפן געביט פון די וואַרשטאַטן פון טעבענס און שולץ, 5 אין געטאָ פון בערשטער־שאָפּ (77).

אין דער נאָענט פון די געטאָ־ווענט האָבן טאָג און נאַכט געוואַרט פּאַטרולן וועלכע האָבן באַדאַרפט באַצייטנס צוווייסן געבן ווען דער זיך אָנרוקנדיקער געפאַר.

די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט נישט נאָר אָרגאַניזירט דעם אַקטיוון ווידערשטאַנד נאָר האָט מיט אַלע מיטלען געוועקט די מאַסן צו פּאַסיוון ווידערשטאַנד, צום צוגרייטן פאַרמאַסקירטע אונטערערדישע בונקערס און איבערערדישע באַהעלטענישן. די יידישע מאַסן אָן אַ הינטערלאַנד פון דערפער און וועלדער, אָן מעגלעכקייטן זיך צו באַוועגן, זיך איבערטראָגן פון שטאָט צו שטאָט, פאַרמאַכטע ווי אין אַ שטייג, זענען נישט אַריינגעפאַלן אין תהום פון שרעק און רעזיגנאַציע, נאָר זענען צוגעטראָטן צו באַפעסטיקן זיך פון אינעווייניק. אין דער ערד, אונטער מויערן, אונטערן אַספאַלט, אויף וויסטענישן און רואינען זענען אַנטשטאַנען בונקערס (78).

אין משך פון לאַנגע וואָכן האָט מען געגראָבן אונטערערדישע דורכגענג, וואָס פירן אויסער די געטאָ־ווענט און מען האָט פאַרלייגט מינעס (79). די פאַרבינדונג מיט דער וועלט איז אָנגעהאַלטן געוואָרן דורך דער פאַרמיטלונג פון די יידישע אַרבעטס־קאָלאָנעס, וועלכע זענען געווען באַשעפטיקט אויף דער „אַרישער" זייט, אויף די א. ג. „פּלאַצוווקעס", נאָבהער דורך ווענט, אונטערערדישע דורכגענג, געדרייטע אויף אַ מוילוואָרפאופן, דורך קעלער־לעכער־דורכגראָבונגען אָדער קאַנאַלן. דורך אָט די וועגן פלעגט אָנקומען אין געטאָ געווער (80).

ווי ס'איז צו זען האָבן זיך צו דער ליקווידאַציע אין וואַרשעווער געטאָ געגרייט נישט בלויז די דייטשן, נאָר אויך די יידן, וועלכע האָבן צוגעגרייט די פאַרטיידיקונג אין משך פון אַ ריי וואָכן אויסערגעוויינלעך אָנגעשטרענגטער אַרבעט.

II

# די צוגרייטונגען צום אויסברוך פון אויפשטאַנד און די ערשטע טעג פון די קאַמפן

בעת זיין פאַרברענגען אין וואַרשע אין יאַנואַר 1943 האָט הימלער אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג דעם ס. ס. און פּאָליציי-פירער פון וואַרשעווער דיסטריקט אַריבערצופירן קיין לובלין די געווער־פאַבריקן און אַנדערע אונטערנעמונגען פון מיליטערישן כאַראַקטער, וואָס האָבן זיך געפונען אין געטאָ, צוזאַמען מיטן גאַנצן פּערסאָנאַל און מאַשינען. נאָך דעם דורכפאַל פון דער יאַנואַר־אַקציע האָבן די דייטשן פאַרשטאַנען, אַז עס איז פאָרגעקומען אַ גרויסע ענדערונג אין באַוווסטזיין און שטעלונג פון די איבערגעבליבענע ביים לעבן וואַרשעווער יידן. מיט דעם פאַקט האָבן די דייטשן זיך געמוזט רעכענען.

וועלנדיק אויסמיידן פאַרלוסטן, האָבן זיי באַשלאָסן אַ סוף צו מאַכן צו דער עקזיסטענץ פון געטאָ אויף אַ „פרידלעכן" וועג, האָבנדיק דאָ אויפן אויג צוויי עיקר-צילן: 1) באַקומען אַרבעטספעאיקע עלעמענטן פאַר מיליטערישע פּראָדוקציע-צוועקן, אויף אַזוי לאַנג ווי אָט די עלעמענטן וועלן זיין נויטיק — 2) אָפּטיילנדיק די „אַרבעטספעאיקע" פון די „נישט פּראָדוקטיווע", וועלכע זענען אין זייער ווייט גרעסטער טייל אויך געווען אַרבעטספעאיק נאָר האָבן אויסגעמיטן צו אַרבעטן אין דייטשע אונטערנעמונגען, האָבן די דייטשן געשטרעבט אָפּצושוואַכן דאָס געטאָ און עס מאָראַליש ברעכן.

אַנהויב פעברואַר האָבן די דייטשע פאַבריקס-אייגנטימער אַנטוויקלט

אַ ברייט פאַרמאָסטענע אַקציע, כדי צו צעטומלען די יידן, אַן אַקציע, וואָס האָט פּראָפּאַגירט דאָס שאָפּן צווישן די אַרבעטער פון די שאָפּן פּרייוווי־ליקע גרופּן צום אַרויספאָר. „וואַרשע וועט בלייבן יודנריין״ — האָבן זיי דערקלערט אויף ספּעציעל גערופענע אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען, און בלויז די, וואָס וועלן אַרויספאָרן קיין פּאָניאַטאָוו און טראַווניק, וווהין מען האָט געזאָלט אַריבערפירן די שאָפּן, וועלן באַקומען ברויט און די גאַראַנטיע אַז זיי וועלן „אַדורכהאַלטן דעם קריג״ (81).

די אָנפירונג מיט דער פּראָפּאַגאַנדע איז געווען אין די הענט פון טעבענס שותף, שטעהמאַן, אַ דעגענערירטן קאָמעדיאַנט, אַ מענטש וואָס האָט זייער גוט געוווסט וועגן דער געפּלאַנטער פולשטענדיקער ליקווי־דאַציע. דאָס האָט ער, דער קאָמעדיאַנט, וואָס האָט זיך דערוואָרבן אַ געוויסע פּאָפּולאַריטעט צווישן די יידישע אַרבעטער מיט דער געמאַכטער לגבי זיי גינציקייט, אין פּאַטעטישע רעדעס געמאָלט פאַר די צוהערער פּרעכטיקע בילדער פון קינפטיקן לעבן נאָך דער „אויסזידלונג״ אויפן פּאָן פון דער „צויבערפולער נאַטור״ (82).

איינצייטיק האָבן די דייטשן אַראָפּגעבראַכט פון לובלין 12 יידישע „פאַראַרבעטער״ כדי צו געווינען די יידן פון געטאָ פאַר דעם פרייוויליקן אַרויספאָר. אָבער אין דער צווייטער נאַכט נאָך זייער קומען, צווינגט זיי די זש. אָ. ב. תיכף זיך אָפּטראָגן צוריק. די דייטשן האָבן דאָס נאָך נישט געהאַלטן פאַר פאַרשפּילט. בכדי צו אונטערשטרייכן דעם „ציווילן״ כאַ־ראַקטער פון דער אויסזידלונג, איז אַלס „אויסזידלונגס קאָמיסאַר״ (באַ־פולמעכטיקטער פאַר איבערזידלונג פון די געוועקשאַפטן פון יידישן ראַ־יאָן אין וואַרשע) באַשטימט געוואָרן נישט קיין ס. ס.-פאַרשטייער, נאָר וואַלטער צ. טעבענס, דער באַלעבאָס פון 12 טויזנט יידישע קנעכט, דער איינגנטימער פון דער גרעסטער מיליטערישער מונדירן־פאַבריק אין געטאָ. דאָס האָט באַדאַרפט שאַפן דעם איינדרוק, אַז דער אַרויספאָר קיין טראַוו־ניק אָדער פּאָניאַטאָוו הייסט באַקומען דאָרט אַרבעט אין דייטשע אונ־טערנעמונגען.

צו די ערשטע אונטערנעמונגען, וואָס האָבן באַדאַרפט ליקווידירט ווערן, האָבן געהערט: האַלמאַנס סטאָלער שאָפּ און די בערשטער וואַר-

שטאָט. די זש. אָ. ב., דער איינציקער רעאַלער יידישער מאַכט־פאַקטאָר אין געטאָ, האָט דאַן פאָרגענומען אַ תיכפדיקע קעגן־אַקציע און דאָס אַזוי אין וואָרט ווי אין טאַט. זי לאָזט אַרויס עטלעכע אויפרופן, וואָס ווערן אויסגעקלעפּט אויף די הייזער און ווענט פון געטאָ, רופנדיק צו אַקטיוון און פּאַסיוון ווידערשטאַנד.

אַלס ענטפער אויפן רוף אַרויסצופאָרן, סוף פעברואַר, פון האַללמאַנס סטאָלער שאַפּ, וואָס האָט געציילט ביי אַ טויזנט אַרבעטער, האָבן זיך געמאָלדן סך־הכל 25 מאַן. אַ טאָג פאַר דער אָנגעזאָגטער אויסזידלונג פון האַללמאַנס פאַבריק האָט אַן אָפּטייל פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע זיך אַריבערגעקראָגן דורך די פאַבריקס־ווענט און אונטערגעצונדן די געביידעס, דאָס גאַנצע רוישטאָף און די שוין איינגעפּאַקעוועטע מאַשינען. די דייטשן, וואָס האָבן זיך געפונען אויפן געביט פון די ווארשטאַטן, זענען אַנטלאָפן אין בהלה, אַזוי אַז די אָפּטיילונגען פון זש. אָ. ב. האָבן זיך צוריקגעצויגן אָן פאַרלוסטן. דער היזק, וואָס איז געמאַכט געוואָרן די דייטשן צוליבן איבערפאַל האָט באַטראָפן אַריבער אַ מיליאָן זלאָטעס. אין דעם אַרויסגעגעבענעם צוזאַמענגס קאָמוניקאַט האָבן די דייטשן געעדערט וועגן אַן אַדורכגעפירטן דיווערסיע־אַקט מצד פאַראַשוטיסטן. נאָר די יידישע באַפעלקערונג האָט גוט געוווסט ווער עס איז געווען דער גורם פון דער דיווערסיע (83).

אַנהויב מערץ האָבן די דייטשן גערופן אַרויסצופאָרן דעם בערשטער־שאָפּ, וווּ עס האָבן געאַרבעט 3.500 מאַן, נאָר אויך אָן רעזולטאַטן. קיינער האָט זיך צום אַרויספאָר נישט געמאָלדן. איינציייטיק האָט די זש. אָ. ב. אַרויסגערופן מיט ספּעציעל־פּרעפּאַרירטע צינד־פלעשער (מיט פאַרלאַנגזאַמטע אָנצינדער) אַ שריפה אין טראַנספּאָרט פון די בערשטער־מאַשינען, וואָס זענען געשטאַנען פאַרלאָזענע אין די וואַגאָנען אויפן אומשלאַג־פּלאַץ (84). חוץ לזה האָט אַ יידישע קאַמפּס־אָפּטיילונג באַפרייט אויף די אויגן פון דער דייטשער וואַך אַ גרופּע פון 60 יידן, אַרעסטירטע אויפן געביט פון שולצס שאָפּ. אויף אַזאַ אופן איז דער אויטאָריטעט פון זש. אָ. ב. אויסגעוואַקסן נישט נאָר אין די אויגן פון דער יידישער

באפעלקערונג; עס האבן זיך זייער ערנסט מיט איר געמוזט רעכענען אויך די דייטשן.

שבת, דעם 13טן מערץ, אין געגנט פון מילע און זאמענהאף איז פארוואונדעט געווארן פון א רעוואלווער־שאס דער דייטשער „ווערקשוץ" (פאבריקס־וועכטער), וועלכער איז געקומען נאך יידישע ארבעטער. די ידיעה האט זיך בליץ־שנעל פונאנדערגעשפרייט איבערן גאנצן געטא ארויסרופנדיק גרויסע פאניק. אין א ווײַלע ארום זענען געקומען עטלעכע אויטאס מיט זשאנדארמעריע, וואס האט ארומגערינגלט די מילע גאס ביז מוראנאווער פלאץ. עס האט זיך גלייך אנגעהויבן א שיסערײַ און אויפרייסן פון גראנאטן. מיט דער אקציע האבן אנגעפירט די טרויעריק־בארימטע ס. ס.־לייט קלאסטערמייער און בלעשער. אלס קרבנות זענען געפאלן יידן ארויסגעשלעפטע פון די בונקערס אין די הייזער מילע נר. 2, 22, מוראנאווסקע 25, צוזאמען ארום 400 יידן (85).

אין דער נאכט פון 14טן אויפן 15טן מערץ האט די זש. א. ב. פו־נאנדערגעקלעפט אויפרופן אין וועלכע זי האט גערופן זיך אנטקעגנצו־שטעלן די דייטשע פארארדענונגען אונטערשטרייכנדיק, אז „די פריוואַ־ליקע אויסזידלונג באדייט נישט עפעס אנדערש, ווי אומפארמיידלעכער אומקום פון געטא". דעם 20טן מערץ האט טעבענס ארויסגעהאנגען נעבן די אויפרופן פון זש. א. ב. זײַנע אייגענע פלאקאטן, — דער גרעסטער טייל פון זיי איז, אגב, דורך די יידישע קעמפער וואס האבן זיך וועגן דעם דערוווּסט קאנפיסקירט געווארן גלייך אין דרוקערײַ, (86) — מיט פאל־גענדיקן אינהאלט:

„צו די יידישע באוואפנונגס־ארבעטער אין יידישן קווארטאל. די קאמענדאנטור פון דער קאמפס־ארגאניזאציע האט פונאנדערגעהאנגען אין דער נאכט פון 14טן אויפן 15טן מערץ אן אויפרוף, אויף וועלכן איך וויל ענטפערן. איך שטעל קאטעגאריש פעסט, אז: 1) וועגן אן אויסזיד־לונגס־אקציע איז בכלל נישטא קיין רייד; 2) נישט דעם הער שולץ, נישט מיר האט קיינער נישט געהייסן אונטער רעוואלווער דראאונג אדורכ־פירן אזא אקציע; 3) דער לעצטער טראנספארט איז נישט פארלוירן גע־גאנגען. ס'איז ווערט צו באדויערן, וואס די ארבעטער פון ה' שולץ

האבן זיך נישט צוגעהערט צו זיינע גוטווונטשנדיקע עצות. איך באדויער דעריבער וואס איך בין געצוווּנגען געוואָרן איבערפירן אייגעם פון די ווארשטאטן, בכדי אויסצונוצן די פאראנענע טראנספארט-מעגלעכקייטן. ס'איז פארארדנט געווארן, אז די פאמיליע־נעמען פון די ארבעטער, וואס זענען אנגעקומען קיין טראווניק, זאלן גלייך פעסטגעשטעלט ווערן און אז זייער באגאזש זאל איבערגעפירט ווערן צוזאמען מיט זיי. די באהויפטונג, אז די באגלייטער פון צווייטן טראנספארט פון פראסטע גאס קיין פאניאטאוו, ווייסן נישט, וואס איז געשען מיטן טראנספארט, באצייכן איך ווי אן אומווירדיקן אויפרייצן די באוואפנונגס־ארבעטער און א געמיינעם ליגן. די מיטגלידער פון דער עסקארטע זענען אלע געבליבן דארטן, זיי האבן אפגעשיקט דעם צוג און אליין פיל מאל געקומען אויף לאסטאויטאס צוזאמען מיט די ארבעטער פון פאניאטאוו, בכדי איבערצופירן זייער מעבל א. ד. גל. דער באגאזש איז נישט אפטראנספארטירט געווארן פון פראסטע און געפינט זיך אונטער דער אויפזיכט פון יידישן אינזשעניער ליפשיץ, וועלכער איז גרייט וועגן דעם צו ערטיילן אינפארמאציעס צו יעדער צייט. דער באגאזש וועט אפגעשיקט ווערן מיטן נאענטסטן טראנספארט קיין פאניאטאוו. אין טראווניק און פאניאטאוו האט יעדער ארבעטער באקומען און פארמאגט זיין גאנצן באגאזש, זיין פערזענלעך אייגנטום. יידישע באוואפנונגס־ארבעטער, גלויבט נישט די, וואס ווילן אייך ארייגפירן אין א טעות. מען וויל אייך אויפהעצן, בכדי ארויסרופן פאלגן, וועלכע זענען אומפארמיידלעך. אין די באהעלטענישן איז נישטא קיין שום זיכערקייט און דאס לעבן איז דארט אוממעגלעך, אזוי אויך אויף דער ארישער זייט. די בלויזע אומזיכערקייט און אומטעטיקייט וועט מאראליש צעברעכן די צוגעווינטע צו ארבעט באוואפנונגס-ארבעטער. איך פרעג אייך, פארוואס קומען צו מיר רייכע יידן פון דער ארישער זייט און בעטן מיך איך זאל זיי צונעמען צו דער ארבעט; זיי האבן גענוג געלט, בכדי צו לעבן אויף דער ארישער זייט, נאר זיי קענען דארט נישט אויסהאלטן. מיט דער פולער איבערצייגונג קאן איך אייך בלויז ראטן: פארט קיין טראווניק, פארט קיין פאניאטאוו, ווייל דארט זענען פאראן לעבנסמעגלעכקייטן און דארט וועט איר איבערווארטן דעם קריג. די קאמענ-

דאַנטור פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע וועט אייך נישט העלפן מיט פּוס־טע צוזאָגן. מען פאַרקויפט אייך פאַר גראָבע סומען ערטער אין די באַ־העלטענישן, שפּעטער וועט מען אייך ווידער אַרויסטרייבן אויף דער גאַס און אייך איבערלאָזן אויף אייגענעם באַראַט. איר האָט שוין אַליין געגוג דערפאַרונג מיט די אָפּנאַרערישע טריקן. גלויבט נאָר די דייטשע פאַר־וואַלטער פון די געוועריקשאַפטן, וועלכע ווילן מיט אייך צוזאַמען פירן די פּראָדוקציע אין פּאָניאַטאָווו און טראַווניק. נעמט מיט אייך מיט אייערע ווייבער און קינדער, ווייל אויך וועגן זיי זאָרגט מען!״

טעבענס איז אַוועק אַזוי ווייט, אַז דורך דער מיטהילף פון זיינע יידישע משורתים האָט ער זיך דערלויבט איינצולאַדן די זש. אָ. ב. אויף אַ „זאַכלעכע קאָנפערענץ״. דאָך האָט די דייטשע פּראָפּאַגאַנדע קיין פרוכט נישט געגעבן. קיינער האָט איר נישט געגלויבט. אויב ס׳האָבן זיך צוגע־שטעלט אַ פּאָר יידן, האָט זיי געצוווּנגען דערצו דער הונגער און די האָפּ־נונגסלאָזע סיטואַציע (87). עס האָבן זיך דאַן די דייטשן געווענדעט צום יידנראַט, אַז ער זאָל די אַקציע אַדורכפירן. דעמאָלט האָט דער יידנראַט דורך דער פאַרמיטלונג פון ד״ר שיפּער פאַרבעטן די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אויף אַ באַראַטונג. די איינלאַדונג איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן מיט פאַראַכ־טונג. דאַן האָט דער פּאָרזיצער פון יידנראַט אינזש. מארק ליכטענבאום געגעבן די דייטשן פּאָלגנדיקן כאַראַקטעריסטישן ענטפער: „איך האָב נישט קיין מאַכט אין געטאָ; עס הערשט דאָ אַן אַנדער רעגירונג״. אַזוי אַרום האָבן זיך די דייטשע פּלענער געענדיקט מיט אַ פולשטענדיקן דורכ־פאַל. עס איז זיי דאָס מאָל נישט געלונגען צעברעקלען די כוחות פון דער איבערגעבליבענער יידישער באַפעלקערונג (88), וועלכע האָט אָן שום באַוואָרענישן אויסגעפירט די באַפעלן פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַ־ניזאַציע (89), וואָס די פּאָלקס־מאַסע האָט גערופן „די פּאַרטיי״ (90).

די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, האָט זיך אויסגעצייכנט אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון וועגן דעם, אַז אַלע וועגן פון געטאָ פירן צום טויט און זי האָט באַשלאָסן קעמפן (91). זי האָט דעריבער פונאַנדערגעוויקלט אַן ענערגי־שע טעטיקייט, וואָס איז אונטערגעהאַלטן געוואָרן דורכן גאַנצן געטאָ. אויף די רייכע איינוווינער פון געטאָ האָט זי אַרויפגעלייגט ספּעציעלע

שטייערן וואָס זענען באַשטימט געוואָרן אויף איינקויפן געווער. אפילו דער יודנראַט איז געווען געצוואונגען איינצוצאָלן 250 טויזנט זל. און דער אפּראָוויזאַציע אָפּטייל — 710 טויזנט זל. די בעקערס און סוחרים האָבן צוגעשטעלט אַ קאָנטינגענט שפּייז. די געלט־הכנסות פון זש. אָ. ב., וואָס האָבן אין משך פון דריי חדשים באַטראָפן 10 מיליאָן זל. זענען איבערגעשיקט געוואָרן אויף דער „אַרישער" זייט, כדי איינצוקויפן געווער און אויפריים-מאַטעריאַלן. מען האָט געצאָלט פאַר אַ „וויס" און אַ „פּאַראַבעללום" 10־15 טויזנט זל. אין גרונט גענומען ווערט דאָס געווער אַדורכגעשמוגלט אויף אַן ענלעכן אופן ווי שפּייז. די אַקטיווסטע פאַרבינדלער מיט דער אַרישער זייט זענען געווען: טאַדעק (טוביה), פראַניא בעאַטוס, זיגמונט פרידריך, מיכאַל קלעפּפיש, צעלמענסקי, פייגע פעלטעל (וולאַדקע) און פיל אַנדערע. מיכאַל קלעפּפיש, אַ באַגייסטערטער קעמפער, האָט אָרגאַניזירט, אין פאַרשטענדיקונג מיט פּ. ס. און וו. ר. נ. אין פעברואַר חודש, אין אַ גרויסן מאַסשטאַב דעם איינקויף פון אויפריים- און צינד-מאַטעריאַלן (צ. ב. 2.000 ליטער בענזין און נאַפט, עטלעכע צענדליק קילאָגראַם פּאָטאַש־כלאָרעק), און פאַרלייגט אין געטאָ אַ פאַבריק פון גראַנאַטן און (מיט בענזין און כלאָראַן) צינד־פלעשער („מאָלאָטאָוו-קאָקטייל"). די גרויסע צאָל פּראָדוצירטע געווער, כאָטש פּשוטע און פּרימיטיווע, האָט באַדייטנדיק פאַרשטאַרקט די פייער-קראַפט פון זש. אָ. ב., אַזוי אַז אויף יעדן קעמפער איז אויסגעפאַלן צו איין רעוואָלווער (10־15 לאָדונגען), 4־5 גראַנאַטן, 4־5 צינד־פלעשער; און ענדלעך אויף יעדער ראַיאָן 2־3 ביקסן. אין גאַנצן געטאָ איז געווען בלויז איין אויטאָמאַטישער רעוואָלווער.

אַרויסגייענדיק פון דער ריכטיקער הנחה אַז די זש. אָ. ב. וועט קענען שטעלן אַ דערפאָלגרייכן ווידערשטאַנד, אויב זי וועט אונטער זיך האָבן די פולע און אַבסאָלוטע אונטערשטיצונג פון דער יידישער באַפעלקערונג, איז זי צוגעטראָטן מיט דער גאַנצער אַנטשלאָסנקייט און קאָמפּראָמיסלאָזער שטרענגקייט צום קאַמף מיט די עלעמענטן, וואָס האָבן זיך געלאָזט אויף פאַראַט, מיטאַרבעטנדיק מיטן דייטש אָדער וואָס האָבן זיך אומווירדיק אויפגעפירט. ווער פון אָט די לייט האָט זיך נישט באַהאַלטן

אויף דער אַרישער זייט, איז געטויט געוואָרן דורך דער זש. אָ. ב. עס זענען אויסגעפירט געוואָרן טויט-אורטיילן כמעט אויף אַלע יידישע געשטאַפּאָווצעס. קיינער פון זיי האָט נישט געוואַגט צו קומען אין געטאָ. ווען איינמאָל האָבן זיך 4 געשטאַפּאָווצעס צופעליק באַוויזן אין געטאָ — ווערן דריי פון זיי דערמאָרדעט און איינער שווער פאַרוואונדעט. צווישן די אומגעבראַכטע דורך דער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע האָט זיך אויך געפונען דער ד״ר אַלפרעד נאָססיג (93). וועגן יעדן אויסגעפירטן דורך דער זש. אָ. ב. טויט-אורטייל איבער פאַרעטער און געשטאַפּאָ-אַגענטן, פלעגט געמאָלדן ווערן דער ברייטער עפנטלעכקייט דורך ספּעציעלע פּלאַקאַטן. אַזוי אַרום איז אָפּגערייניקט געוואָרן די אַטמאָספער און עס האָבן פרייער אָפּגעאָטעמט די רעשטלעך פון וואַרשעווער יידנטום, וואָס האָבן אַדורכגעמאַכט די שוידערלעכסטע פּרוווּנג פון פייער און בלוט (94). די יידישע קעמפער האָבן פאַר אָט דער אַקציע באַקומען דעם צונאָמען „נקמה־נעמער פון פאָלק״ (95).

די זש. אָ. ב. האָט געוווּנען די הערצער פון די יידישע מאַסן ערב דער אָנקומענדיקער אַקציע, זי איז געוואָרן דער אָרגאַניזאַטאָר פון אַקטיוון און פּאַסיוון ווידערשטאַנד, זייער איינציקע האָפענונג. די יידישע באַפעלקערונג איז ווירקלעך געווען דעצידירט צום קאַמף מיטן שונא — דעם מערדער, דעצידירט אין קיין פאַל זיך נישט אונטערצוגעבן. צווישן טויזנטער מענער, פרויען, זקנים און קינדער האָט אויפגעוואַכט דער ווילן צו ווידערשטאַנד, וואָס האָט נייטראַליזירט דעם נאַטירלעכן פחד, די שרעק פאַר טויט און ליידן (96).

ווען בעת די „לאַפּאַנקעס״ האָט מען פאַרהאַלטן עטלעכע צענדליק יידן בכדי זיי איבערשיקן קיין פּאָניאַטאָוו, האָט אַ באַוואָפנטע גרופּע פון זש. אָ. ב. זיך אַריינגעריסן אין וואַכשטוב, טעראָריזירט די שטייענדיקע אויף דער וואַך פּאָליציאַנטן און באַפרייט אַלע פאַרהאַלטענע (97). צוליב דעם האָבן די דייטשן באַשלאָסן די געכאַפּטע יידן גלייך אָוועקפירן צום אומשלאַג-פּלאַץ. אָבער די זש. אָ. ב. שטעלט אויס צווישן איינציקע בלאָקן קאַמפּס-גרופּן, וועלכע שלאָגן אָפּ די געכאַפּטע (98). די זשאַנדאַרמעריע האָט אָנגעהויבן אַ קעגן-אַקציע. זיי האָבן אַרויסגעשלעפּט יידן פון די

הייזער און זיי גלייך דערשאָסן אויפן אָרט, זיי האָבן אויך דערשאָסן אַ טייל יידן ביים פּאַוויאַק (99).

די דייטשן, וועלכע האָבן גערופן דאָס געטאָ „מעקסיקאָ", „באַנדי-טען־שטאָדט", איבערצייגנדיק זיך באַשיימפּערלעך, אַז די וואַרשעווער יידן וועלן פרייוויליק גישט אַרויספאָרן, האָבן באַשלאָסן ליקווידירן דאָס געטאָ פאַר יעדן פּרייז. דער ס. ס. און פּאָליציי־פירער פון וואַרשעווער דיסטריקט האָט באַצייטנס אַרויסגעגעבן אַ באַפעל זיך צוגרייטן צו דער אַקציע פון גרויסן מאַסשטאַב, וואָס האָט אין הסכם מיטן פּלאַן געדאַרפט דויערן 3 טעג (100). עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז אָט־די צוגרייטונגען זענען פאָרגעקומען פּונקט אין דער זעלביקער צייט, ווען די ליגנערישע דייטשע פּראָפּאַגאַנדע האָט געשטעמפּלט די מכלומרשטע מערדערייען פון די באָלשעוויקעס אונטער סמאָלענסק (101).

זונטיק, דעם 18־טן אַפּריל אין אָוונט איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען אַ קלאַנג, אַז אויף מאָרגנס וועט פאָרקומען די אַקציע. פון מויל צו מויל זע-נען געגאַנגען ידיעות, אַז ס'איז פאַראָרדנט געוואָרן אַלאַרם־גרייטקייט ביי דער גראַנאַטאַווער (פּוילישער) פּאָליציי, אַז אין וואַרשע געפינען זיך גרייטע צו בלוט־פאַרגיסונג אָפּטיילונגען פון לעטן און אוקראַינער (102). פיל מענטשן זענען געווען איבערצייגט, אַז ס'וועט ליקווידירט בלויז דאָס צענטראַלע געטאָ, וואָס פאַרמאָגט 20 טויזנט יידן, און אַז די שאָפּן דראָט גאָרנישט (103). דער סטראַטעגישער פּלאַן פון שטאַב פון זש. אָ. ב. וואָס איז זאָרגפעלטיק צוגעגרייט געוואָרן נאָך דער יאַנואַר־אַקציע (104), איז געווען אַ זייער איינפאַכער. נאָך עטלעכע אַטאַקעס אויפן שו-נא, וואָס האָבן די דייטשן באַדאַרפט פאַרשאַפן גרויסע פאַרלוסטן, וועלן די יידישע קעמפער איבערגיין צו פאַרטיזאַנער־קאַמף. אין לאַבירינט פון געטאָ וועט דער שונא, וואָס וועט אומאויפהערלעך געמאַטערט ווערן דורך איבערפאַלן פון הינטער מויערן, פענצטער, חורבות, זיין געצוווּנגען חדשים־לאַנג צו קעמפן. „ווען מיר זאָלן קריגן — האָט אַ טאָג פאַר דער אַקציע געזאָגט דער קאָמענדאַנט אַניעלעוויטש — אַזאַ סכום געווער, אַמו-ניציע און אויפרייס־מאַטעריאַלן וואָס מיר באַדאַרפן, וואָלטן די קאַמפן

אין געטאָ געקאָסט דעם שונא טייכן בלוט. מיר וועלן באַווייזן, וואָס הייסט גלויבן און זיכערקייט אין אייגענע כוחות״ (105).

מאַנטיק דעם 19טן אַפּריל 1943 (י״ד ניסן, ערב פּסח) האָט זיך אָנגעהויבן דער לעצטער, דער טראַגישסטער אַקט פון וואַרשעווער געטאָ, וועלכער האָט באַדאַרפט זיין אַ מתנה פאַרן „פירער״ צו זיין געבוירן־טאָג. צוויי ביינאַכט זענען אויסגעשטעלט געוואָרן וואַכן אין אַ 25־מעטערדיקן אָפּשטאַנד פונאַנאַנד אַרום די אויסערלעכע געטאָ־מויערן. די וואַך איז באַשטאַנען פון דער דייטשער זשאַנדאַרמעריע, גראַנאַטאָווער פּאָליציי ווי אויך פון אוקראַאינישער און ליטווישער פּאָליציי (106). לענג־אויס וואָלאָווע און שוו. יערסקע זענען געשטאַנען פּאַטרולן אין העלמען אויף יעדע 10-12 מעטער. די שטילקייט פון דער פינצטערער נאַכט האָבן איבערגעריסן די שאָסן פון אויטאָמאַטן ביים אַקאָמפּאַניאַמענט פון שווערע קוילנוואַרפער און צושפּיל פון ביקסן.

דאָס געביט פון די בערשטעטער־פאַבריקן איז נאָכאַנאַנד באַלויכטן געוואָרן ווי מ׳וואָלט דאָרט עמעצן געזוכט. עס האָבן זיך אַ שאָט געטאָן ראַקעטעס און גראַנאַטן אין די הויפן פון די הייזער־בלאָקן אויף שוו. יערסקע 36-38, וואָלאָווע 2-4-6. באַזונדערס זענען דאָ באַשאָסן געוואָרן די פענצטער, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט אויפן גאַס (107).

די אַלאַרמירטע יידישע קאַמפּס־גרופּן באַקומען די לעצטע אינסטרוקציעס פון זייערע קאָמאַנדירן. אַזוי צ. ב. האָבן די קאַמפּס־גרופּן פון טעבענס און שולצס ראַיאָן באַקומען זייערע אינסטרוקציעס פון שטאַב, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ גוט איינגעאָרדנטן און פאַרמאַסקירטן בונקער־טונעל אויף לעשנאָ 74, וועלכער האָט געפירט אויף לעשנאָ 71 מיט אַן אַרויסגאַנג אויף דער „אַרישער זייט״, און וועלכער איז געווען באַזאָרגט מיט וואַסער, גאַז, עלעקטרישע באַלויכטונג, צוויי ראַדיאָ־אַפּאַראַטן א. א. וו. די גרופּן האָבן, אין הסכם מיטן פּלאַן, אָפּגעמאַרשירט צו די אָנגעמערקטע פּונקטן אויף כמאָטשנע 4, 8, 10, נאָוואָליפּקי 51, 41, 61-63, לעשנאָ 74 (108).

אַלע יידישע קאַמפּס־גרופּן פאַרנעמען שוין 2.15 ביינאַכט זייערע פּאָזיציעס ביי די שליסל־פּונקטן פון געטאָ, וואָס פאַרמאַכן דעם צוטריט

צו די הויפּט-גאַסן (109). דורך די אָפּגעשטאַרבענע הויפן זענען אדורכגעגאַנגען די שליחים פון זש. אָ. ב. אָנזאָגנדיק, אַז „ס'וועט זיך אָנהויבן פאַרטאָג", און גערופן צו ווידערשטאַנד (110). די אַלאַרמירטע ציווילע באַפעלקערונג האָט זיך גלייך אַוועקגעלאָזן צו די צוגעגרייטע בונקערס, באַהעלטענישן, קעלערס און בוידעמער. כמעט יעטוועדער בונקער האָט געהאַט זיינע באַוואָפנטע פאַרטיידיקער. דעם 19טן איבערפרי האָבן זיך אויף די געטאָ-ווענט באַוויזן אויפרופן, וואָס האָבן גערופן די יידן צו אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד. עס זענען געווען אויך אויפגעשריבן די לאָזונגען: „שטאַרבן מיט כבוד" (111).

אין גאַנג פון דער קאַמפּס-אַקציע, וואָס האָט געבראַכט די דייטשן אַזוי פיל סיורפּריזן, האָט סטראָאָפּ געפּרוווט פאַרענטפערן זיין מפּלה מיט דער גרויסער צאָל יידישע באַהעלטענישן. די יידן געמלעך — ווי עס ראַפּאָרטירט סטראָאָפּ — באַקומענדיק אין דער צווייטער העלפט 1942 יאָר אַ פאַראָרדענונג צוצוגרייטן באַהעלטענישן קעגן לופט-אָנגריפן, האָבן אויסגענוצט די געלעגנהייט און זיך אויפגעבויט בונקערס אויפן פאַל פון אַן אַקציע (112). גענעראַל סטראָאָפּ האָט זיך נישט געקענט אָפּוווּנדערן פון דער סיסטעם אונטערערדישע באַהעלטענישן און אונטערערדישע דורכגענג אין געטאָ, וואָס זענען פאַראייניקט געווען מיט די קאַנאַליזאַציע רערן, און וועלכע — ווי ער שטעלט פעסט — האָבן דערמעגלעכט די יידן אָנצוהאַלטן אַן אונטערערדישע קאָמוניקאַציע (113). ער האָט צום סוף פעסטגעשטעלט, אַז פיל בונקערס האָבן פאַרמאָגט מעבל, וואַש-טישלעך און וואַנע-צימערן, געווער-זאַפּאַסן, אַמוניציע און אויך שפּייז, וואָס האָט געקאָנט קלעקן אויף עטלעכע חדשים (114).

4 אַזייגער פאַרטאָג זענען די דייטשן אין קליינע גרופּן, איינציקווייז, פאַרוויז און צו דריי אַריינגעטראָטן אויפן צווישן-געטאָ-געביט, פאַרמירנדיק דאָ פלוטאָנען און ראָטעס. 4.30 האָט פאַסירט פאָלגנדיקער פאַל: דער הויפּט-שטורם-פירער פון ס. ס. קאָנראַד, דער שעף פון „ווערט-ערפאַסונג"-אַמט מיט זיין סוויטע האָט אונטערן אויסרייד, אַז ער פירט עטלעכע הונדערט יידן צו דער אַרבעט, זיי געפּרוווט פאַרקערעווען צום אומשלאַג-פּלאַץ. אָבער שוין 5 אַזייגער איז די קעמפּער געלונגען אַרויסצו-

רייסן די יידן פון די מערדער-הענט. קאנראד איז קוים ארוים מיטן לעבן. בעת דער שיסעריי זענען געפאלן טויטע און פארוואונדעטע. די דייטשע וואך אויף דזשיקע גאס דערהערנדיק די שיסעריי האט זיך צוריקגעצויגן. א סך יידן, אויסנוצנדיק די בהלה זענען אנטלאפן אין פוילישן ראיאן (115).

7 אזייגער טרעטן אריין אויפן געביט פון געטא טאנקן און פאנצער-אויטאס. פון דרויסן שטעלן די דייטשן אויס ארטילעריע. ערשט דאן טרעטן אריין אין געשלאסענע רייען ס. ס.־אוועס אין די אויסגעשטאר־בענע גאסן פון צענטראלן געטא (116). 8 אזייגער נעמט איבער די אנ-פירונג מיט דער אקציע, דער געקומענער דעם 17טן אפריל קיין ווארשע ניי־נאמינירטער אנפירער פון ס. ס. און פאליציי פון ווארשעווער דיס-טריקט גענעראל מאיאר פון פאליציי-סטראפ, דער קאמאנדיר פון ס. ס. בריגאדע (117).

לויט די יידישע מקורים זענען די דייטשע קרעפטן באשטאנען פון 2.000 מאן און פון טאנקן, גיכשיסנדיקע ארמאטלעך, דריי לאסט־אויטאס מיט אמוניציע און אמבולאנסן. אין אויסזידלונגס־שטאב האבן זיך גע־זאלט געפונען צווישן אנדערע פאלגנדיקע אפיצירן פון ס. ס. און געשטא-פא: מיכעלזאן, האנדטקע, העפלע, מירעטשקא, בארטעטשקא, בראנדט און מענדע (118). לויט די גענויע דייטשע אנגאבן וואס שטימען אין אל־געמיין מיט די יידישע, האבן די קרעפטן וואס האבן אנטיילגענומען אין דער אפריליקער ליקווידאציע־אקציע פון ווארשעווער געטא דורכשניט-לעך באטראפן טעגלעך 36 אפיצירן, 2.054 אונטעראפיצירן און זעלנער, אין דעם דער שטאב 11, ס. ס. פאנצער-געווער גרענאדירן און רעזערוו באטאליאנען III ווארשע, 404 (אין דעם 4 אפיצירן), ס. ס. שול־רעזערוו־באטאליאן פון קאוואלעריע, וואס האט סטאציאנירט אין ווארשע, 386 (אין דעם 5 אפיצירן), I באטאליאן פון 22 רעגימענט ס. ס. פאליציי — 97 (3 אפיצירן), III באטאליאן — 137 (3), סאפערן — 7 (1 אפיציר), פוילשע פאליציי — 467 (4 אפיצירן), פייערלעשער — 166, לייכטע ארטילעריע באטאליאן III — 24 (2 אפיצירן), חוץ לזה אפטיילונגען פון אינזשיניעריש-סאפערישע רעזערוו-באטאליאנען, רעזערוו־באטאליאנען פון



אויפגעריסענע יידישע הייזער אין געטאָ

רעמבערטאָוו און גורא קאַלוואַריא (גער) — 79 (3), דער באַטאַליאָן „טראַוו-ניקי" — 337 (2 אָפיצירן) (119).

דער גרעסטער טייל ס. ס.-לייט, וואָס האָט גענומען אָן אָנטייל אין דער ליקווידאַציע-אַקציע האָט אַדורכגעמאַכט אין משך פון 4-3 וואָכן ספּע-ציעלע צוגרייט-איבונגען (120).

סטראָאָפּ גיט אָן, אַז אין מאָמענט פון איבערנעמען די אָנפירונג האָט ער ארויסגעגעבן אַ באַפעל אָנצוהייבן די אַקציע דער פאָרמאַציע ס. ס., וואָס האָט געציילט 868 מאַן, דערונטער 18 אָפיצירן (121).

ווען די דייטשן האָבן זיך צעלייגט אין אַ לאַגער ביי דער קרייצונג פון די גאַסן מילע און זאַמענהאָף, האָבן די פאַרבאַריקאַדירטע אין פיר ראָגן פון דער יידישער גאַס קאַמפּס-גרופּן פון שומרים, פּ. פּ. ר.-אָוועס, דרור און בונד, געעפנט אַ קאָנצענטרירט פייער, וואָס ווערט לויט סטראָאָפּן כאַראַקטעריזירט אַלס „אַ שטאַרק און גוט צוגעגרייט" און איז באַשטאַנען פון עקספּלאָזיע פון גראַנאַטן פון אייגענער אויסאַרבעטונג, סעריעס פון אויטאָמאַטישן רעוואָלווער און ביקסן. נאָך די ערשטע שאָסן פון אויטאָמאַטישן רעוואָלווער און טרעפלעך געוואָרפענע גראַנאַטן אין די געשלאָסענע רייען פון די ס. ס.-לייט איז די גאַס פּוסט געוואָרן. מען האָט לגמרי נישט געזען די גרינע מונדירן, די דייטשן האָבן זיך באַהאַלטן אין די קראָמען און טויערן פון דערבייאיקע הייזער. עס איז בלויז פאַרגעקומען אַן אויסבייט פון איינצלנע שאָסן. און אין 15 מינוט אַרום פירן אריין די „העלדישע" ס.ס.-אָוועס אין דער אַקציע טאַנקען, וועלכע דערנענטערן זיך האַרט צו די באַריקאַדן פון די פאַרטיידיקער און וועלכע דאַרפן שיצן די דייטשן בעת זייער צוריקציען זיך. אָבער ווען דער ערשטער טאַנק איז פאַרברענט גע-וואָרן צוזאַמען מיט דער מאַנשאַפט פון אַן אויפרייס פון אַ צינד-פלאַש, האָבן די צוויי אַנדערע טאַנקן און פּאַנצער-וואָגנס, אויך באַוואָרפענע מיט צינד-פלעשער, נישט געוואַגט זיך דערנענטערן צו די פּאָזיציעס פון זש. אָ. ב. נאָך די זיך צוריקציענדיקע טאַנקן זענען אַנטלאָפן די דייטשן, ווערנדיק באַגלייט מיט טרעפלעכע שאָסן און גראַנאַטן. לויט די יידישע מקורים האָבן דאָ די דייטשן געליטן זייער גרויסע פאַרלוסטן. צוקערמאַן האַלט, אַז די דייטשן האָבן פאַרלוירן 200 טויטע און פאַרוווּנדעטע, ערדעלמאַן

זאָגט, אַז פון „קעסל"-זאַמענהאַנג איז קיין איין דייטש נישט אַרויס לעבע־דיק, די זש. אַ. ב. האָט בלויז פאַרלוירן איין קעמפער (122). סטראָאָפּ זייענדיק מודה אין זיין ראַפּאָרט, אַז אַ טאַנק איז צוויי מאָל אונטערגע־צונדן געוואָרן, אַז די יידן איז געלונגען צעשטויבן די ס. ס.-אישע קאַמפּס־איינסן, איינשליסלעך די טאַנקן און פּאַנצער-וואָגנס, האָט ער דאָך די איי־גענע פאַרלוסטן צוליב פאַרשטענדלעכע טעמים פאַרקלענערט ביז אַ מיני־מום, נעמלעך ביז 12 מאַן, אין דעם 6 ס. ס.-לייט און 6 פון באַטאַליאָן „טראַווניק". ער דערציילט אפילו נישט דאָס, וואָס ער דערמאָנט אויף אַן אַנדער אָרט, אַז אין דעם טאָג איז געפאַלן דער סערזשאַנט פון דער „גראַ־נאַטאָווער" פּאָליציי יוליאַן זיעלינסקי (123).

גענעראַל סטראָאָפּ האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, ווי ער ראַפּאָרטירט דעם זעלביקן טאָג, באַנייען די אַטאַקע אונטער זיין פּערזענלעכער אָנפי־רונג. ווירקלעך האָבן די דייטשן אין צוויי שעה אַרום אויסגעשטעלט אויפן צווישן-געטאָ-געביט אַרמאַטן און חוץ דעם באַשאָסן די פּאָזיציעס פון זש. אַ. ב. דורך אַרמאַטן וואָס זענען אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויפן קראַשינ־סקי-פּלאַץ. די דייטשן האָבן געצילט אין שוו.-יערסקע און פון הינטער שוו.-יאַן גאַס אויף די באַניפראַטן. פון דאַנעט האָבן זיי געצילט דאָס פייער אויף מוראַנאָווסקע (124). עס האָט זיך אָנגעהויבן די פּאַרמעלע באַלאַגערונג פון געטאָ (125). צוליב סטראַטעגישע טעמים האָבן די דיי־טשן אונטערגעצונדן די הייזער אויף דזשיקע גאַס, וועלכע זענען געשטאַ־נען בשכינות מיטן געטאָ, און אַוועקגעשטעלט שווערע מאַשינגעווער אויף די שכינותדיקע דעכער (126).

נאָך אַן אַרטילערישער צוגרייטונג האָט זיך אַ גרעסערע גרופּע דייטשן אַריינגעריסן אין געטאָ, זייענדיק זיכער, אַז מען וועט שוין נישט אָנטרעפן קיין ווידערשטאַנד. פלוצלינג האָבן פון די פענצטער פון זאַ־מענהאָף 29 אָנגעהויבן פליען גראַנאַטן. דאָס האָט איינע פון די יידי־שע קאַמפּס-גרופּן, וועלכע האָט ביז איצט נישט געשאָסן און אַזוי אַרום נישט פאַראַטן איר עקזיסטענץ, אַטאַקירט צום צווייטן מאָל אויף דעם זעלביקן אָרט די דייטשן, וועלכע האָבן דאָ איבערגעלאָזט ביי 50 טויטע (127). גענעראַל סטראָאָפּ דערציילנדיק וועגן דעם, אַז די קאָנטראַטאַקע

פון קעגנער איז געװאָרן איבערגעחזרט, ראַפּאָרטירט דעם שעף זײַנעם קריגערן, אַז דער שונא איז געצװוּנגען געװאָרן זיך צוריקציען אין קע־לערן פון בונקערס און קאַנאַלן, און אַז עס איז אים געלונגען כאַפּן אַן ערך 200 ייִדן (128).

אַביסל פריער, פאַר דעם ערשטן קאַמף ביי דעם צונויפטרעף פון מילע און זאַמענהאָף, איז געקומען צו אַ צוזאַמענשטויס אויף די נאַלעווקעס, װו צװיי פאַרבאַריקאַדירטע גרופּן האָבן פאַרטיידיקט די גאַס. דער קאַמף האָט געדויערט 7 שעה. אונטער דער געדיכטער באַשיסונג פון ייִדישע קעמפער, זענען די דייטשן געװען געצװוּנגען זיך פון דאַנען צוריקציען איבערלאָזנדיק פיל טויטע. יעדער װײַלע האָבן דייטשע אַמבולאַנסן אָפּ־געפירט פאַרװוּנדעטע צום זאַמלפּונקט אויפן פּלעצל נעבן יידנראַט.

אויף ראָג גענשע האָט זיך געפונען אַ דייטשער אָבסערװאַציע־פּונקט פאַר אַװיאַציע, װעלכער האָט סיגנאַליזירט די עראָפּלאַנען, װאָס האָבן אָן אויפהער געקרייזט איבערן געטאָ, אין װעלכן אָרט עס געפינען זיך די קעמפער (129).

אין דער זעלביקער צייט זענען פאָרגעקומען פאַרביסענע קאַמפן אויפן מוראַנאָװער פּלאַץ (130). לויט סטראָאָפּס ראַפּאָרט האָט דאָ געקעמפט די הויפּט־גרופּע פון זש. אָ. ב. פאַרייניקט מיט פּוילישע קעמפער, װעל־כע דער דייטשער גענעראַל רופט אָן באַנדיטן. ביים קוילנװאַרפער װאָס איז אױעקגעשטעלט געװאָרן אויפן דאַך האָט געפלאַטערט די רויט־װייסע און װייס־בלויע פאָנען, „אַלס צייכן פון ברודערשאַפט, אין נאָמען פון קאַמף פאַר געמיינזאַמע רעכט צום לעבן, קעגן דעם פאַרהאַסטן שונא" (131). אַט די פאָנען האָט גענעראַל סטראָאָפּ אויפגענומען װי אַ פּראָ־װאָקאַציע און זיי זענען געװאָרן — װי ער ראַפּאָרטירט — דעראָבערט אויפן צװייטן טאָג פון די קאַמפן דורך אַ ספּעציעלער דייטשער שטורעם־גרופּע. אין דעם קאַמף איז געפאַלן, פון אַן אויפגעריסענעם גראַנאַט װאָס איז געװאָרפן געװאָרן דורך אַ ייִדישן קעמפער, דער ס.ס.־אישער אונטער־שטורמפירער דעמקע, פון ס.ס.־אישן קאַװאַלעריע רעזערװ־באַטאַליאָן (132).

די ייִדן האָבן זיך דאָ פאַרביסן פאַרטיידיקט, אָפּשטויסנדיק אין אי־

בערמענטשלעכן געראנגל דעם אנגריף פון שונא. עס איז אונטערגעצונדן געווארן א דייטשער טאנק, דער צווייטער פון ערשטן קאמפס-טאג; די יידן האבן אויך דערצבערט צוויי קוילנווארפער און א סך אנדערע געווער (133).

ס'איז אויך נויטיק צו דערמאנען פון ערשטן קאמפס-טאג — די געלונגענע אטאקעס פון א קאמפס-גרופע, וואס זענען געפירט געווארן פון די הייזער אויף לעשנע 74 און סמאטשע 8 און 10. פון ערשטן הויז האט דער פירער פון דער לאקאלער קאמפס-גרופע געווארפן א גראנאט אין דער דערנענטערנדיקער זיך גרופע ס. ס.-אווצעס, ווי אויך דריי צינד-פלעשער, נאך דעם האבן די קעמפער זיך צוריקגעצויגן אן פארלוסטן אין הויז אויף נאוואליפקי 63, וווּ עס איז געשטאנען קאמפסגרייט א צווייטע קאמפס-גרופע (העניעקס). צווישן די דייטשן זענען געווען טויטע און פארוונדעטע.

12 בייטאג, ווען ס'האט זיך פון סמאטשער זייט דערנענטערט א גרופע שאוליסטן*), וואס איז געגאנגען אין דער ריכטונג פון נאוואליפיע, האט א קאמפס-גרופע, וואס האט זיך געפונען אין די הייזער סמאטשע 8 און 10 גלייך זיי אנגעהויבן צו באשיסן. פון צווייטן שטאק זענען געווארפן געווארן גראנאטן. אין רעזולטאט זענען געבליבן ליגן אויפן ברוק פיל טויטע און פארוואונדעטע (134).

פארנאכט-צו איז שוין נישט געווען אויפן געביט פון געטא קיין איין דייטש. עס האט נאר ווייטער געדויערט די ארטילערישע באשיסונג פון דער זייט פון קראשינסקי פלאץ און אנדערע פאזיציעס, ווי אויך פון צייט צו צייט באמבארדירונגען פון דער לופט (135).

דער ערשטער טאג פון די קאמפן האט זיך פארענדיקט מיט אן אן ספקדיקן נצחון פון זש. א. ב., וואס האט איר איבערגעוויכט פארדאנקט דעם, וואס זי האט אטאקירט אומגעריכט, גיך און פון גוט פארמאסקירטע פאזיציעס (136).

אלע דייטשע קאמפס-איינסן זענען צוריקגעצויגן געווארן אין די באַ-

---

*) ליטווישע פאשיסטן.

ראקעס און בלויז די ארומרינגלונג פון געטא איז פארשטארקט געווארן דורך 250 ס.ס.־אוועס. חוץ לזה האבן די דייטשן אנגענומען מאסמיט־לען בכדי אוממעגלעך צו מאכן די יידן זיך צו באהאלטן אין די קאנאלי־זאציע־רערן.

די דייטשע קאמפס־גרופן, וואס זענען געשיקט געווארן אין די זיי באקאנטע באהעלטעניש, מיט דעם באפעל ארויסשלעפן פון דארט די איינוווינער און פארניכטן די בונקערס, האבן געכאפט ביי 380 יידן (137). אין דער ווירקלעכקייט זענען אין די דייטשע הענט אריינגעפאלן איבער־הויפט די יידן, וואס האבן זיך לגמרי נישט אויסבאהאלטן, וואס האבן רעזיגנירטע, פארמאטערטע און טעראריזירטע געווארט „עס זאל שוין געשען וואס ס'איז זיי באשערט". געשלאגענע מיט בייטשן — שרייבט אן עד־ראיה — געמזיקטע מיט קאלבעס פון ביקסן דורך אוקראינישע משורתים זענען זיי געלאפן אונטערן אקאמפאניאמענט פון בעסטיאלישן געלעכטער פון די מערדער, צווישן פייף פון נאהייקעס און כריפענדיקע אויסגעשרייען: „שנעל, שנעלער" (138).

אונטער דער וואנט אויף גענשע גאס, אונטער די פענצטער פון יודנ־ראט איז געווען דער זאמלפונקט. „דא גיסט זיך אריין דער מענטשן־ים, אהער קומען אלץ נייע און נייע פארטריבענע".

אויפן הויף פון יודנראט, וואס איז פארוואנדלט געווארן אין אן עקזעקוציע־פלאץ האט מען גלייך אויף אן ארט דערשאסן עלטערע יידן, קינדער און יוגנטלעכע, וואס פלעגן באשטימט ווערן דורך בראנדטן און זיינע געהילפן. ווען דאס געזעמל אויף גענשע גאס איז שיטערער געווארן, איז אנגעקומען אן ס.ס.־מאן אין דער שפיץ פון אן אוקראינישער אפטיי־לונג. מען האט אויסגעשטעלט די איבערגעבליבענע צו דריי אין א ריי און זיי געפירט צום אומשלאג־פלאץ דורך די גאסן פראנציסקאנער, גענשע, זאמענהאף צו סטאווקי. אייניקע הייזער זענען שוין דא אונטערגעצונדן געווארן.

אופן אומשלאג־פלאץ האבן די קרבנות איבערגעלעבט אן אמתן גיה־נום. ביינאכט האבן עטלעכע דרייסטע אומזיסט געפרווט זיך ארויסקריגן פון דער הויך פון פינפטן שטאק דורך א קלאדקע וואס איז איבערגע־

וואָרפן געוואָרן אויף א דאך פון א שכינותדיקן הויז אויף ניזקע. צום באַ-דויערן איז דער ערשטער פּליט, א געטראָפענער דורך דער קויל פון וועב-טער אראָפּגעפאַלן אויף דר'ערד.

אויף צומאָרגנס 4 בייטאָג האָט האנדטקע, איינער פון די פארברע-כערישסטע דייטשע מערדער אדורכגעפירט די סעלעקציע, ווו ער האָט פּינקטלעך אָפּגעטיילט פרוי פון מאַן, מוטער פון קינד „די, רעכטס צו די וואַגאָנעס, יענע לינקס אויפן הויף ווו מען מאָרדעט". א טייל יידן האָט מען דעם זעלביקן טאָג ארויסגעשיקט קיין טראַווניק (139).

דער צווייטער טאָג פון דער אקציע האָט זיך אָנגעהויבן פון קאָנצענ-טרירן גרעסערע גרופּן פון ס.ס.-לייט אויפן שטח פון צווישן-געטאָ און אויף דער „ארישער זייט". די קאַמפּס-איינסן, מיט וועלכע עס האָט דיס-פּאָנירט גענעראַל סטראָאָפּ אין דעם טאָג האָבן באַטראָפן 1293 מאַן, אין דעם 31 אָפיצירן, נעמלעך ס.ס.-אישער רעזערוו-באַטאַליאָן פון גרענאַ-דירן פון פּאַנצער-געווער (694 מאַן), ס.ס.-אישער רעזערוו-באַטאַליאָן פון קאַוואַלעריע (460 מאַן). פּאָליציי (171 מאַן), זיכערהייטס-פּאָליציי (50 מאַן), באַטאַליאָן „טראַוווניקי" (151 מאַן). חוץ לזה פון ווערמאַכט: איין צען צענטימעטערדיקע האוביצע (8 מאַן), איין פייער-ווארפער, סאַפּערן, אינזשעניערן (18 מאַן), דריי ארמאַטן פון קאַליבר 2,28 צמ. (26 מאַן), איין פראַנצויזישער און צוויי שווערע טאַנקן, פּאַנצער-וואַגנס מיט געווער פון ס.ס., מעדיצינישע הילף.

לייךנדיק דעם ערשטן טאָג פון קאַמף א מפּלה, האָט גענעראַל סטראָאָפּ נאָמינירט אלס קאָמאַנדיר פון די אָפּעראַציעס פון 20טן אַפּ-ריל דעם פּאָליציי-מאַיאָר שטאַרנאַגעל. 7 אזייגער פרי זענען פאָרמירט געוואָרן 9 שטורעם-גרופּן, יעדע צו 37 מאַן, וואָס זענען באַשטאַנען פון פאַרשידענע קאַמפּס-איינסן, וואָס האָבן באַדאַרפט אדורכזוכן דאָס גע-טאָ. די דייטשע הויפּטקרעפטן גייען נישט אריין אין די באַוווינטע גע-ביטן. דער שונא איז מער פאָרזיכטיקער ווי דעם פאָריקן טאָג.

נאָכן פעסטשטעלן, אז אין דער נישט באַוווינטער טייל פון געטאָ, ווו עס געפינען זיך עטלעכע שאָפּן, זענען פאַראַן זייער שטאַרקע ווידער-שטאַנד-נעסטן פון די אויפשטענדלער, וואָס מאַכן אוממעגלעך אדורכ-

גיין דעם טאַנק, האָבן צוויי שטורעם-גרופּן אַטאַקירט די קעמפער „כדי צו מאַכן אַ וועג פאַרן טאַנק". בעת אָט דער אָפּעראַציע זענען צוויי ס.ס.־אָוצעס פאַרוווּנדעט געוואָרן (140).

ארום דריי בייטאָג איז אַן אָפּטיילונג פון 300 ס.ס.־אָוצעס, אין געשלאָסענע רייען, צוגעקומען צום טויער פון די בערשטער, ווו ס'איז געשטאַנען אויף דער וואַך אַ שטאַרקע אָרטיקע גרופּע פון יידישע קעמפער. אַ צווייטע גרופּע פון דײַנען, האָט געגומען אָנטייל אין די קאַמפן אויפן געביט פון צענטראַלן געטאָ. ווען די דייטשן האָבן זיך אויף אַ ווייל פאַרהאַלטן, האָבן אונדזערע קעמפער מיט דער הילף פון עלעקטרישן שטראָם אַרויסגערופן דעם אויפרייס פון דער מינע. לויט די יידישע מקו־רים (עדעלמאַן, ראַטהייזער) זענען דאַן געפאַלן ביי 80 - 100 טויטע און פאַרוווּנדעטע דייטשן (141). מען האָט געזען פליענדיקע אין דער לופט טיילן פון קערפּערס (142). סטראָאָפּ, וועלכער דערמאַנט בלויז שעמעוו־דיק וועגן דער אָפּעראַציע, פאַרקלענערט טענדענציעז זיינע פאַר־לוסטן. אין דעם ראַפּאָרט פון יענעם טאָג רעדט ער בלויז וועגן 7 פאַר־וווּנדעטע, פון דעם 6 ס.ס.־אָוצעס און איינער פון באַטאַליאָן „טראַוו־ניק", הגם אביסל ווייטער אין דעם זעלביקן ראַפּאָרט רעדט ער שוין פון אַ שווער פאַרוווּנדעטן פון „ווערמאַכט", וועלכן ער האָט בכיוונדיק „פאַר־געסן" אריינרעכענען אין דער זעלביקער „סומע" פון פאַרלוסטן. איינס איז זיכער, אַז די דייטשן זענען פון דאָרט אַנטלאָפן גאָר גיך, באַגלייטע דורך קוילן פון יידישע קעמפער (143).

אין אַזעלכע באַדינגונגען האָט גענעראַל סטראָאָפּ באַפוילן אָפּריי־ביקן די נישט־באַוווינטע געטאָ-טייל, בכדי צו קאָנען ליקווידירן די עק־זיסטירנדיקע דאָרט שטאַרקע ווידערשטאַנד־צענטערן, הגם ער האָט זיך אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון, אַז דאָס וועט זיין אַ שווערע אָפּעראַציע (144). דעריבער האָט זיך שוין אין די פאַרטאָגיקע שעהן באַוויזן דער דירעק־טאָר פון בערשטער-שאָפּ ד"ר לאָוס און האָט תיכף צונויפגערופן אַ קאָנ־פערענץ פון די פאַרוואַלטער פון די וואַרשטאַטן. ער האָט דערקלערט, אַז אין צוזאַמענהאַנג מיט די געשעעניש אין געטאָ מוזן די אַרבעטער פון שאָפּ אויף צו מאָרגנס אַרויספאָרן קיין פּאָניאַטאָוו (145). צוליב דעם זעל־

ביקן טעם האָט שוין 12 אַזייגער טעבענס אויפגעפאָדערט טעלעפאָניש, אַז אַלע אַרבעטער פון זיין „ווערק״ זאָלן זיך שטעלן ביזן 21טן, 10 פרי אויפן אומשלאַג-פּלאַץ, בכדי „אַרויספאָרן צו די אַרבעט-וואַרשטאַטן קיין טראַווניק און פּאָניאַטאָוו״, ווייל ווי ער האָט פאַרזיכערט, מוז וואַרשע ביז 12 אַזייגער פון קומענדיקן טאָג ווערן „יודנריין״. די יידישע אָנפירונג פון שאָפּ האָט אין דעם ענין עטלעכע שעה קאָנפערירט מיט טעבענס, וועלכן ל. פריוועס האָט געמאָלדן, אַז קיין שום יידישער אַרבעטער קאָן נישט האָבן קיין צוטרוי צו אַן אויסזידלונג אָן זייגע אַרבעטס-מכשירים, אָן מאַשינעס. אויף דעם איז געקומען אַן ענטפער, אַז אויפן געביט פון פּאָניאַטאָוו זענען פאַראַן פאַרטיקע פאַבריקן, און וועלכע מען וועט גלייך קאָנען צוטרעטן צו דער אַרבעט. פריוועס האָט דאַן אָנגעוויזן אויף דעם, אַז די איינוווינער פון די פאַראַדנע שטאָקן האָבן נישט די מעגלעכקייט אַריינצוגיין אין זייערע דירות, איינצופאַקן זיך צום אַרויספאָרן, ווייל זיי ווערן פון הינטער דער מויער באַשאָסן און באַוואָרפן מיט גראַנאַטן, און האָט פאַרגעלייגט איבעררייסן די באַלאַגערונג אויף דריי שעה. טעבענס האָט זיך וועגן דעם ענין געווענדט צו דער „בעפעלשטעלע״, און געקומען צוריק מיט אַן אָפּזאָג. ביי אַזאַ זאַכלאַגע האָבן אַלע יידן באַשלאָסן ליבערשט זיך לעבעדיקערהייט פאַרמאַכן אין די קברים, איידער זיך איבערגעבן אין די הענט פון די מערדער (146).

נאָכן אויפרייס פון דער מינע האָט סטראָאָפּ פאַראָרדנט דריי אַזייגער ביי טאָג די באַלדיקע עוואַקואַציע פון די בערשטער. ס'האָבן זיך געמאָלדן פרייוויליק בלויז 28 יידן. אין קנאַפּע צוויי שעה אַרום נאָך דער ערשטער שלאַכט, האָבן די דייטשן זיך אָנגעהויבן איינציקווייז צוריקקערן, אָפּהיטנדיק דערביי זייער שטאַרקע פאָרזיכטיקייט און באַמיענדיק זיך אין קאַמפּס-אָרדענונג אַריינקריגן אויפן געביט פון די בערשטער. זיי זענען גלייך באַוואָרפן געוואָרן מיט גראַנאַטן און צינדפלעשער, און רעזולטאַט פון וואָס עטלעכע דייטשן האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין לעבעדיקע פאַקלען. פון 30 דייטשן, וואָס האָבן זיך אַריינגעקריגן אויף דעם געביט פון דער זייט פון בלאַס אויף פראַנציסקאַנסקע, זענען אַרויס גאַנץ בלויז עטלעכע. דאָס איז געווען דער צווייטער פולער נצחון פון קעמפער (147).

„דאָס, וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט — האָט געשריבן דער קאָמענדאַנט אַניעלעוויטש צו זיין פּאַרטרעטער צוקערמאַן נאָך צוויי טעג קאַמפּן אין געטאָ — לאָזט זיך ניט איבערגעבן מיט ווערטער. מיר גיבן זיך אָפּ אַ דין־וחשבון פון איינס: דאָס, וואָס איז געשען, האָט איבערגעשטיגן אונדזערע סאַמע דרייסטע טרוימען. די דייטשן זענען געצוווּנגען געוואָרן צוויי מאָל אַנטלויפן פון געטאָ. איין אָפּטיילונג אונדזערע האָט אויסגעהאַלטן אויף אירע פּאָזיציעס אַריבער 40 מינוט, אַ צווייטע אָפּטיילונג האָט אויסגעהאַלטן זעקס שעה. אַ מינע, וואָס מיר האָבן פאַרלייגט אויפן געביט פון די בערשטער האָט אויפגעריסן. עטלעכע פון אונדזערע אָפּטיילונגען האָבן אַטאַקירט די דייטשן און זיי פאַרטריבן. אונדזערע פאַרלוסטן אין מענטשן זענען מינימאַלע. עס איז אומגעקומען י. ער איז געפאַלן מיט אַ העלדן־טויט ביי דער מאַשין־ביקס. איך האָב דאָס געפיל, אַז עס געשעען גרויסע זאַכן, אַז דאָס, אויף וואָס מיר האָבן געוואַגט, האָט אַ דערהויבענער באַדייטונג״... (148).

און אָט איז געשען אַן אומדערוואַרטע זאַך. צוויי העכערע אָפיצירן פון ס. ס. אין דער באַגלייטונג פון ד״ר לאַוס האָבן זיך באַוויזן אין הויף אויף שוו. יערסקע 32 — וואָלאָווע 6 מיט אַראָפּגעלאָזטע אויטאָמאַטן און ווייסע בלימלעך אין די קלאַפּעס, פאָרגעלייגט אַ 15 מינוטיקן וואָפנשטילשטאַנד בכדי דערמעגלעכן אַרויסנעמען די געהרגעטע און פאַרווונדעטע און אויסגעדריקט די גרייטקייט איבערפירן אַלע איינוווינער אין די לאַגערן פון פּאָניאַטאָוו און טראַווניק. אַלס ענטפער זענען געפאַלן שאָסן פון אַלע שטאָקן, פון כמעט אַלע פענצטער. באַזונדערס האָבן זיך די דייטשן געלאָזט פילן פאָלגנדיקע קעמפער: דער אַלטער וועטעראַן דיאַמאַנד, וואָס האָט פּינקטלעך געצילט, דבורה, וואָס האָט אַזוי פאַרביסן געשאָסן, אַז זי האָט אפילו אַרויסגערופן פאַרוווּנדערונג ביי די דייטשן, קאַזשיק (ס. ראַטהייזער) און שלאָמעק שוסטער, דער 17־יאָריקער קעמפער, וועלכער האָט זיך שפּעטער אויסגעצייכנט אין איינעם פון די שענסטע שלאַכטן, וואָס זענען געפירט געוואָרן דורך די יידישע קעמפער נאָכן אויפדעקן דעם בונקער אויף פראַנציסקאַנסקע 30, און וועלכער איז שפּעטער אומגעקומען אויף דער „אַרישער זייט״.

ווען עס האט פארפעלט גראנאטן, האט דער יונגער שלאמעק אווארף געטאן א צינד־פלאש, און געטראפן אין העלם פון א דייטש, וועלכער איז גלייך געבליבן שטיין אין פלאמען (149).

ביי אזא זאבלאגע האט סטראאפ געגעבן א באפעל דער ארטילעריע באשיסן דעם געביט פון די בערשטער. ס׳זענען צו דער אפעראציע באנוצט געווארן 3 צוויי־צענטימ. ארמאטן; די באדינונג פון די ארמאטן, ווי ס׳איז אליין מודה סטראאפ, האט געהאט צוויי געהרגעטע. עס האט אנגעהויבן די באשיסונג א 10 צענטימ. האוביצע (שווערער ארמאט) (150). די דייטשן באשיסן דעם בלאק פון אלע זייטן, באמיענדיק זיך פאר יעדן פרייז זיך אריינקריגן אויף דעם געביט. אויף איינער פון די בוידעמער אויף שוו.-יערסקע 24 זענען די קעמפער פלוצלינג ארומגערינגלט געווארן דורך דייטשן, וואס האבן אונטערגעצונדן דאס הויז. אין גאנג פון שלאכט קומען צו הינטנארום סעוועק דונסקי און יונגהייזער און ווארפן א גראנאט. בעת דער אטאקע אויף דעם פייער־שפייענדיקן, פון הינטערן קוימען, צ. ק. מ. (שווערע מאשין־ביקס) קומט אום מיט א העלדישן טויט מיכאל קלעפפיש, וועלכער ווערט אדורכגעלעכערט מיט א סעריע קוילן פון אן אויטאמאט (151). ער איז אין ערשטן יארטאג פון אויפשטאנד אין ווארשעווער געטא, באלוינט געווארן נאכן טויט דורך דער הויפט־אנפירונג פון פוילישן מיליטער מיטן קרייץ ווירטוטי מיליטארי.

די האלטונג פון די קעמפער איז געווען אזא העלדישע, אז די דייטשן האבן באשלאסן זיך אפצוזאגן פון דירעקטן קאמף.

דעם זעלביקן טאג זענען אונטערגעצונדן געווארן די הייזער און הייזער־בלאקן ווו די דייטשן האבן אנגעטראפן אויף א ווידערשטאנד, נעמלעך: אויף די נאלעווקעס די נומערן 33, 35, 37; אויף מילע — די נומערן 19, 28, און זאמענהאף 28. אלס ענטפער אויף די שריפות האבן די אויפשטענדלער אונטערגעצונדן די סקלאדן פון „ווערטערפאסונג״, וואס האבן פארמאגט סחורות אין דער ווערט פון עטלעכע צענדליק מיליאן זלאטעס (152).

סטראאפ, כדי צו ראטעווען זיין פרעסטיזש, ראפארטירט דעם זעלביקן טאג, אז די ווידערשטאנד־צענטערן אין דער נישט באוווינטער טייל

פון געטאָ זענען דערשטיקט געוואָרן דורך דער סאַפּערישער קאַמפּס־גרו־פּע און די פייער־וואַרפער, דערביי איז 1 זעלנער אַדורכגעשאָסן געוואָרן די לונגען און אז צוליב דעם צופאַלנדיקן אָוונט האָט ער איבערגעריסן די אַקציע, אז אויף מאָרגן וועט דער ווידערשטאַנד־צענטער, אויף וויפל די באַדינגונגען וועלן דערלויבן, בלאָקירט ווערן ביינאַכט און ווידער אַטאַ־קירט ווערן, אז צולעצט איז געלונגען 9 דייטשע שטורעם־גרופּן זיך אַריינ־קריגן אין די צפון־גרענעצן פון געטאָ און אויפדעקן 9 באַהעלטעניש, די איינוווינער פון וועלכע זענען בעתן שטעלן אַ ווידערשטאַנד פאַרניכטעט געוואָרן און די באַהעלטעניש אויפגעריסן געוואָרן אין דער לופט. סטראָאָפּ איז נישט געווען אימשטאַנד אָנצוגעבן די פאַרלוסטן פון די יידן. פון זיין ראַפּאָרט ווערט בלויז באַוווּסט, אז ס'איז די דייטשן געלונגען כאַפּן 506 יידן, פון וועלכע די „פיזיש געזונטע" זענען געהאַלטן געוואָרן באַזונדער פאַר דעם טראַנספּאָרט קיין פּאָניאַטאָוו (153).

עס האָט דערפאַר דער דייטשער גענעראַל נישט ראַפּאָרטירט וועגן דעם, אז אויפן צווייטן טאָג פון דער אַקציע האָבן די דייטשן זיך אַריינ־געריסן אויפן געביט פון געוועזענעם שפּיטאָל „טשיסטע" אויף גענשע 6, ווו זיי האָבן אויסגעשאָסן אַלע קראַנקע אין די בעטן, און נאָכהער האָבן זיי דאָס הויז צוזאַמען מיט דעם אַנשטאַלט פאַר אַפּראָוויזאַציע באַ־וואָרפן מיט באָמבעס (154).

סטראָאָפּס אָפּטיילונגען פאַרכאַפּן אויסער דעם באַדייטנדיקע זאַפּאַסן צינד־פלעשער, גראַנאַטן, אַמוניציע, אויך מיליטערישע מונדירן (155).

אויף צומאָרגנס האָבן די אָפּעראַציעס זיך אָנגעהויבן 7 אַזייגער אינ־דערפרי. עס איז גלייך איין דייטשע קאַמפּס־גרופּע, אַ געשטאַרקטע דורך סאַפּערן און שווערע אַרטילעריע, אַרויסגעשיקט געוואָרן אויפן געביט פון די בערשטער־שאָפּן, ווו עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן דאָס עקזיסטירן פון אַ גרויסער צאָל בונקערס און אונטערערדישע דורכגענג, פון וואַנען די אויפשטענדלער האָבן געשאָסן. סטראָאָפּ האָט באַשלאָסן אויפרייסן די טונעלן און אונטערצינדן דעם גאַנצן בלאָק. ס'איז אונטערגעצונדן געוואָרן דער בערשטער־געביט פון אַלע זייטן. אין איין מינוט איז דער גאַנצער בלאָק געשטאַנען אין פלאַמען. דאָס איז געווען די ערשטע ריזיקע שריפה

אין געטא. די דייטשן האָבן גלייך אונטערגענומען שריט בכדי ניט צו דערלאָזן פארשפּרייטן זיך פון פייער אויף דער ארישער זייט. צוליב דער מוראדיקער שריפה זענען די יידן געצוואונגען געוואָרן צו פארלאָזן זייערע באהעלטענישן (156). די גאנצע מאסע יידן, וועלכע די דייטשן זענען נישט אומשטאנד געווען צו געפינען, נישט געקוקט אויף אַלע זוכענישן, האָט אין דער נאכט פון 21טן אויפן 22טן אפּריל פארלאָזט די באהעלטענישן אונטער די דעכער און אין די קעלערן און געפּרוווט זיך ראטעווען דורך אנטלויפן פון פייער. זייער פיל מענטשן, גאנצע משפּחות, ארומגעכאפּטע דורך פלאמען זענען געשפּרונגען פון די פענצטער אויף די פון פריער אראָפּגעוואָרפענע מאטראצן, אָדער ווייכע מעבל־טיילן, אָדער האָבן זיך באמיט אראָפּלאָזן אין דער נידער מיט דער הילף פון צונויפגעבונדענע ליילעכער און ד. גל. אַלע זענען אויפן אָרט אומגעבראכט געוואָרן. אייניקע האָבן נאָך געפּרוווט מיט צעבראָכענע גלידער זיך שלעפּן דורך דער גאס צו הייזער־בלאָקן, וואָס זענען אָדער טיילווייז, אָדער אינגאנצן נישט געווען ארומגעכאפּט דורך דער שריפה (157).

די קעמפער באשליסן פאר יעדן פּרייז זיך אריינקריגן אין צענטראַלן געטא. די פלאמען רירן אָן די קליידער, פון דעם צעגליטן שאָסייצינדן זיך אָן די פּאָדעשוועס. צוויי אַזייגער ביינאכט, איינער נאָכן צווייטן, אין שיך ארומגעוויקלטע מיט שמאטעס בכדי מען זאָל נישט הערן זייערע טריט, אונטער אַ געדיכטער באשיסונג, אין דער העכסטער שפּאנונג, הויבן אָן די קעמפער זיך אריינקריגן דורך אַ קליינעם לאָך אין וואנט, וואָס איז פון דריי זייטן באוואכט פון זשאנדארמעריע, אוקראַינער און „גראנאטאָווע" פּאָליציי.

עס זענען גליקלעך אַדורכגעגאנגען גוטמאנס, בערלינסקיס און גרינבוימס גרופּן: יורעק בלאָנעס גרופּע האָט געשיצט פון הינטן. אין מאָמענט, ווען די ערשטע קעמפער פון דער גרופּע זענען ארויס אויפן גאס האָבן די דייטשן באלויכטן דאָס אָרט. דאן האָט ראָמאנאָוויטש מיט אַ טרעפלעכן שאָס פארלאָשן דעם רעפלעקטאָר. אַלע קאמפס־גרופּן האָבן זיך אַזוי ארום אריינגעריסן אויף פראנציסקאנסקע 30 און תיכף אָנגעבונדן אַ קאָנטאקט מיט דעם הויפּט־שטאב אויף מילע 18 (158).

אויפן דריטן טאָג פון דער אַקציע זענען די דייטשע הויפּטקרעפטן געווען באַשטימט צום אָפּרייניקן די נישט־באַוווינטע טיילן פון געטאָ פון דרום ביז צפון. פאַרן צוטרעטן צו דער אָפּעראַציע, ווי ס'האָט פייער־לעך געמאָלדן סטראָאָפּ, איז געלונגען „כאַפּן" 5.200 יידן, באַשעפטיקטע אין אונטערנעמונגען וואָס האָבן זיך געפונען אונטער דער אויפזיכט פון באַוואָפנונגס־קאָמיסאַר (די קאַ־בעטריבן), וועלכע מען האָט אונטער אַ קאָנוואָי פון דער באַוואָפנטער וואַך אָפּגעפירט צו דער באַן־סטאַציע.

חוץ דעם זענען געשאַפן געוואָרן דריי גרופּעס נישטערער, צו וועל־כע מען האָט צוגעטיילט ספּעציעלע שטורעם־גרופּן מיט דער אויפגאַבע צו אַטאַקירן און אויפרייסן באַקאַנטע בונקערס. די אָפּעראַציע האָט אָבער געמוזט איבערגעריסן ווערן צוליב דער צופאַלנדיקער נאַכט. וועגן פאַרלויף פון דעם קאַמף, וועלכער איז פאָרגעקומען, ראַפּאָרטירט קורץ סטראָאָפּ, אַז די יידן האָבן זיך באַנוצט מיט דעם זעלביקן געווער וואָס דעם פאַריקן טאָג, איבערהויפּט אויפרייס־מאַטעריאַלן פון אייגענער פּראָ־דוקציע. צום ערשטן מאָל האָבן אין דעם טאָג די דייטשן זיך אָנגעטראָפן אויפן אָנטייל פון פרויען, מיטגלידערינס פון דער „יידישער פרויען קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע (חלוצישע באַוועגונג)". לויט דעם ראַפּאָרט, זענען אין דעם קאַמף ביים אויפרייסן די בונקערס, אומגעקומען — 150 יידן און יידישע אויפשטענדלער און אַרום 80 אויפשטענדלער גופא. חוץ דעם איז די דייטשן געלונגען צו כאַפּן פינף טויזנט דריי הונדערט יידן. די איי־גענע פאַרלוסטן גיט אָן סטראָאָפּ ווי געוויינלעך אַלס זייער קליינע, אײנ־גאַנצן 5 פאַרוווּנדעטע (צוויי פּאָליציאַנטן, צוויי ס.ס.־לייט, איינער פון באַטאַליאָן „טראַווניק"); די דייטשן האָבן אויך פאַרכאַפּט ביקסן, רע־וואָלווערן, גראַנאַטן, אויפרייס־מאַטעריאַלן, פערד, און אויך מונדיר־טיילן פון ס.ס. (159).

אין משך פון דער גאַנצער נאַכט פון 21טן אויפן 22טן האָט מען גע־שאָסן פון די בלאָקן פון די שאָפּן, וואָס האָבן באַדאַרפט עוואַקואירט ווערן.

דעם 22טן אַפּריל האָט גענעראַל סטראָאָפּ אָנגעהויבן די אָפּעראַציעס מיט אַרויסשיקן אַן אַטאַקירנדיקע קאָלאָנע בכדי כאַפּן די יידן, וועלכע האָבן

זיך נאך געפונען אין די הייזער-בלאקן פון די בערשטער, וואס זענען שוין אין גרעסטן טייל געווען אדער פארברענט, אדער נאך געשטאנען אין פלאמען. דעם בלאק, פון וועלכן די ס.ס.-לייט זענען אנגעגריפן געווארן, האבן זיי גלייך אונטערגעצונדן. די דייטשע באנדיטן איז דאן געלונגען אויסשיסן א טייל יידן, וואס האבן געפרווט אנטלויפן. זיי האבן אויך געכאפט ארום 180 יידן אין די הויפן פון בערשטער-געביט (160).

צוליב דער שריפה זענען די איינוווינער פון בונקער אויף שוו.-יערסקא 28, ווו ס'האבן זיך געפונען ארום 80 קינדער, געצווונגען געווען ארויס אויף דער ברענענדיקער גאס. די מענטשן האבן זיך שוין געפונען אויפן ראנד פון משוגעת. אייניקע האבן אנגעהויבן שפרינגען, שרייען, זיך ווארפן אויף די דייטשן, וואס האבן ארומגערינגלט די הייזער. אין דער לופט האט זיך געטראגן דער שארפער ריח פון געסמאלעט מענטשלעך פלייש.

עס האבן אויך געברענט הייזער אויף פראנצישקאנסקע גאס. אין איינעם פון די הייזער (פראנצישקאנסקע 27) זענען האלב נאקעטע נשרפים ארומגעלאפן אינמיטן הויף. די קוילן האבן געפייפט פון אלע זייטן; די יידן האבן אויפן קול געדאוונט. עס האט אויך געברענט די מוראנאווסקע גאס. די גאסן פון צענטראלן געטא זענען געווען פול מיט טויטע מענטשן, געהרגעטע פערד און ביקסן-גילזן (161).

נאך מיטאג האבן די דייטשן דערווארבן א געוויסן דערפאלג. ווי ס'האט ראפארטירט סטראאפ האט מען געכאפט 1.100 יידן אויף „אויסזידלונג", חוץ לזה זענען פארהאלטן געווארן 203 יידן און אויפשטענדלער, אויסער דעם זענען 16 בונקערס אויפגעריסן געווארן און 80 צינדפלעשער פארכאפט געווארן. וואס שייך די דייטשע פארלוסטן איז לויט סטראאפן בלויז געפאלן איין ס. ס.-מאן (דערהרגעט) און איין פאליציי-סערזשאנט — פארוואונדעט אין די לונגען.

די דייטשע הויפטקרעפטן האבן ווייטער געפירט די אפרייניקונגס-אקציע פון די נישט-באוווינטע געטא-טיילן, וואס איז אנגעהויבן געווארן נאך אין פאריקן טאג. אומעטום האבן די דייטשן אנגעטראפן אויף א שטארקן ווידערשטאנד, וועלכער פלעגט זיך ענדיקן מיט אויפרייסן —

דורך די סאַפּערן אַנטדעקטע — בונקערס, דערביי פּלעגן אונטער די רואי־נען אומקומען אַ גרעסערע צאָל יידן צוזאַמען מיט די אויפשטענדלער. אין אַ גאַנצער ריי פאַלן — זאָגט סטראָאָפּ — „איז איינגעזעצן געוואָרן פאַר נויטווענדיק זיך באַנוצן מיט פייער בכדי אויסצורויכערן די באַנדעס, דאַ־קעגן די אַקציע פון כאַפּן די יידן וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין די קאַנאַליזאַציע־רערן האָט כמעט קיין רעזולטאַטן נישט געגעבן, צוליב דעם וואָס די יידן איז געלונגען פאַרלייגן די עפענונגען" (162).

אין די טעג פון 21טן אויפן 22טן אַפּריל זענען די דייטשע קאַמפּס־גרופּן עטלעכע מאָל אַטאַקירט געוואָרן פון אויסערן געטאָ, פון דער אַרי־שער זייט. ווי עס גיבן איינשטימיק אָן צוקערמאַן און עדעלמאַן זענען דער אַטאַקירנדיקער צד געווען די יידישע קאַמפּס־גרופּן, וואָס זענען גע־ווען צונויפגעזאַמלט אויף די געביטן פון טעבענס און שולץ, זיי האָבן באַוואָרפן די אָפּטיילונגען פון ס.ס. מיט גראַנאַטן, אין רעזולטאַט פון וועלכע עס זענען געפאַלן טויטע און פאַרוואונדעטע. די קעמפער האָבן זיך דער עיקר באַמיט שטערן די דייטשן אין רעגולערן צופלוס פון מי־ליטער צום צענטראַלן געטאָ. פון די באַלקאָנען, פענצטער, דעכער, באַ־וואַרפן זיי מיט גראַנאַטן און באַשיסן די אויטאָס פון די ס.ס.־לייט. אין איינעם פון די טעג האָבן די קעמפער ראַזאָווסקי און שלאָמעק געוואָרפן אַ צוויי קילאָגראַמיקע באָמבע אויף אַן אַדורכפאָרנדיקן אויטאָ מיט ס.ס.־לייט, גורם זייענדיק גרויסע פאַרלוסטן ביים שונא (163).

ווען צום גענעראַל סטראָאָפּ איז דערגאַנגען די ידיעה האָט ער תיכף אַרויסגעשיקט, דעם 21טן, ספּעציעלע קאַמפּס־גרופּן אויף דער אַרישער זייט און אין איין פאַל — ווי עס ראַפּאָרטירט דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער אַקציע — זענען גענומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט „35 פּאָליאַקן, באַנ־דיטן־קאָמוניסטן", וועלכע די דייטשע פאַרברעכער האָבן גלייך ליקווי־דירט. אויך דעם 22טן אַפּריל איז פאָרגעקומען אַן עקזעקוציע פון עט־לעכע אויפשטענדלער, וועלכע — ווי ס'גיט איבער סטראָאָפּ — זענען אומגעקומען מיטן אויסגעשריי: „זאָל לעבן פּוילן!", „זאָל לעבן מאָסקווע!" (164).

III

## די באַציאונג פון די פּאָליאַקן צו דעם יידישן אויפשטאַנד

דער אויפשטאַנד אין געטאָ האָט אין די ערשטע טעג נאָך זיין אויס-ברוך געמאַכט אַ זייער שטאַרקן איינדרוק אויף די איינוווינער פון וואַר-שע, וואָס זענען מיט אַנדערטהאַלבן יאָר שפּעטער אַליין אַרוים אין אַ העלדישן קאַמף מיט דעם זעלביקן שונא. דער העלדישער קאַמף פון די יידישע אויפשטענדלער האָט אַרויסגערופן אין די פּראָגרעסיווע קרייזן פון דער פּוילישער געזעלשאַפט עכטע סימפּאַטיע פאַר די קעמפנדיקע און מיטלייד פאַר די קרבנות פון דייטשער בעסטיאַלישקייט. גאַנץ וואַרשע האָט גערעדט וועגן די אויפטוען פון די יידישע אויפשטענדלער, וועגן זייער העלדנמוט, איבערטרייבנדיק אָפט די דייטשע מפּלות. עס זענען אַרום-געגאַנגען קלאַנגען וועגן טויזנטער געהרגעטע דייטשן, צענדליקער צעשלאָ-גענע טאַנקן (165).

צו דעם גאַסן-לידל, וואָס האָט פאַרמאָגט געגראַמטע צוויי שורות-דיקע סטראָפן:

א האַק, אַ מאַטיקע, אויף טרעפּ, אויף שטאָק
ביינאַכט מען יאָגט, מען כאַפּט ביי טאָג.

א האַק אַ מאַטיקע, מעסער, טעלער
ס'פאַרשפּילט דעם קריג דער דומער מאַלער.

א האַק אַ מאַטיקע, מעסער, טעלער



די דייטשן אָבסערווירן זייער פארניכטונגס־ארבעט

טראָג זיך אָפּ דייטש וואָס שנעלער.
איז צוגעקומען נאָך אַ סטראָפע:
אַ האַק, אַ מאָטיקע, ווישטאַ־העטאַ
יידן שיצן גוט דאָס געטאָ (166).

די גאַנצע אונטערערדישע פּרעסע, אויסער דער ענדעקישער „וואָל־קאַ", איז געווען פול מיט אַנערקענונג פאַר דעם יידישן אויפשטאַנד.

„דזיען וואַרשאַווי" האָט דעם 24־טן אַפּריל געשריבן צוו. אַנד.: „מיר קאָנען נישט — נישט אויסדריקן מיטגעפיל און אַכטונג פאַר דער יידישער באַפעלקערונג, וואָס האָט איבערגעריסן מיט דער פּאַסיוויטעט און פירט אַן ענערגישן, כאָטש האָפנונגסלאָזן קאַמף מיט הונדערטפאַכיק איבערוועגנדיקע כוחות פון די היטלעריסטישע הענקער"...

„מישל פּאַנסטוואָווע" (אַפּריל) האָט געשריבן: „די יידן פון אַן אומבאַהאָלפענער, געמאָרדעוועטער דורך די דייטשע פאַרברעכער סטאַדע, האָבן זיך דערהויבן צום ניוואָ פון אַ קעמפנדיק פאָלק. אויב נישט פאַר דער אייגענער עקזיסטענץ — ווייל אין אַנבליק פון דער אַבסאָלוטער איבערוואָג פון שונא איז עס אוממעגלעך, איז בכדי צו מאַניפעסטירן זיינע רעכט אויף נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ. די פּוילישע געזעלשאַפט קוקט אויף דער דערשיינונג מיט אַכטונג, געבנדיק זיי מאָראַלישע אונטערשטיצונג און ווינטשנדיק, אַז דער ווידערשטאַנד זאָל דויערן וואָס לענגער".

„נאָווע דראָגי" (יוני) האָט געשריבן צוו. אַנד.: „אויף די מויערן פון קעמפנדיקן וואַרשעווער געטאָ איז געהאָנגען אַ פּוילישע פאָן. די יידן האָבן באַנייט די סעפּטעמבער־טראַדיציע פון דער הויפּטשטאָט — קאַמף פאַרן כבוד — אונטער דעם צייכן פון דער פּוילישער רעפּובליק".

„פּשעז וואַלקען דאָ זוויציענסטוואַ" (מאַי): „...די האַלטונג פון די יידן, וואָס האָבן זיך געבאַפּט פאַר געווער... וועקט אַכטונג. זיי קעמפן און שטאַרבן מיט כבוד און ערע, וואָס הארף אַנערקענט און אונטערגעשטראָכן ווערן, נישט געקוקט אויף אַ גאַנצע ריי אונטערשיידן און אַנטאַגאָניזמען, וואָס זענען אויסגעוואַקסן צווישן אונדז און זיי".

„ביולעטין אינפאָרמאַציני" (מאַי): „...דער ביז־איצטיקער פּאַסי־ווער טויט פון די יידישע מאַסן האָט נישט געשאַפן קיין נייע ווערטן, ער איז געווען אומניצלעך. דער טויט מיט געווער אין האַנט קאָן אריינטראָגן נייע ווערטן אין לעבן פון יידישן פאָלק געבנדיק דעם פּיין פון די פּוילישע יידן דעם גלאַנץ פון באַוואָפנטן קאַמף פאַר רעכט צום לעבן. אַזוי האָט פאַרשטאַנען די פאַרטיידיקונג פון געטאָ די וואַרשעווער געזעלשאַפטלעכקייט, צוהערנדיק זיך מיט אַנערקענונג צום געקנאַל פון די סאַלוועס פון די פאַרטיידיקער און צוקוקנדיק זיך מיט אומרו צו די פייערזיילן און רויכן פון די זיך פונאַנדערוואַקסנדיקע שריפות. די קעמפנדיקע בירגער פון דער פּוילישער מלוכה וואָס געפינען זיך אונטער די געטאָווענט, זענען געוואָרן נענטער, מער פאַרשטענדלעך דער באַפעלקערונג פון דער הויפּטשטאָט".

„פאָלסקאַ וואַלטשי" (30טער אַפּריל 1943): „...מיר לייענען די ביולעטינען וועגן די שלאַכטן וואָס קומען פאָר בעת דער איצטיקער וועלט־מלחמה אין אַפריקע, רוסלאַנד, כינע, שטילן אָקעאַן. דאָרט שטאַרבן אויך מענטשן, דאָרט זעט מען אויך העלדישקייט און פאַראַכטונג צום טויט, נאָר דאָרט קעמפט מען און מען שטאַרבט אין אַנדערע באַדינגונגען. אין קאַמף וואָס קומט פאָר הינטער די געטאָ־מויערן קומען אום מענטשן אַנדערש. דאָס איז אַ קאַמף פון פאַראורטיילטע אין שוידער פון צעווילדעטער בעסטיאַליטעט און פאַרברעכן. די קאָמוניקאַטן פון אָט־דעם שלאַכט־פעלד דאַרפן געלייענט ווערן אויף די פראָנטן פון דער קעמפנדיקער מענטשהייט, כדי דער זעלנער זאָל קאָנען שטאָלץ זיין מיט דער ברידערלעכקייט פון געווער מיט די, וואָס קומען אום מיט געווער אין האַנט ערגעץ אין הייזער און גאַסן פון וואַרשעווער געטאָ. דאָס פייער איבער וואַרשע, טאָר נישט פאַרגיין און פאַרשווינדן אָן אַ שפּור, ווייל עס וואָלט דאָן פאַרגאַנגען דאָס, וואָס מען רופט אין לעבן העלדישקייט און עס וואָלט פאַרשוווּנדן אָן אַ שפּור דער דייטשער פאַרברעכן, וואָס שרייט צו די הימלען נאָך נקמה" (167).

די צענטראַלע אָנפירונג פון דער באַוועגונג פון די אַרבעטנדיקע מאַסן, האָט דעם 22טן אַפּריל אַרויסגעגעבן אַן אויפרוף, אין וועלכן זי

האָט איבערגעשיקט אַ ברודערלעכן גרוס „די אַרבעטער און אַרבעטנדיקע פֿון יידישער אָפּשטאַמונג, וואָס האָבן אין אָנבליק פֿון אומפֿאַרמיידלעכן טויט באַשלאָסן ליבערשט אומקומען מיט געווער אין האַנט איידער זיך פּאַסיוו אונטערגעבן דעם געוואַלט". און האָט פֿאַרזיכערט, אַז „זייער טאַט וועט נישט פֿאַרגיין אָן אַן אָפּקלאַנג. ער וועט אַריין אין דער לעגענדע פֿון קעמפֿנדיקן פּוילן און וועט ווערן אַ געמיינזאַם פֿאַרמעגן פֿון די פּוילישע פֿאָלקסמאַסן, אַ פֿאַרמעגן, אַ דאַנק וועלכן עס וועט אויפֿגעבויט ווערן דער בנין פֿון דעם באַנייטן פּוילן".

אינעם אויפֿרוף פֿון זש. אָ. ב., וואָס איז אין צווייטן טאָג פֿון אויפֿשטאַנד אַדרעסירט געוואָרן צו די „פּאָליאַקן, בירגער און זעלנער פֿון פֿרייהייט", לייענען מיר צוו. אַנד.: „מיר מעגן אַלע אומקומען אין אָט דעם קאַמף, נאָר מיר וועלן זיך נישט אונטערגעבן" (168).

די שטימונגען פֿון דער פּוילישער באַפֿעלקערונג האָבן זיך אָבער גיך געענדערט. די גלייכגילטיקע מאַסן פֿון דער הויפּטשטאָט, די דורכשניטלעכע פֿאָרשטייער פֿון בירגערטום און אַזוי גערופֿענער אינטעליגענץ האָבן אָנגעהויבן זיך קרימען אויף די אומבאַקוועמלעכקייטן, אויף די אַלץ וואַקסנדיקע און זיך צעשפּרייטנדיקע איבער וואַרשע, בוכשטעבלעך פֿאַרטונקלענדיק די זון, קנוילן שוואַרצן רויך (169), וואָס האָט געפֿרעסן די אויגן און באַשווערט דאָס אָטעמען, אויף דעם אומאויפֿהערלעכן געקנאַל פֿון ביקסן, מאַשינגעווער, אַרמאַטן, אויפֿרייס פֿון גראַנאַטן און באָמבעס, אויף די קאָמוניקאַציע־שוועריקייטן.

איזאָלירנדיק דאָס געביט פֿון געטאָ, האָט דער שונא אָפּגעשטעלט די טראַמוויי־באַוועגונג אויף נאָוויניאַרסקע. דער טראַמוויי האָט זיך באַוועגט בלויז פֿון מוראַנאָוו ביז זשאָליבאָזש, פֿון שטאָט ביז קראַשינסקיפּלאַץ. עס איז אויך אָפּגעשטעלט געוואָרן די פֿוסגייער באַוועגונג. פֿון דאַן אָן האָט דער וועג פֿון זשאָליבאָזש צו מיטלשטאָט געפֿירט דורך נאָוועמיאַסטאָ (ניי־שטאָט). מען האָט געקענט זעען געדיכטע מאַסן, וואָס האָבן ווי אין אַ פּראָצעסיע געשפּאַנט פֿון דרום אויף צפֿון און צוריק. עס איז גלייך אַנטשטאַנען אַ נייע באַשעפֿטיקונג: עס זענען אויסגעוואַקסן צענדליקער פּלאַטפֿאָרמען און וועגעלעך, וועגעלעך־דראָבינאַקעס, וועגעלעך-

קעסטלעך. פאר א מהלך פון צוויי דריי טראמווייי אפשטעלן האט מען געצאלט אזוי פיל וויפל פאר פופצן טראמווייי רייזעס. נישט געקוקט דאראויף האט דער „האנדל" געבליט (170).

אין דער זעלביקער צייט ווען פון ווארשעווער צפון-ראיאן האט זיך געטראגן דער הילך פון ארמאטן-געקנאל און דאס שטעפן פון מאשין-געווער — איז ערגעץ אנדערשוואו, אומעטום אין יעדער שטוב געפייערט געווארן דער יום-טוב פאסכא, דעם שפעטסטן — לויט אן אויסרעכנונג פון א דייטשער צייטשריפט „די וואכע" — פאסכא-חגא אין 20טן יארהונדערט. אומזיסט האבן געדופן די טראנספארענטן פון די יידישע קעמפער וואס זענען געהאנגען אין דער ברייט פון גאסן: „העלפט, מיר קעמפן קעגן געמיינזאמען שונא!" די ווארשעווער גאסן זענען ווייטער געווען פול מיט דעם געוויינלעכן געפילדער. (171).

אין משך פון דער גאנצער „גרויסער וואך" (וויעלקי טידזיען) האבן געדויערט כסדרדיקע שפאצירן צו די געטא ווענט. זיי האבן נישט אויפגעהערט אויך אין די חגא-טעג, ווען די „מאסע פון די איבערפולטע קאשטשאלן, מיט א היים הארץ, א רווישנדיקס מיט פרילינג, מיט יונגע בלימלעך אין האנט איז געגאנגען צו די מויערן זען דעם ספעקטאקל. צו דעם ווארשעווער חגא-ספעקטאקל". אין אלגעמיין האט ווייניק ווער פון זיי די יידן באדויערט. די מאסע איז געווען צופרידן בלויז דערפון, וואס דער פארהאסטער דייטש האט א נייע שווועריקייט. „אין דעם דמיון פון דורכשניטלעכן מענטש פון גאס האט דער עצם פאקט פון קאמף מיט א הייפל עלנטע יידן, ארויסגערופן חוזק צו דעם זיגערישן אקופאנט" (172).

מען האט גענוי אבסערווירט פון דער זייט פון שוו.-יערסקע און קראשינסקי-פלאץ די שוידער-סצענעס אין ברענענדיקן געטא, ווי אזוי הונדערטער מענטשן האבן פארענדיקט זייער לעבן שפרינגענדיק פון 3-טע און 4-טע שטאקן, ווי אזוי מוטערס האבן אויף אזא אופן געוואלט ראטעווען זייערע קינדער פון פארברענט ווערן לעבעדיקערהייט (173).

פון מיאדאווע, פון די געסלעך פון אלטשטאט, פון אלע עקן שטאט האבן זיך מאסן געאיילט צו זען פון דער נאענט דעם ברענענדיקן ראיאן. טייל זענען אווקגעגאנגען מיט אראפגעלאזטע קעפ, שווייגנדיק און

שילטנדיק די שלעכטע גרויזאַמע וועלט, אָבער אייניצייטיק דאַנקענדיק גאָט פאַר דער אייגענער רו (174). אין בעסטן פאַל איז צום געפיל פון טעמפּן פאַסיווין שוידער צוגעקומען אַ ביסל שטאָלץ און אכטונג. דאָרט הינטער די געטאָ-ווענט האָבן דאָך מענטשן געקעמפט נישט פאַרן לעבן — זיי האָבן געקעמפט פאַר אַ ווירדיקן, מענטשלעכן טויט (175).

ס'זענען אויך געווען אַזעלכע „וועלכע עס האָט אַהער געבראַכט דער סם פון היטלערישער פּראָפּאַגאַנדע. די האָבן דאָ געהאַט דעם אמתן גענוס. ס'איז שווער צו גלויבן אָבער ס'איז דאָך אַ פאַקט..." אויף קראַשינסקי פּלאַץ אין געדיכטן רויך פון דערנעבן ברענענדיקע מויערן — האָבן זיך געדרייט קאַרוזעלן באַהאַנגען מיט מענטשן. דערנעבן זענען געפלויגן אין דער הויך איבער פאַרקוילטע רואינען, — שיפל־הוידאַלקעס (176).

די דייטשן האָבן אויף אַ ביטערע אופן אויסגענוצט דעם נייגיר פון דעם וואַרשעווער ערב־רב און האָבן זיי דערלויבט שטיין נעבן די מאַשין־געווער נעסטן. בשכנות פון פּאַליאַקן האָבן זיי זיך געפילט זיכערער (177).

אין משך פון גאַנצן טאָג האָבן זיך געזאַמלט מענטשן ביי די געטאָ־ווענט. אייניקע זענען אַוועקגעגאַנגען. אַנדערע זענען געקומען. „זיי האָבן געקוקט, געערדט, באַדויערט, — דערציילט אַ באַקאַנטער שרייבער — זיי האָבן באַדויערט די סחורות, די מאַיאָנטקעס, דאָס גאָלד, דאָס לעגענדאַרע גאָלד און קודם כל די וווינונגען, הייזער, „די שענסטע הייזער". מ'האָט געטענהט: ס'האָט דער „קעניג" היטלער ניט געקאָנט אויף אַן אַנדער אופן לעזן דאָס יידן־פּראָבלעם". די פייער זיילן איז געווען צו זעען אין יעדן ווינקל פון שטאָט און אין יעדער צייט פון מעת־לעת. וועגן דעם אַלעם, וועגן קינדער, וואָס ווערן לעבעדיקערהייט פאַרברענט, האָט מען געזאָגט: „דאָס איז אין געטאָ" — און מען האָט זיך באַרואיקט... דאָס געטאָ האָט געברענט און מענטשן האָבן געזאָגט: „וואָס פאַראַ גליק, וואָס ס'איז קיין ווינט נישטאָ, אַנדערש וואָלטן אויך אונדזערע הייזער פאַרברענט געוואָרן" (178). עס האָבן זיך אויך געהערט שטימען פון אַזאַ אַרט: „גוט וואָס נישט מיט אונדזערע הענט".

דעם 5טן מאַי האָט דער פּרעמיער פון דער פּוילישער רעגירונג, גע־

נערעל סיקארסקי, געהאלטן א רעדע אין לאנדאנער ראדיא צו דער פוילי־שער באפעלקערונג אין לאנד, זאגנדיק וועגן דער פארטיידיקונג פון געטא אט וואס: „די באמבן־אויפרייסן, שאסן, שריפות דויערן טאג און נאכט. עס געשעט דאס גרעסטע פארברעכן אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. מיר ווייסן, אז איר העלפט די פארפייניקטע יידן, ווי איר קענט נאר. איך דאנק אייך, ברידער, אין מיין אייגענעם נאמען און אין נאמען פון דער רעגירונג. איך בעט אייך זיי געבן יעטוועדע הילף, און איינצייטיק קעמפן קעגן דער שוידערלעכער מערדעריי" (179).

צום באדויערן איז דער אפעל צום געוויסן נישט דערהערט געווארן. „מיר דא אויפן ארט — זענען די ווערטער פון אן עד ראיה — האבן געזען ס'ארא קליינע נישטיקע, נישט שטאנדהאפטיקע זאך עס איז דאס געוויסן. די אויפרייסן האבן אויפגעטרייסלט די ערד, די גאסן, אבער נישט די מענטשן".

אויף אזוי ווייט איז דעם שונא געלונגען צו פאנגען די מוחות, בא־ווירקן אין דער ערשטער ריי די ניי־געבאקענע סוחרים און הענדלער. נישט אומזיסט האבן ריזיקע הילכערס אויף אלע פלעצער און גאסן־ראגן פיר מאל אין טאג אנגעגעבן אלץ נייע פרטים וועגן קאטינער פארברעכן, איג־סינואירנדיק, אז די שעפער פון קאטין זענען די יידן. אין אייניקע צייטונגען פון פויזן און פאמערן האט זיך אפילו באוויזן א ידיעה, אז די פאליאקן אויפגעבראכטע צוליב קאטין האבן זיך געווארפן אויפן ווארשעווער געטא. אין די שוי־פענצטער אויף קראקעווער פארשטאט און מארשאלקאווסקע, יערזאלימער אלייען און ניי־וועלט האבן די דייטשן ארויסגעשטעלט פאטאגראפיעס פון די קרבנות „פון יידיש־באלשעוויס־טישן פארברעכן". אונטער די פאטאגראפיעס און עקלדיקע צייכענונגען זענען געווען צושריפטן: אזוי מארדעווען יידן. אויף די ווענט און פלויטן זענען געהאנגען רויטע פלאקאטן וואס האבן פארגעשטעלט אויפן רויטן פאן א יידישן מאנסטרום „דעם בייטש פון דער מענטשהייט" (180).

די צביעותדיקע דייטשע פראפאגאנדע האט פארשפרייט אן א שיעור פאלשע ידיעות, זיי האבן דערציילט, אז דאס געווער וואס יידן באזיצן, האבן זיי באקומען פון סאוויעטישע עראפלאנען (181). אז די

אַנטלאָפענע פון געטאָ יידן מאָרדעווען פּאָליאַקן. לויידער זענען די אַלע ידיעות, וואָס זענען אויסן געווען צו ווירקן אויף סאַמע אָפּגעשטאַנענסטע מאַסן, אָנגענומען געוואָרן פאַר אַ גוטע מטבע. צי דאַרף מען זיך נאָך דעם אַלעם וווּנדערן וואָס ס'האָבן זיך געהערט שטימען, אַז „די דייטשן האָבן צוגעשטו געמאַכט די אַקציע פון די יידן קעגן אונדז (פּאָליאַקן)" (182). בעת אַ סאָוויעטישן לופט-אַנגריף, ווען וועלכן עס וועט שפּעטער זיין אַ רייד, ווען ס'האָט געפלאַקערט דער פלאַם פון דעם דורך די דייטשן אונטערגעצונדענעם יידישן ראַיאָן, האָבן אייניקע אויסגעדריקט זייער פאַרדאַכט, אַז די יידישע אויפשטענדלער וואַרפן ליכט-ראַקעטעס, בכדי אָנצווייזן די פליער די סאַמע פּילבאַרסטע פונקטן פון דער הויפּטשטאָט (183).

און ס'איז נייטיק געווען אַ פאַנאַטיש גלויבן „נישט בלויז אין דער שעדלעכקייט פון די יידישע עלעמענטן", נאָר מער, אין דער גרויזאַמער געפאַר, דעמאָנישער קראַפט פון דער יידישער סטיכיע, בכדי צו קאָנען זיך בלויז גלייכגילטיק צוקוקן צו דער גרעסטער מאַרטירעריי אין דער וועלט-געשיכטע".

אָט דער דורך דורות איינגעוואָרצלטער האַס איז געווען די סיבה דערפון, וואָס — רעדנדיק מיט די ווערטער פון אַ פּאָעט — „די זעלביקע מענטשן, וואָס זענען אין טאָג-טעגלעכן לעבן געווען נישט אָן טוגנטן און מעלות, וואָס האָבן ליב געהאַט זייערע נאָענטע, וואַרשע און דאָס פאָטערלאַנד, האָבן אין מאָמענטן, וועלכע האָבן געדאַרפט אַרויסרופן טרערן ביי אַ שטיין אפילו, זיך פאַרשלאָסן אין בייזן האַס, אין בלינדן אָבערגלויבן" (יאַסטרון).

אָן אויפמערקזאַמער אָבסערוואַטאָר ווי אַזוי די שילער און שילערינס אין די אומלעגאַלע שול-קאָמפּלעטן אויף זשאָליבאָזש און פּראַגע האָבן רעאַגירט אין דער צייט פון געטאָ-אויפשטאַנד, דערציילט, אַז די מערהייט פון דער יוגנט פון דער זשאָליבאָזשער מיטלשול, וואָס האָט פאַרמאָגט דעמאָקראַטישע טראַדיציעס האָט זיך באַצויגן צום לעצטן אַקט פון דער טראַגעדיע פון די וואַרשעווער יידן מענטשלעך, מיט מיטגעפיל און פאַרשטענדעניש. דערפאַר די ליציי-יוגנט פון פּראַגע האָט זיך פּשוט פאַרכלי-

ניעט פון וויצן וועגן די געשעענישן הינטער די געטאָ־ווענט (184).

אויך די שטעלונג פון דעם אונטערערדישן פוילן צום אויפשטאַנד איז ווייט נישט געווען קיין איינהייטלעכע.

אַמלעבהאַפטסטן האָבן פאַרשטייט זיך רעאַגירט אויף דעם אויס־ברוך פון אַפּריל־אויפשטאַנד די פּוילישע אונטערערדישע אַרבעטער־אָר־גאַניזאַציעס, וועמען דאָס קעמפנדיקע געטאָ האָט צו פאַרדאַנקען די רע־צעפּטן אויף פּראָדוצירן פאַרשידענע מינים פון גראַנאַטן און צינד־פלע־שער. דער שטאַב פון דער פאָלקס־גוואַרדיע (גוואַרדיאַ לודאָווא) האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל מען זאָל קומען צו הילף די יידישע קעמפער.

דער אַוואַנגאַרד פון פּוילישע פאָלק האָט נעמלעך פאַרשטאַנען, אַז דער געטאָ־אויפשטאַנד שטעלט מיט זיך פאָר אַן אָרגאַנישע טייל פון די אַלפּוילישע באַפרייאונגס־קאַמף. דעריבער האָבן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלביים געבן הילף דעם קעמפנדיקן געטאָ און די יידישע קעמפער: דער פירער פון דער פּוילישער אַרבעטער פּאַרטיי (פּ. פּ. ר.) וויעסלאָוו, דער דעמאָלסדיקער קאָמענדאַנט פון דער פאָלקס־גוואַרדיע, בירגער פראַ־נעק (גענעראַל וויטאָלד), בירגער סענק (פּאָלקאָווניק מאַלעצקי), בירגער זענאָן קלישקאָ, בירגער אַל. קאָוואַלסקי, בירגערין סטעפאַניאַ (אירענאַ סאַוויצקאַ) און פיל אַנדערע. דער הויפּט־נערוו פון דער הילפס־אַקציע פאַר דעם אויפשטענדיקן געטאָ איז געווען דער סעקרעטאַר פון דער וואַר־שעווער פּ. פּ. ר. אָרגאַניזאַציע נאַסטעק קאָוואַלטשיק, דער שפּעטערדי־דיקער פּאַרטיי־סעקרעטאַר אין קראָקע, וואָס איז דאָ געפאַלן פון אַ קויל פון היטלערישע מערדער (185).

די איבערפאַל־אָפּטיילונגען פון דער פאָלקס־גוואַרדיע און ר. פּ. פּ. ס.*) האָבן אין עטלעכע ערטער אַטאַקירט די ס. ס. און זשאַנדאַרמעריע וואַך־פּאָסטנס, וואָס האָבן אַרומגערינגלט דאָס ברענענדיקע געטאָ מיט אַן איי־זערנעם רינג (186).

אונדז זענען באַקאַנט אַ גאַנצע ריי קאַמפּס־אַקציעס פון דער פאָלקס־

*) לינקער פליגל פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

גוואַרדיע, וואָס האָבן געהאַט פאַר אַ ציל צו ליקווידירן די דייטשע פּאַט־רולן, וועלכע האָבן באַוואַכט די געטאָ־גרענעץ.

דעם 20טן אַפּריל 1943 יאָר האָט דער פירער פון אַ ספּעציעלער גרופּע („יאַצעק") זעלבסט אַטאַקירט אין די נאָכמיטאָג שעהן די באַדינונג פון אַ קוילנוואַרפער, וואָס איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף ראָג נאַווי־גיאַרסקע און פראַנצישקאַנסקע. פאַרביגייענדיק נעבן אַ דייטשער וואַך האָט ער בליץ־שנעל אָפּגעגעבן עטלעכע רעוואָלווער־שאָסן, אַוועקלייגנ־דיק טויט צוויי זעלנער און צוויי „גראַנאַטאַווע" פּאָליציאַנטן, וועלכע האָבן אינפאָרמירט די דייטשן וועגן דער טרעפלעכקייט פון די שאָסן און זיי אָנגעוויזן לעבעדיקע צילן. אין דער צייט ווען די רעשט פון דער באַדי־נונג האָט זיך געראַטעוועט דורך אַנטלויפן צוזאַמען מיט דעם דערשראָ־קענעם המון פאַרבייגייער, איז „יאַצעק" רואיק געלם געוואָרן.

אין דער זעלביקער צייט איז אונטערגעצונדן געוואָרן אויפן שטח צווישן וואַרשעווער מערב-וואָקזאַל און הויפּט־וואָקזאַל אַ מיליטער-טראַנס־פּאָרט. דאָס פייער האָט פאַרניכטעט די עלעקטרישע נעץ און די וואַגאָנעס האָבן פאַרשטאָפּט דעם באַן־וועג. אַט די אַקציע האָט גורם געווען אַ צוויי־טאָגיקע דעזאָרגאַניזאַציע פון וואַרשעווער באַן־באַוועגונג.

אויפן 23טן אַפּריל זענען באַשטימט געוואָרן 3 אַקציעס פון דער פאָלקס־גוואַרדיע. איינע פון זיי איז אונדז באַקאַנט. עס האָט אַ 4 פּער־זאָניקע איבערפאַל-גרופּע מיטן מיטגליד פון וואַרשעווער שטאַב פון דער פאָלקס־גוואַרדיע, „גוסטאַוו" בראש, באַוואָפנט מיט רעוואָלווערן און גראַנאַטן זיך געלאָזט 4 בייטאָג אויף אַלט-שטאָט. דאָ האָבן זיי באַוואָרפן מיט גראַנאַטן אַן אויטאָ מיט דייטשע זשאַנדאַרן און אַוועקגעלייגט אויפן אָרט 5 טויטע (187).

ווי ס'ווייזט אויס איז דעם 21טן אַפּריל אויך פאָרגעקומען אַן אָנפאַל פון אַ באַוואָפנטער גרופּע פון דער פאָלקס־גוואַרדיע אונטער דער אָנפּי־רונג פון רישאַרדן אויף אַ דייטשער אַרטילעריע-נעסט אויף נאַוויניאַרסקע גאַס. „אויפן ברוק — שרייבט ב. מאַרק — אונטער די מויערן פון ברע־נענדיקן געטאָ האָט זיך אַ גאַס געטאָן בלוט פון גוואַרדיסטן-פּאָליאַקן" (188). אַט די אַקציע האָט מסתמא געהאַט אינזינען סטראַאָפּ ווען ער

האט ראפארטירט דעם 21טן אפריל וועגן דער „טעטיקייט״ פון דייטשע שטורם־גרופן, אין דעם טאג, אויף דער ארישער זייט.

ווי מיר וועלן שפעטער זען, וועט די פאלקס־גווארדיע, וועלכע האט בעת די קאמפן צוגעשטעלט די יידישע אויפשטענדלער 20 ביקסן און אמוניציע (180), שפילן אן אנגעזעענע ראל בעת דער רעטונג־אקציע פון א גרופע פון דער יידישער קאמפס־ארגאניזאציע.

די דיווערסיע־אקטן אונטער די געטא מויערן, וואס זייער ציל איז געווען אפצוציען די דייטשע קרעפטן פון קאמפס־צענטער אין געטא, די דיווערסיע־אקטן, וואס האבן גורם געווען צום באדויערן גרויסע פארלוסטן ביי די קאמפס־גרופן פון פ. פ. ר. און ר. פ. פ. ס. זענען אן שום ספק געווען אן אויסדרוק פון סאלידאריטעט מצד דער פוילישער סאציאליסטישער קאנספיראציע מיטן קעמפנדיקן געטא (190). די ידיעות וועגן די דיווערסיע־אקטן פלעגן באוווסט ווערן אין געטא און ארויסרופן אל־געמיינע פרייד. מען האט געהאפט, אז נאך דער הילף־אקציע מצד די פאליאקן וועלן קומען מיט הילף די רוסן (191).

דערפאר האט די דעלעגאטור פון דער „לאנדאנער רעגירונג״ און די לאנד־ארמיי (ארמיא־קראיאווא) געפרווט פארדעקן מיט פוסטע פראזן דאס פעלן פון איר זייט פון א וועלכער עס איז פאקטישער אונטערשטי־צונג (192), און — ווי ס׳האט ריכטיק געשריבן די „טריבונא וואלנאש־טשי״ דעם 15טן מאי 1943 — „די אפיציעלע פוילישע מיליטערישע פאק־טארן, וועלכע טענהן שטענדיק, אז בלויז זיי זענען בארופן צו טאטן... האבן נישט רעאגירט אפילו מיט קיין איין שאס, באגנוגענדיק זיך בלויז מיט א פאר ווארעמע ווערטער אין צייטונגען״. אויך דער פוילישער ראַ־דיא אין לאנדאן האט זיך דערמאנט ערשט נאך צוויי וואכן, זייט דעם אויסברוך פון אויפשטאנד געבן א ידיעה וועגן געטא (193). הגם די ערשטע ידיעה וועגן אויסברוך פון אפריל־אויפשטאנד האט די געהיימע פוילישע ראדיא־סטאציע „שוויט״ שוין אנגעגעבן דעם 22טן אפריל, דערמאנענדיק, אז אין שלאכט איז געפאלן דער 28־יעריקער אינזש. מי־באל קלעפפיש, וועלכן מען האט ריכטיק כאראקטעריזירט אלס „זייל פון דער ווידערשטאנד־באוועגונג״.

וואָס אַן אמת האָט דער באַפולמעכטיקטער פון דער רעגירונג אין לאַנד אָפּגעגעבן פאָלגנדיקע דערקלערונג וועגן דעם אויפשטאַנד אין געטאָ: „...דאָס פּוילישע פאָלק וואָס איז אַדורכגעזאַפּט מיטן קריסטלעכן גייסט, אַנערקענט נישט קיין דאָפּלטע מאָראַל, מיט עקל נעמט זי אויף די אַנטי־יידישע בעסטיאַלישקייט פון די דייטשן. און ווען אין טאָג פון 19טן אַפּריל האָט זיך אין וואַרשעווער געטאָ פונאַנדערגעפלאַקערט אַ נישט גלייכער קאַמף, האָט עס מיט אַכטונג טראַקטירט די זיך העלדיש פאַרטיידיקנדיקע יידן, און מיט פאַראַכטונג זייערע דייטשע מערדער. די פּאָליטישע אָנפירונג פון לאַנד האָט אויסגעדריקט איר טיפסטע פאַראורטיילונג פון דער דייטשער בעסטיאַלישקייט און די ווערטער פון פאַראורטיילונג — שטרייכט זי אונטער — אויך היינט. און די פּוילישע געזעלשאַפט טוט ריכטיק, ווען זי ווייזט אַרויס צו די פאַרפאָלגטע יידן איר מיטלייד־געפיל, געבנדיק זיי הילף. אָט די הילף דאַרפן מיר זיי געבן אויך ווייטער" (194).

אַ כך פּאָליאַקן, וואָס האָבן זיך וועררבירט פון פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע גרופּן, האָבן אויסגעפירט דעם באַפעל פון די אונטערערדישע מאַכט-אָרגאַנען און געגעבן הילף די צעשטויבטע קרבנות פון דער געטאָ-ליקווידאַציע (195), ווי אויך אויסגעבאַהאַלטן יידן נישט געקוקט אויף דער טויט־געפאַר. מען האָט געמורמלט אויף דער „אַרישער זייט", אַז די שטאָטישע אַרבעטער האָבן סאַבאָטירט די פאַראָרדענונגען פון דער מאַכט וועגן אָפּשליסן דעם וואַסער-צושטראָם אין געטאָ, געבנדיק אין געהיים צו וויסן, אין אַ וועלכע ערטער מען קאָן נעמען וואַסער פון די וואַסערלייטונג-רערן (196).

פיל פּאָליאַקן האָבן געווייטיקט אויף זייער אוממעכטיקייט און נישט קאָנען קומען צו הילף אומקומענדיקע מענטשן.

עס דאַרף אויך באַטאָנט ווערן, אַז דער רעגירונגס-דעלעגאַט איז געווען פול מיט אַנערקענונג פאַר דעם יידישן אויפשטאַנד, האָט געלויבט אין זיין ראַפּאָרט די פּרעכטיק צוגעגרייטע ווידערשטאַנדס־באַוועגונג און פעסטגעשטעלט, אַז די קאַמפן אין געטאָ האָבן אין משך פון דער ערשטער וואָך געטראָגן אַ בולטן כאַראַקטער פון מיליטערישע אָפּעראַציעס, אַז די

דייטשן וועלכע האָבן פאַרלוירן הונדערטער טויטע און פאַרוואונדעטע זע-נען עטלעכע מאָל פאַרטריבן געוואָרן פון געטאָ (197). הגם אין הסכם מיטן באַפעל פון הויפט־שטאַב (א. ק.) פון נאָוועמבער 1943 „וועגן געבן הילף פאַרמאַכטע געטאָס, וואָס ווילן קעמפן מיט געווער, האָבן די פוי-לישע מיליטערישע שטאַבן (א. ק.) באַדאַרפט געבן... „הילף די יידישע גרופּן, וואָס זענען אונטערגעאָרדנט דער זש. אָ. ב. און דעם יידישן קאָאָר-דיניר קאָמיטעט", דאָך — ווי כ'שרייבט אין זיין האַפּאָרט אונטערן קעפּל „איבערבליק איבער דער טעטיקייט פון רעפעראַט פאַר יידן־ענינים" זאַק-שעווסקי — „האָט דאָס אויספירן פון דעם באַפעל... אָנגעטראָפן אויפן אומווילן פון די אָרטיקע מיליטערישע פאַקטאָרן" (198).

די אונטערערדישע רעגירונגס־קרייזן וואָס זענען געווען פאַרקוקט אויף „לאָנדאָן" האָבן פאַרנומען די שטעלונג מיט „ביקס ביים פוס" און האָבן זיך באַגנוגנט בלויז מיט שיינע פראַזן און פריינטלעכע, פאַר די אויפשטענדלער, עצות.

אין דער ווירקלעכקייט האָט דער שטאַב פון אַקטיוון קאַמף (קעראָוו-ניצטווא וואַלקי טשיגנעי) זיך באַגרענעצט בעת דעם אויפשטאַנד מיט איבערשיקן ראַדיאָ־טעלעגראַמעס וועגן דער סיטואַציע, אויפן סמך פון די אינפאָרמאַציעס באַקומענע פון פאַרשטייער פון יידישע גרופּן, דורך דער פאַרמיטלונג פון ספּעציעלן יידישן רעפעראַט, אַזוי גערופענעם „רעפע-ראַט זשעגאָטאַ" ביי דער לאַנד־דעלעגאַטור.

די „נאַציאָנאַלע באַוואָפנטע כוחות" (נ. ס. ז.) האָט פאַרגומען אַן אויסגעשפּראָכן פיינטלעכע שטעלונג צו די קעמפנדיקע אין געטאָ יידן (199).

בלויז דער געזעלשאַפטלעכער אָפּפאַל און אינטערנאַציאָנאַלער ערב-רב, וואָס דינט יעטווערן באַלעבאָס, האָבן זיך געשאַפן פון יידישן אומ-גליק אַ מקום פון פרנסה, העלפנדיק פאַר געלט כאַפּן אַנטלויפנדיקע פון געטאָ יידן.

IV

# פּאַרטיזאַנישע קאַמפּן און ריזיקע שריפות

די אָפּעראַציעס פון 5טן טאָג פון דער אַקציע האָבן זיך אָנגעהויבן 7 אינדערפרי ביים אָנטייל פון די זעלביקע קרעפטן, וואָס די פריקע טעג, אויסער 150 מאַן פון באַטאַליאָן „טראַווניק", וואָס זענען געשיקט גע־וואָרן אויספירן אַן אַנדערע אויפגאַבע. עס זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן 24 שטאַרקע קאַמפּס־גרופּן צו אַזוי פיל געביטן אין געטאָ מיט ספּע־ציעלע באַפעלן. זייערע אויפגאַבן האָבן זיי באַדאַרפט אויספירן ביז 4 ביי טאָג. אין רעזולטאַט פון דער אַקציע זענען גענומען געוואָרן אין גע־פאַנגענשאַפט 600 יידן און אויפשטענדלער, פון דעם זענען 200 יידן און אויפשטענדלער אויפן אָרט ליקווידירט געוואָרן, 48 באַהעלטענישן אויפגעריסן געוואָרן און ס'איז דערגאַבערט געוואָרן חוץ געלט און חפצים — אויך גאַז־מאַסקעס (200).

בכדי אָפּצונאַרן די יידן, זענען די אָפּטיילונגען וואָס האָבן אָנטייל־גענומען אין די אָפּעראַציעס אינפאָרמירט געוואָרן וועגן דעם, אַז די ליק־ווידאַציע־אַקציע וועט כלומרשט פאַרענדיקט ווערן דעם זעלביקן טאָג. שוין אין די פרימאָרגן שעהן איז די פאַלשע ידיעה באַוווסט געוואָרן די יידן. דעריבער טאַקע, אַ שעה־אַנדערהאַלבן שפּעטער, האָבן די דייטשע קאַמפּס־גרופּן אָנגעהויבן נישטערן אין די זעלביקע ערטער, וואָס האָט צום באַדויערן געגעבן געוויסע רעזולטאַטן. ס'זענען געפונען געוואָרן אַ געוויי־סע צאָל „אויפשטענדלער און יידן". פון איין הייזער־בלאָק זענען געפאַלן שאָסן אין דער ריכטונג פון די גרענעץ־אָפּטיילן פון שונא. אַ ספּעציעלע

דייטשע קאמפס-גרופע האט אטאקירט יענעם בלאק אונטערצינדנדיק איינ־ציימיק אלע הייזער (201). די שיסעריי פון די יידן איז אויף א שטיקל צייט איבערגעריסן געווארן, כדי אין א פאסיקן מינוט א זעץ טאן מיט א קאנצענטרירט פייער אויף די דייטשן. די דייטשן האבן כמעט נישט דערגרייכט קיין שום רעזולטאטן, סטראפּ ראפּאָרט גיט אן אויף א נעפלדיקן אופן, אז ס׳איז „פארניכטעט געווארן א צאל אויפשטענדלער״, וואס האבן געשאסן פון די באלקאנען.

גרויס פרייד האט אויסגעדריקט דער דייטשער קאמאנדיר פון דער ליקווידאציע-אקציע בעת ס׳איז אים אנגעקומען די ידיעה, אז ס׳איז כלומרשט אויפגעדעקט געווארן דער בונקער „פון דער הויפט-קווארטיר פון פּ. פּ. ר.״, אין וועלכן די דייטשן האבן אבער קיינעם נישט געפונען, און וועלכע איז פולשטענדיק פארניכטעט געווארן.

נאך אזא צוויי־פלהאפטן דערפאלג האבן די דייטשן געהאט צו פאר־נאטירן אין דעם טאג, ווען זיי האבן באקומען אן אינפארמאציע וועגן דעם, אז א געוויסע צאל יידן האט זיך אריבערגעקראגן דורך די קאנא־ליזאציע-רערן אויף דער ארישער זייט, האבן די דייטשן אוועקגעשטעלט ביי א געווים הויז, וועגן וועלכן זיי האבן געהאט גענויע ידיעות פון א פארעטער, א ספּעציעלע מאטאריזירטע קאמפּס־גרופע, עס האט זיך אנ־געהויבן א שיסעריי אין גאנג פון וועלכער עס איז א דייטשער אויטא באווארפן געווארן מיט א צינד-פלאש און אנדערע אויפרייס מאטעריאלן. אין רעזולטאט זענען צוויי דייטשע פאליציאנטן, קאפּראלן פון ס. ס. פאר־וואונדעט געווארן; די דייטשן איז לײדער געלונגען צו כאפּן דריי יידן, אין דעם איין פרוי.

אין אזעלכע באדינגונגען איז זיך נישטא וואס צו וואונדערן, וואס סטראפּ ראפּאָרטירט מיט פארביטערונג זיין עלטסטן, אז די אפּעראציעס גייען ווי פון שטיין, אז עס ווערט אלץ שווערער, אז די יידישע אויפ־שטענדלער און בכלל די יידן באנוצן זיך אפט מיט כיטרע שפּיצלעך; אזוי צ. ב. איז פעסטגעשטעלט געווארן, אז צוזאמען מיט די יידישע טויטע זענען אפט איבערגעפירט געווארן אויפן בית-עולם אויך לעבעדיקע מענטשן (202), וועלכע האבן זיך אויף אזא אופן ארויסגעקריגן פון געטא.

פאַר דעם פאַרענדיקן די טאָג־אָפּעראַציעס, 10 אין אָוונט, האָבן די דייטשן פעסטגעשטעלט, אַז אַרום 30 אויפשטענדלער באַהאַלטן זיך אויס אין אַ געוויסער פאַבריק (טעבענס און שולץ). היות אין דער פאַבריק האָבן זיך געפונען סחורות פון גרויסן ווערט האָט סטראָאָפּ אין פאַרשטענדיקונג מיט דער ווערמאַכט באַפוילן זיי עוואַקואירן דעם 24טן ביי־טאָג (203).

דער שטאַב פון זש. אָ. ב. האָט שוין פאַקטיש אָנהייבנדיק פון 23טן אַפּריל געביטן די טאַקטיק, וועלכע דער קאָמענדאַנט אַניעלעוויטש רופט אָן אַלס פּאַרטיזאַנישע. דריי יידישע קאַמפּס־אָפּטיילונגען האָבן באַקומען אַ באַפעל אַרויסגיין אין גאַס, פאַנגען אַ „צונג" און געווער. עס האָט זיך שוין געמלדעט שטאַרק געלאָזט פילן דער דוחק אין גראַנאַטן, ביקסן, מאַשינגעווער און אויפרייס־מאַטעריאַלן (204).

שוין צו יענער צייט איז די לאַגע פון דער ווייט־גרעסטער טייל בונקערס געווען אַ האָפנונגסלאָזע. „בלויז יחידים — ווי עס שרייבט אַניעלעוויטש דעם 23טן אַפּריל — וועלן עס קאָנען אַריבערטראָגן. אַלע איבעריקע וועלן פריער אָדער שפּעטער אומקומען. זייער גורל איז אַ געחתמעטער. כמעט אין אַלע באַהעלטענישן ווו עס געפינען זיך טויזנטער מענטשן, איז אוממעגלעך אָנצוצינדן אַ ליכט, ווייל עס פעלט אויס לופט". די אָנפירער פון אויפשטאַנד האָבן אָבער נישט פאַרלוירן דעם מוט. גרויס צופרידנקייט האָט אַרויסגערופן ביי די אויפשטענדלער די שייגע אויזיציע פון דער ראַדיאָ־סטאַציע „שוויט" וועגן דעם יידישן אויפשטאַנד, וועלכע איז אויפגענומען געוואָרן דורך דעם אַפּאַראַט פון זש. אָ. ב.-שטאַב. „דאָס, וואָס אויסער די געטאָ־ווענט געדענקט מען וועגן אונדז — זענען געווען אַניעלעוויטשעס ווערטער אין דערמאָנטן בריוו — גיט אונדז צו כוח אין קאַמף" (205).

עס איז פאָרגעקומען אַן איבערגרופּירונג פון די כוחות. צו יעטווערן בונקער איז צוגעטיילט געוואָרן אַ יידישע קאַמפּס־גרופּע, וואָס איר אויפגאַבע איז געווען באַשיצן גרעסערע מענטשן־קיבוצים. כמעט יעדער בונקער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פעסטונג. אַזוי צ. ב. האָבן צוויי זש. אָ. ב.־גרופּן (האַכבערגס און בערעקס) אַריבערגעפירט אין מיטן העלן

טאג עטלעכע הונדערט מאן פון א פארשאטענעם בונקער פון מילע 37 אויף מילע 7. די פאזיציע, וו עס האבן זיך אויסבאהאלטן עטלעכע הונ־דערט מאן איז געלונגען איינצוהאלטן מער ווי א וואך (206).

בסך־הכל האבן די דייטשן דעם 23טן אפריל געכאפט 3 טויזנט 500 יידן, פון דעם האבן 2.500 געווארט אויף דער אפטראנספארטירונג מיט דער נאענטסטער באן, וואס האט באדארפט אפגיין צו מארגנס (207). פארמיטאג זענען געבראכט געווארן אויפן אומשלאג־פלאץ די מיט־גלידער פון יידנראט. אויפן ארט איז דערשאסן געווארן דער פארזיצער פון יידנראט אינזש. ליכטענבוים, דער וויצע פארזיצער וועליקאווסקי, א. שטאלצמאן און אינזש. שערעשעווסקי (208).

דער זעקסטער טאג פון די אפעראציעס האט זיך בכיוון אנגעהויבן שפעטער, נעמלעך 10 אזייגער, מיט די זעלביקע קרעפטן וואס פאריקן טאג (ווינציקער מיט 51 ס. ס.־לייט), בכדי אפצונארן די וואכזאמקייט פון די יידן. ס׳האט ליידער געגעבן רעזולטאטן, וועלכע סטראפפ רופט אן באזונדערס צופרידנשטעלנדיקע. אין דער איבערצייגונג אז די אקציע איז פארענדיקט געווארן, האבן א סך יידן זיך געלאזט ארייננארן אין דער פאסטקע, בפרט ווען 24 דייטשע קאמפס־גרופן האבן אנגעהויבן די אבלאווע אין דעם טאג נישט פון איין אויסגאנג־פונקט, נאר האבן אדורכ־געווישטערט דאס געטא פון פארשידענע זייטן. חוץ דעם, ווי ס׳האט זיך בארימט סטראפפ, האבן די דייטשן שוין גוט געקענט די קאמף־מעטאדן און גענג פון סעגנער, און האבן דערוואַרבן דערפארונג אין אויסשפירן בונקערס (209).

אין תוך גענומען הייבן די דייטשן אן אן ענערגישע אקציע כדי אויסצוגעפינען יידישע בונקערס. אונטערהער־אפאראטן און גוט געשולטע פאליציי־הינט פארלייכטערן זיי די אויפגאבע (210).

דעם 24טן אפריל איז אונטערגעצונדן געווארן דאס הויז אויף מילע 29. דער פייער און רויך פון ברענענדיקן הויז האבן זיך ארייגריסן אין קעלער. די קאמפס־גרופן, וואס האבן זיך דארט געפונען, האבן אונטער דער אנפירונג פון לוטעק ראטבלאט („עקיבא״) און פאוועל (פ. פ. ר.) אין דער גרעסטער ארדענונג אדורכגעפירט די עוואקואציע. נאכדעם ווי



דאָס געטאָ אין פלאַמען



זיי האָבן זיך אַדורכגעריסן דורך דעם קאָנצענטראַציע צענטער פון די דייטשע קרעפטן, זענען יידישע קעמפער געקומען אויף מילע 9, וווהין ס'האָבן פון אַלע זייטן געשטראָמט מענטשן-מאַסן — פרויען, קינדער און זקנים, מיט זייער גאַנץ פאַרמעגן אין טאָרבעלעך אויף די פּלייצעס, מיט דער האָפענונג צו געפינען דאָ אַ מקום-מקלט פון די ברענענדיקע היימען. די צאָל מענטשן איז אַלץ געוואַקסן. ביי די שמאָלע דורכגענג, ביי די לע־בער אין ווענט, האָבן זיך צונויפגעדריקט צוויי מענטשן־שטראָמען, „גע־יאָגטע דורך דער ווילדער סטיכיע, ביז אַלץ איז נישט פאַרוואַנדלט גע-וואָרן אין אַ ליגנדיקער מאַסע פון צונויפגעפלאָכטענע פיס, הענט, קעפ, אַ רוישנדיקע מיט געוויין פון קינדער, געשרייען פון פרויען און קרעכ-צענישן פון קראַנקע און שוואַכע" (211).

ווען די דייטשע קאַמפּס־גרופּן האָבן זיך צוריקגעקערט פון זייערע זוכענישן, האָבן זיי תיכף באַקומען אַ באַפעל — ווי עס שרייבט סטראָאָפּ — אָפּצורייניקן אַ געוויסן הייזער־בלאָק „אין דער צפון־מזרחדיקער טייל פון געטאָ". פון אַ יידישן מקור (צוקערמאַן) ווייסן מיר, אַז דאָס זענען געווען די געביטן פון טעבענס און שולץ. נעמענדיק אין אַכט, אַז אין דעם הייזער-קאָמפּלעקס, האָבן זיך געפונען ווי ס'איז אויבן דערמאָנט געוואָרן, סחורות־סקלאַדן (מאַנופאַקטור) פון מיליאָנען־ווערט, איז פאַר־אָרדנט געוואָרן אַ פרייוויליקע עוואַקואַציע אויף 12 ביי־טאָג. דער טערמין איז אַרום 10 אינדערפרי פאַרלענגערט געוואָרן ביז 6 אין אָוונט. קיינער האָט זיך פרייוויליק נישט געמאָלדן. אַלע איינוווינער פון דעם שאָפּן־געביט האָבן זיך פונקט ווי אין צענטראַלן געטאָ געפונען אין אונטער-ערדישע בונקערס (212).

זעקס אזייגער מיט 15 מינוט אין אָוונט האָט אַ דייטשע קאַמפּס־גרופּע פעסטגעשטעלט, אַז אַ גרויסע צאָל יידן געפינט זיך אין אָט דעם בלאָק. ווען די דייטשן זענען צוגעטראָטן צו דער ליקווידאַציע-אַקציע אויף דעם געביט, האָבן זיי גלייך אָנגעטראָפן אויף אַ פאַרביסענעם ווידער-שטאַנד. צום באַדויערן איז אוממעגלעך געווען אויסצונוצן די צוגעגרייטע מינעס, ווייל אין גאַנצן געטאָ איז שוין דאַן נישט געווען קיין עלעקטרי־שער שטראָם (213). די קעמפער האָבן זיך דאָ באַפעסטיקט אין הייזער

און אויף בוידעמער נישט צולאָזנדיק די דייטשן צו די בונקערס, באַוואָרפנדיק זיי מיט גראַנאַטן און באָמבעס (214). עס קעמפט דאָ יעדעס הויז. באַזונדערס פאַרביסענע קאַמפן זענען פאָרגעקומען אין די הייזער: נאַוואָליפקי 41, נאַוואָליפקי 64 און 67, לעשנאָ 56 און 72. אויף לעשנאָ 56 איז פּלוצלינג אָנגעגריפן געוואָרן דער קעמפּער (יורעק), וואָס איז געשטאַנען אויף דער וואַך, ער האָט פלינק געכאַפּט אין דער לופט דעם אין אים געצילטן גראַנאַט, און אים געשליידערט אין די ס. ס.-לייט, פון וועלכן עס קומען אום 4 מאַן (215). גענעראַל סטראָאָפּ באַפעלט דאַן אונטערצוצינדן דעם גאַנצן הייזער-בלאָק האַנדלענדיק אַזוי אַרום אין הסכם מיט דער אָנווייזונג, וואָס ער האָט באַקומען פון רייכס-פירער פון ס. ס. דורך דער פאַרמיטלונג פון העכסטן אָנפירער פון ס. ס. און פּאָליציי קריגער, לויט וועלכן דער אויפשטאַנד אין געטאָ האָט באַדאַרפט דערשטיקט ווערן „מיט דער גרעסטער שטרענגקייט און ריקזיכטלאָזיקייט". „איך האָב זיך אַלזאָ דעצידירט — האָט געשריבן סטראָאָפּ אין זיין אַלגעמיינעם ראַפּאָרט פון 16טן מאַי, — פאַרניכטן דעם יידישן באַוווינטן ראַיאָן דורך אונטערצינדן אַלע הייזער, מיט די הייזער-בלאָקן נעבן די געווערפאַבריקן איינשליסלעך" (216). אָט די פאַרניכטנדיקע פייער-אַקציע האָט זיך אָנגעהויבן פון סיסטעמאַטישן אונטערצינדן פון די שאָפּן, נאָך וועלכע ס'זענען פּלאַנמעסיק אונטערגעצונדן געוואָרן גאַנצע גאַסן, הויז נאָך הויז. אנשטאט די דייטשן האָבן איצט געקעמפט די פלאַמען, די צווייטאַטאָריקע אַראָפּלאַנען הע 217, וואָס האָבן געוואָרפן פאַרניכטונג- און צינד-באָמבעס, ווי אויך די האַרמאַטן, וואָס זענען געשטאַנען הינטער די געטאָ-ווענט (217). פון טאָג אויף טאָג איז אַלץ ענגער געוואָרן דער פייער-רינג אַרום די זיך-פאַרטיידיקנדיקע געטאָ-טיילן.

ווען די פלאַמען האָבן אַרומגעכאַפּט דעם אויבן דערמאָנטן הייזער-בלאָק לעננאַוים דער גאַס, האָבן די יידן זיך געפּרוווט ראַטעווען פון פייער דורך שפּרינגען פון פענצטער און באַלקאָנען אויף די פון פייער אַרוים-געוואָרפענע בעטגעוואַנט, קאָלדרעס און ענלעכס. „נישט איינמאָל — שרייבט סטראָאָפּ — איז אונדז אויסגעקומען צו זען, ווי די יידן און אויפשטענדלער נישט געקוקט אויף דער געפאַר פאַרברענט צו ווערן לע־

בעדיקערהייט, האָבן ליבערשט געוואָלט זיך אומקערן צו די פלאַמען, איידער ריזיקירן אַריינצופאַלן אין אונדזערע הענט. נישט איינמאָל — זענען געווען זיינע ווייטערדיקע ווערטער — האָבן די יידן געשאָסן כמעט ביזן סאַמע סוף פון דער אַקציע". אין אַזעלכע באַדינגונגען האָבן די סאַפּערן געהאַט אויסצופירן אַ שווערע אויפגאַבע און געמוזט ווען ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט, אונטער דער שוץ פון אַ קוילנוואַרפער אַריין אין הויז, וואָס איז געווען זייער שטאַרק פאַרטיפיצירט.

די אָפּעראַציעס פון 6טן טאָג פון דער אַקציע זענען פאַרענדיקט געוואָרן 10 אַזייגער מיט 45 מינוט, און ס'זענען פאַרנומען געוואָרן 1661 יידן; 1.814 יידן האָבן זיי אַרויסגעשלעפּט פון די בונקערס, פון דעם זענען 330 דערשאָסן געוואָרן. עס זענען אויפגעריסן געוואָרן 26 בונקערס. אַ צאָל יידן איז אומגעקומען אין די פלאַמען און אונטער די חורבות פון אויפגעריסענע בונקערס. די אייגענע פאַרלוסטן האָט סטראָאָפּ אָנגעגעבן, ווי זיין שטייגער, זייער קליינע: 3 פאַרוואונדעטע, אין דעם 2 ס. ס.-לייט און איינער פון באַטאַליאָן „טראַווניק". די אַלגעמיינע צאָל ביז איצט געכאַפּטע יידן האָט סטראָאָפּ באַרעכנט אויף 25 טויזנט און ער מאַכט די השערה, אַז שוין בלויז אַ קליינע צאָל יידן און יידישע אויפשטענדלער געפינט זיך אין געטאָ. ער האָט אַגב אין זיין ענטפער אויף דער באַקומענער פאַראָרדענונג פון קריגערן מיטגעטיילט, אַז „די אָפּעראַציע פון גרויסן מאַסשטאַב" וועט דויערן ביז מאָנטיק, דעם צווייטן טאָג חגא (פאַסכאַ — 26טן אַפּריל). ווי מיר וועלן זען האָט סטראָאָפּ אין ביידע פאַלן געהאַט אַ גרויסן טעות.

די אויסגעקלעפּטע אין דעם טאָג גרויסע מעלדונגען אויף די ווענט וואָס האָבן אַרומגעצאַמט דאָס געטאָ, האָבן געוואָרנט אַז יעדערער וואָס ער ס'וועט אומגעזעצלעך אַריינגיין אין געטאָ, וועט דערשאָסן ווערן; האָבן געדראָט מיט טויט-שטראָף פאַר אויסבאַהאַלטן אָדער העלפן יידן (218).

דעם 25טן אַפּריל האָבן די אָפּעראַציעס זיך אָנגעהויבן איינס בייטאָג. עס זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן 7 גרופּן אויספירער; יעדע צו 80 מאַן מיט אַן אָפיציר בראָש. יעדע גרופּע האָט געהאַט אַ באַשטימטן הייזער-בלאָק און האָט ווי ס'האָט געקלונגען דער באַפעל געדאַרפט אַדורכ-

גישטערן נאָכאמאָל אַלע הייזער און אויפרייסן די בונקערס. אין פאַל פון אָנטרעפן אויף אַ וועלכן גישט איז ווידערשטאַנד, אָדער אויב ס'וועט נישט געלונגען דעראָבערן דעם בונקער דאַרף מען ארויסרופן אַ שרפה. עס איז אויך אַרויסגעשיקט געוואָרן אַ ספּעציעלע דייטשע אָפּעראַטיווע־גרופּע קעגן דעם אויפשטענדלער-צענטער, וואָס האָט זיך געפונען אוי־סער די געטאָ-ווענט, אויף דער אַרישער זייט.

די אָפּעראַציעס פון זיבעטן טאָג פון דער אַקציע האָבן זיך כמעט אומעטום פאַרענדיקט מיט אַרויסרופן ריזיקע שרפות. „אין דער צייט — זענען סטראָאָפּס ווערטער — ווען די פאַבריקע נאַכט האָט מען געקאָנט זען איבערן געטאָ אַ פייער־גלאַנץ, קען מען היינט זען אַ גיגאַנטישן פייער־ים". אין אַזעלכע באַדינגונגען זענען פיל יידן געווען געצוווּנגען צו פאַרלאָזן די בונקערס, זוכנדיק רעטונג דורך אַנטלויפן. ס'זענען געכאַפּט געוואָרן לעבעדיקערהייט 1.960 יידן; לויט די אָפּגעגעבענע דערקלערונגען האָבן זיך צווישן זיי געפונען אייניקע פאַראַשוטיסטן און אויפשטענדלער, באַוואָפנטע מיט געווער פון אומבאַקאַנטן אָפּשטאַם. סטראָאָפּ איז געווען איבערצייגט אַז די געפאַנגענע אין דעם טאָג יידן, האָבן מיט זיך פאַר־געשטעלט אַ באַדייטנדיקע טייל פון די אויפשטענדלער און „פון די ני־דעריקסטע געטאָ-עלעמענטן". ער האָט נאָר באַדויערט, וואָס די צופאַלנ־דיקע נאַכט (די אַקציע איז פאַרענדיקט געוואָרן 10 בייגאַכט) האָט אים געשטערט תיכף ליקווידירן אָט די מענטשן. ער האָט געמאַכט באַמיאונ־גען צו „באַקומען אַ צוג קיין T/II" (טרעבלינקע 2). אין קעגנפאַל — האָבן געקלונגען זיינע ווערטער — וועט די „ליקווידאַציע אויסגעפירט ווערן אויף צומאָרגנס". 274 יידן זענען דעם 25טן אַפּריל געטויט גע־וואָרן און פונקט ווי אין די פאַריקע טעג איז אַ גרויסע צאָל יידן אומגעקו־מען אין די פלאַמען און אונטער די חורבות פון די בונקערס.

אויך אין דעם טאָג האָבן די דייטשן אָנגעטראָפן אויף אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד. אַזוי צ. ב. זענען פאָרגעקומען קאַמפן צווישן שרפות און חורבות אויף מילע 6 און 7 (219). אין איין בונקער האָבן די דייטשן דעראָבערט 3 רעוואָלווערן און אויפרייס־מאַטעריאַלן (220). אין דעם זעלבן טאָג איז, ווייסט אויס, בעת דעם אונטערצינדן אַ געוויס הויז

וואָס האָט זיך געפונען נישט ווייט פון גענעראַל סטראָאָפּס שטאַב, האָט עקספּלאָדירט אַ געהיימער אַמוניציע-סקלאַד. לויט די דייטשע אָנגאַבן זענען אין דעם טאָג פאַרוואונדעט געוואָרן דריי ס. ס.-לייט און איין געשטאַפּאָווייע (221).

נישט קאָנענדיק פאַרענדיקן די אַקציעס אין דעם אָנגעגעבענעם טערמין האָט סטראָאָפּ געמאָלדן, אַז ער איז געצוואונגען אויך מאָרגן פאַרזעצן די אָפּעראַציעס, ווייל בעת די זוכונגען געפינט מען נאָך אַלץ גרויסע כמומען יידן. באַהאַנדלענדיק אין קורצן די רעזולטאַטן פון די ביז איצטיקע אָפּעראַציעס, באַמערקט סטראָאָפּ, אַז די פּאַליאַקן געפינען זיך אונטערן שטאַרקן איינדרוק פון דער אכזריותדיקייט פון די אָפּעראַציעס, וואָס זענען אדורכגעפירט געוואָרן אויפן געביט פון געטאָ. נאָר, פירט ער אויס, די אַלגעמיינע סיטואַציע אין וואַרשע, האָט זיך קענטיק באַרואיקט זינט דעם אָנהויב פון די אָפּעראַציעס. פון דאַנען האָט סטראָאָפּ געמאַכט דעם פריצייטיקן אויספיר, אַז אין געוועזענעם געטאָ האָבן געוווינט „באַנדיטן און טעראָריסטן", און אַז אַלע זענען פאַרניכטעט געוואָרן (222).

אויף צומאָרגנס נאָך דעם אָנהייבן די אַקציע 10 אינדערפרי, זענען די זעלביקע קאַמפּס-גרופּעס, וואָס דעם פריקן טאָג, אַרויסגעשיקט געוואָרן אין די זעלביקע געטאָ-געביטן, וואָס זיי האָבן שוין „געאַרבעט" פריער. דער ווונטש פון סטראָאָפּן איז געמלעך געווען, אַז די גרופּן-פירער זאָלן וואָס טיפער און טיפער אַריינדרינגען אין לאַבירינט פון די בונקערס און טונעלן. כמעט יעדע דייטשע גרופּע האָט ראַפּאָרטירט איר אָנפירער, וועגן אָנגעטראָפענעם ווידערשטאַנד (223). פון ערגעץ אַנדערשוואו איז באַוווסט, אַז יעדן טאָג האָבן די יידישע קעמפער אויף אַן אַנדער אָרט פאַרטיידיקט די באַפעלקערונג אין די בונקערס. באַזונדערס שאַרפע קאַמפן זענען פאָרגעקומען אויף נאַוואָליפּקי 41, לעשנאָ 76, 78, 74, נאַוואָליפּיע 67, 69. (224)

דער ווידערשטאַנד איז אומעטום דערשטיקט געוואָרן דורך פייער אָדער דורך אויפרייסן די בונקערס. מיט פאַרביטערונג האָט דאַן דער טעמפּער גענעראַל מודיע געווען, אַז ס'ווערט אַלץ באַשיינפערלעכער. אַז

איצט קומט „די ריי אויף די סאַמע האַרטנעקיקע יידן און יידישע אויפ־שטענדלער״.

מען האָט אין דעם טאָג אויפגעדעקט עטלעכע בונקערס, וועמענס איינוווינער האָבן זיך שוין נישט געפונען אין דרויסן אין משך פון דער גאַנצער צייט זינט עס האָט געדויערט די אַקציע. אין אַ ריי פאַלן זענען די איינוווינער פון די בונקערס נישט געווען אימשטאַנד זיך אַרויסקריכן אויף דער אויבערפלאַך. אַ סך איינוווינער פון די בונקערס זענען אַראָפּ פון זינען פון היץ, אויפרייסן און רויך (225).

אפילו דער ברוק האָט זיך אונטער דער ווירקונג פון דער היץ פאַר־וואַנדלט אין אַ הייסער מאַסע פון סמאָלע (226).

מען האָט אין דעם טאָג אַרעסטירט עטלעכע יידן, וואָס זענען גע־שטאַנען אין ענגן קאָנטאַקט מיט די פוילישע קעמפער און מיט זיי מיטגעאַרבעט. מחוץ פון די געטאָ־גרענעצן זענען אויך געכאַפּט געוואָרן 29 יידן.

אין משך פון טאָג זענען אונטערגעצונדן געוואָרן עטלעכע הייזער־בלאָקן. דאָס איז דער איינציקער ווירקזאַמער מעטאָד — ראַפּאָרטירט מיט פאַרביטערונג דער גענעראַל סטראָאָפּ — וואָס צווינגט „אָט די אונ־טערמענטשן״ אַרויסצוגיין אויף דער אויבערפלאַך.

סטראָאָפּ האָט אַ צעצאָרנטער אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג וועגן תיכּפדיקן עוואַקואירן די סקלאַדעס פון די אונטערנעמונגען וואָס אַרבעטן פאַר דעם מיליטער, בכדי צו ליקווידירן די אַנטלאָפענע יידן, וואָס באַ־האַלטן זיך אויס אונטער דער שוץ פון מיליטער און פּאָליציי. ביי דער געלעגנהייט האָט ער אַנטדעקט, אַז אין איינעם פון די בונקערס, וווּ עס האָט זיך געזאָלט געפינען אַ ריזיקע אונטערנעמונג, זענען נישט גע־ווען כמעט קיין שום סקלאַדעס און נישט קיין סחורות. סטראָאָפּ האָט דאַן אָן שאלות און מענות תיכּף פאַרמאַכט איין פאַבריק פון וועלכער מ׳האָט די יידן גלייך אַרויסגעשיקט.

דער רעזולטאַט פון די אָפּעראַציעס פון 26טן אַפּריל, וואָס זענען פאַרענדיקט געוואָרן 9 אַזייגער מיט 49 מינוט, איז געווען פאָלגנדיקער: 36 יידן האָט מען אַרויסגעשיקט, 1.330 האָט מען אַרויסגעשלעפּט פון די

בונקערס און תיכּף ליקווידירט, 362 זענען געפאַלן אין קאַמף. ס'איז ביז גאָר וואַרשיינלעך, אַז אַ סך יידן זענען אומגעקומען אין די פלאַמען און אונטער די חורבות פון די 13 אויפגעריסענע בונקערס. די דייטשן האָבן אויך פאַרכאַפּט געווער, צינד־פלעשער, אויפרייס־מאַטעריאַל און באַדייטנדיקע געלט־סומען (227).

דעם 27טן אַפּריל האָבן 24 דייטשע שטורם־גרופּן אָנגעהויבן די אָפּעראַציעס 9 אַזייגער אינדערפרי, באַקומענדיק די זעלבע אויפגאַבע וואָס מיט עטלעכע טעג צוריק (228). די דייטשן האָבן באַדאַרפט אין קליינע גרופּן אַדורכזוכן דאָס גאַנצע געטאָ. די זוך־גרופּן איז געלונגען אַרויסשלעפּן פון די בונקערס 780 יידן; 115 יידן, וועלכע האָבן געשטעלט אַ ווידערשטאַנד, זענען דערשאָסן געוואָרן. די אָפּעראַציעס פון דעם טאָג זענען פאַרענדיקט געוואָרן אַרום 3 בייטאָג; בלויז איינציקע גרופּן, וואָס האָבן געפונען אַ גרעסערע צאָל בונקערס, האָבן פאַרגעזעצט די אָפּעראַציעס.

4 בייטאָג האָט אַ ספּעציעלע דייטשע קאַמפּס־גרופּע, וואָס האָט געציילט 320 אָפיצירן און זעלנער צוגעטראָטן רעווידירן דעם גרויסן הייזער־בלאָק פון ביידע זייטן ניזקע, אין דער צפון־מזרחדיקער־זייט פון געטאָ. דעם גאַנצן בלאָק נאָך דער רעזולטאַטלאָזער רעוויזיע האָבן זיי אַרומגערינגלט מיט אַ פעסטער וואַך און אונטערגעצונדן. בעת דער אַקציע איז די דייטשן געלונגען אַריינכאַפּן אין זייערע הענט אַ געוויסע צאָל יידן. ווי אַלעמאָל, אַזוי אויך דאָס מאָל, האָט וועגן דעם ראַפּאָרטירט סטראָאָפּ, זענען די יידן בעת די שריפות פאַרבליבן אין די באַהעלטענישן, וואָס זענען געווען אָדער אונטער דער ערד, אָדער אויף די בוידעמער, פאַרטיידיקנדיק זיך מיט געווער אין האַנט ביז דער לעצטער מינוט. אין דער לעצטער מינוט פלעגן זיי אַראָפּשפּרינגען אויפן ברוק אָפט אפילו פון פערטן שטאָק, אַרויסוואַרפנדיק צוערשט בעטגעוואַנט, מאַטראַצן, און ד. גל., אָבער צום באַדויערן זענען זיי גאַנץ אָפט אַריינגעפאַלן אין די אָרעמס פון די צעווילדעוועטע פלאַמען.

ווען גענעראַל סטראָאָפּ האָט באַקומען אַן אַנאָנימען בריוו פון וועלכן עס איז קלאָר געוואָרן, אַז אַ באַדייטנדיקע צאָל יידן געפינט זיך אויסער

די גרענעצן פון געטאָ, אין אַ בלאָק וואָס געפינט זיך האַרט פון זיין צפון־מזרחדיקער זייט, האָט ער אַרויסגעשיקט אַ ספּעציעלע קאַמפּס־גרופּע אונטער דער אָנפירונג פון ערשטן פּאָליציי־לייטענאַנט דיעל מיט דער אויפגאַבע אַטאַקירן אָט דעם הייזער־בלאָק. די דייטשן האָבן אָבער אָנגעטראָפן אויף אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד מצד אַ גרופּע, וואָס איז באַשטאַנען — לויט די דייטשע אָנגאַבן — פון אַרום 120 מאַן, שטאַרק באַוואָפנטע מיט רעוואָלווערן, ביקסן, גראַנאַטן און מאַשינגעווער. די דייטשן האָבן דאָ געמוזט אָנטרעפן אויף אַ ביז גאָר האַרטן נוס, אויב זיי האָבן געמוזט די אַקציע איבעררייסן מיטן אויסרייד פון דער צופאַלנדיקער נאַכט. ס'איז זיי בלויז געלונגען — ווי ס'שטעלט פעסט סטראָאָפּ — ליקווידירן 24 אויפשטענדלער און אַרעסטירן 52 מאַן און שפּעטער אַרומרינגלען די דערמאָנטע הייזער, בכדי אוממעגלעך צו מאַכן דאָס אַנטלויפן פון די אויפשטענדלער, האָבנדיק בדעה אויף צומאָרגנס קאָנטינואירן די אַקציע. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט זענען אַרעסטירט געוואָרן 17 פּאָליאַקן, צווישן זיי צוויי פּוילישע פּאָליציאַנטן, וואָס האָבן בלומרשט געוווסט וועגן דער עקזיסטענץ — ווי עס שרייבט סטראָאָפּ — פון דער באַנדע. בעת דער אָפּעראַציע האָבן די דייטשן פאַרכאַפּט 3 ביקסן, 12 רעוואָלווערן, אַ טייל פון שווערן קאַליבר, 100 פּוילישע גראַנאַטן („באַנאַנען"), 27 דייטשישע שטאָלענע העלמען ווי אויך אַ געוויסע צאָל דייטשע מונדיר־קאָמפּלעטן, וואָס האָבן אַפילו פאַרמאָגט בענדלעך פון „אָסט־מעדאַלן" און עטלעכע רייעוודיקע קוילן־לענטעס פאַר מאַשינגעווער, 300 קוילן א. א. וו. סטראָאָפּ האָט געפּרוווט באַרעכטיקן דעם דורכפאַל פון דער עקספּעדיציע פון דעם לייטענאַנט דיעל, וועלכער האָט לויט דער מיינונג פון זיין באַפעלער גוט אויסגעפירט זיין פליכט מיט דעם, וואָס די יידישע אויפשטענדלער זענען געווען איבערגעטאָן אין דייטשע מונדירן. צווישן די אויפשטענדלער וואָס מ'האָט געכאַפּט אָדער דערשאָסן, האָבן זיך אויך געפונען עטלעכע פּוילישע קעמפער, וועמענס אידענטישקייט די דייטשן האָבן פעסטגעשטעלט אויסער יעדן צווייפל.

מיט גרויס באַפרידיקונג האָט סטראָאָפּ געמאָלדן זיין עלטסטן די

פרייוידיקע נייעס, אַז ס׳איז אים אין דעם טאָג געלונגען דעמאַסקירן און אומברענגען איינעם פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער „יידיש־פּוילישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג״.

אין אַלגעמיין איז דער אָנפירער פון דער ליקווידאַציע־אַקציע געווען ביי דער מיינונג, אַז דער אויסערלעכער אויסזען פון די אין דער לעצטער צייט געפאַנגענע יידן זאָגט עדות דערויף, אַז מ׳האָט דאָ צו טאָן מיט די אָנפירער פון דער גאַנצער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. דאָס האָבן זיי שפּרינגענדיק פון פענצטער און באַלקאָנען געוואָרפן באַליידיקנדיקע אויסרופן אויפן אַדרעס פון דייטשלאַנד און היטלערן, זידלענדיק די דייטשע זעלנער.

די ס. ס.־לייט, וואָס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אין די קאַנאַליזאַציע־רערן, פון וואַנען עס האָבן זיך אָפּט דערטראָגן הויכע קולות, האָבן דערזען אַ גרויסע צאָל טויטע יידישע קערפּערס (229).

אַן עד־ראיה, וואָס איז אַרויס פון די רערן דעם 25טן אַפּריל קאַיאָר, אַדורכמאַכנדיק אַ שווערע וועג פון עטלעכע קלמ., וואָס האָט געדויערט ביי 6 שעה, דערציילט, אַז אין די רערן, וואָס זענען פול געווען מיט שמוציקער און שטינקענדיקער וואַסער פון אָפּטרימן און אָפּגוסן, האָבן זיך אויסבאַהאַלטן צענדליקער פּליטים. אין דער פינצטערניש פון די נידעריקע רערן זענען געלעגן אין בלאָטע צענדליקער, איינס אויפס אַנדערע, צוגויפגעפּרעסטע מענטשן. די קינדער און קראַנקע זענען געלעגן כמעט אין באַוווסטלאָזן צושטאַנד. די אָפּגעשוואַכטע האָט מיטגעריסן דער וואַסערשטראָם. די פאַרוווּנדעטע און אָפּגעבריטע האָבן געבלוטיקט ליגנדיק אין בלאָטע און אַנדערע האָבן איבער זיי געטראָטן (230).

אין רעזולטאַט פון די טאָג־אָפּעראַציעס, וואָס זענען רייך געווען אין אַזוי פיל געשעענישן, פון די אָפּעראַציעס וואָס זענען פאַרענדיקט געוואָרן 11 ביינאַכט, איז די דייטשן געלונגען כאַפּן 2.560 יידן, פון זיי זענען 547 דערשאָסן געוואָרן. עס איז אונדז נישט באַוווּסט די צאָל יידן, וואָס זענען אומגעקומען אין די פלאַמען און אונטער די חורבות פון די בונקערס. די אַלגעמיינע צאָל יידן, וואָס איז ביז איצט געכאַפּט געוואָרן בעת דער ליקווידאַציע־אַקציע האָט באַטראָפן לויט די דייטשע קוועלן 31.746, די דייטשע פאַרלוסטן לויט די זעלביקע קוועלן האָבן אין טאָג פון 27טן

אפריל באטראָפן בלויז, דריי פּאַרוואונדעטע — צוויי ס.ס.־לייט און איי־נער פון באטאַליאָן „טראַווניק״ (231).

בעת די ווייטערדיקע אָפּעראַציעס, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן דעם 28טן אַפּריל, 10 אַזייגער אינדערפרי, האָבן 10 דייטשע שטורעם־גרופּן באַקומען א באַפעל אַדורכזוכן דאָס גאַנצע געטאָ. זיי האָבן אויפגעדעקט א געוויסע צאָל בונקערס, וואָס זענען צוגעגרייט געוואָרן נאָך אין העלפט פון 1942 יאָר. 335 יידן, זענען פון די בונקערס ארויסגעשלעפּט געוואָרן מיט גוואַלט.

ס׳איז אויך, פאַרשטייט זיך, ווייטער געפירט געוואָרן די אַקציע קעגן דעם ווידערשטאַנד־צענטער פון די אויפשטענדלער אין דער צפון־מזרח־דיקער טייל פון געטאָ, וואָס איז אָנגעהויבן געוואָרן אין דעם פאַריקן טאָג. די רעזולטאַטן זענען פאַר די דייטשן געווען גאַרנישט קיין פויגל־דיקע. ס׳איז זיי געלונגען — ווי זיי זאָגן אליין — דערשיסן 10 אויפ־שטענדלער און ארעסטירן 9, ווי אויך פאַרכאַפּן מער געווער און אַמוניציע ווי דעם פאַריקן טאָג. דאָס אַלץ, כדי צו פאַריכטן די אייגענע רעפּוטאַציע איז אין די בייטאָגיקע שעהן פון דעם זעלביקן טאָג ארויסגעשיקט געוואָרן א דייטשע קאַמפּס־גרופּע צו אן אנדער הייזער־בלאָק, וועלכער איז בעת דער אָפּעראַציע אונטערגעצונדן געוואָרן. ערשט די פלאַמען און די ריזי־קע רויך־וואָלקנס האָבן ארויסגעטריבן — ווי עס שטעלט פעסט דער דיי־טשער מקור — מאַסן יידן.

אין א צווייטן פונקט האָט א סאַפּערן־אָפיציר מיט גרויס מי אויפ־געעפנט א בונקער, וואָס האָט זיך געפונען דריי מעטער אונטער דער ערד. פון דעם בונקער, וועלכער איז שוין גרייט געווען פון חודש אָקטאָבער 1942 און האָט פאַרמאָגט וואַסערלייטונג, בית הכסא און עלעקטרישע באַלויכטונג, האָבן די דייטשן ארויסגעשלעפּט 274 פאַרמעגלעכסטע — ווי עס זאָגט סטראָאָפּ — און אָנגעזעענסטע יידן.

אָבער אויך אין דעם טאָג האָבן די דייטשע ליקווידאַטאָרן פון געטאָ אָנגעטראָפן אויף א „זייער שטאַרקן ווידערשטאַנד אין פיל ערטער״. „עס ווערט מיט יעדן טאָג קלאָרער — ראַפּאָרטירט סטראָאָפּ — אז מיר טרעפן זיך איצט אָן מיט אמתע טעראָריסטן און אַקטיוויסטן און דעריבער פאַר־

ציען זיך די אָפּעראַציעס". דער רעזולטאַט פון „אַרבעטזאַמען" טאָג, וואָס האָט זיך פאָרענדיקט 10 בייגאַכט, איז לויט די דייטשע קוועלן געווען דאָס פאַנגען 1.655 מאַן, פון זיי זענען 110 געפאַלן אין שלאַכט, נישט רעכנענדיק די קרבנות פון די שריפות און באַגראָבענע אונטער די חור־בות פון די בונקערס (232). די דייטשן זענען זיך בלויז מודה אין אַ נישטיקער צאָל פאַרלוסטן, נעמלעך: דריי פאַרוואונדעטע, דערין צוויי ס. ס. לייט און איין פּאָליציאַנט (233).

ערשט אויפן 11טן טאָג פון דער ליקווידאַציע-אַקציע, דעם 29טן אַפּריל 1943 יאָר איז סטראָאָפּ געצוווּנגען געווען מודה צו זיין, אַז די „אָפּעראַציעס פון גרויסן מאַסשטאַב" קעגן געטאָ זענען אין סאַמע ברען. די אָפּעראַציעס פון דעם טאָג, וועלכע האָבן געדויערט פון 10 פרי ביז 9 אָוונט, האָבן זיך אָנגעהויבן פון פאָרמירן זוך־גרופּן מיט אַ „ספּעציעלער אויפגאַבע רעוויִדירן אַט די הייזער־בלאָקן, וואָס זענען לעצטנס אויסגעטיילט געוואָרן". אַ גרעסערע שטורעם־גרופּע איז אַרויסגעשיקט געוואָרן רעווידירן דעם הייזער-בלאָק פון געוועזענעם האַללמאַן-קאָנצערן און אים אונטערצינדן. ס'זענען אויפגעדעקט געוואָרן 36 גרעסערע בונקערס, פון וועלכע ס'איז די דייטשן — צוזאַמען מיט אַנדערע באַהעלטענישן און ברענענדיקע הייזער — געלונגען אַרייַנכאַפּן אין זייערע הענט 2.359 יידן, פון זיי זענען 106 געפאַלן אין שלאַכט (234). זיי האָבן דערביי פאַרכאַפּט 2 ביקסן, 10 רעוואָלווערן, 10 קילאָ אויפרייס־מאַטעריאַלן און אַמוניציע פון פאַרשידענעם מין. ווען איינער פון די בונקערס איז אויפגעריסן געוואָרן, איז איינגעפאַלן דאָס גאַנצע הויז, באַגראָבנדיק אונטער די חורבות — ווי ס'האָט געשריבן סטראָאָפּ — „אַלע אויפשטענדלער". בעת דער אַנטשטאַנענער שריפה האָבן די שטאַרקע דעטאָנאַציעס ווי אויך די אויסברעכנדיקע פייער-זיילן עדות געזאָגט דערויף, אַז דאָס הויז האָט פאַרמאָגט גרויסע סקלאַדן פון אַמוניציע און אויפרייס־שטאָפּן.

אין דעם טאָג זענען אויפגעריסן געוואָרן עטלעכע אַרויסגענג פון די קאַנאַלן; אויך צוויי קלאַפּאַנס (פאַרמאַך-דעקלעך), וואָס זענען אויפגעדעקט געוואָרן דורך די דייטשן אויסערן געטאָ, זענען אָדער אויפגעריסן געוואָרן, אָדער פאַרמויערט געוואָרן.

מיט צופרידנקייט האָט זיך סטראָאָפּ דערוווסט פון די געפאַנגענע יידן, אַז אין די באַהעלטענישן הייבט אָן — צוליב דעם לאַנגן דויער פון דער אַקציע — אויסצופעלן שפייז. ער האָט אויך באַקומען אינפאָרמאַציעס וועגן דעם, אַז בייינאַכט פלעגן זיך באַווייזן אין די בונקערס יידישע אויפשטענדלער, וואָס האָבן געטראָגן שוואַרצע מאַסקעס, אָפט אויך פאַליאַקן, וועלכע האָבן פריער פאַרמויערט דעם אַריינגאַנג אין בונקער פון דרויסן, און האָבן געוואָרנט די יידן אונטער דער דראָאונג פון דערשיסן, זיי זאָלן נישט אַרויסווייזן קיין שום סמנים פון לעבן ביז עס וועט נישט פאַרענדיקט ווערן די אַקציע (235).

דער פירער פון דער ליקווידאַציע-אַקציע האָט זיך געקלאָגט, אַז אייניקע פון די שאָפּן פאַרשלעפּן ווייזט אויס אָפּ בכיוון די עוואַקואַציע. אַזוי צ. ב. נישט געקוקט אויף די אינסטרוקציעס, וואָס זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך סטראָאָפּן בעת זיין וויזיט אין דער פירמע שולץ עט קאָמפּ., דעם צווייטן טאָג פון די פּאַסכאַ־חגאות, וועגן תיכפדיקן אָנהויבן די עוואַקואַציע פון פאַבריק, וועלכע האָט געדאַרפט דויערן 3 טעג, איז אין דער הינזיכט, ביז דעם 29טן אַפּריל, גאָרנישט נישט אונטערגענומען געוואָרן.

אין דעם לעצטן טאָג פון אַפּריל האָבן די אָפּעראַציעס, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן 9 אינדערפרי און געדויערט ביז 9 אָוונט, זיך פאַרנומען מיט ווייטער פירן די זוכונגען אין געטאָ (236). איצט ערשט האָבן זיך די דייטשן איבערצייגט, אַז הגם אייניקע הייזער-בלאָקן זענען אינגאַנצן פאַרברענט געוואָרן, זענען דאָך דאָרט יידן פאַרבליבן אין די אונטערערדישע בונקערס פון צוויי־דריי מעטער די טיף. און די „ספּעציאַליסטן" האָבן געמוזט מודה זיין, אַז זיי זענען נישט ביכולת אויפדעקן די בונקערס, סיידן ס'וועט זיי געלונגען אַרויספרעסן ביי שוואַכערע יחידים פון צווישן די געכאַפּטע יידן אָנצוהערענישן אָדער אָנווייזונגען וועגן יענע בונקערס.

די דייטשן האָבן אויך פעסטגעשטעלט אויף זיכער, אַז אייניקע בונקערס זענען פאַרמאַכט געוואָרן פון דרויסן דורך די יידישע אויפשטענדלער, וועלכע די דייטשן זענען חושד געווען, אַז זיי ווילן דערביי מאַכן געשעפט.

סך הכל האָבן די דייטשן אין דעם טאָג אויפגעדעקט 30 בונקערס, וועלכע זענען עוואַקואירט און אויפגעריסן געוואָרן. „מיר האָבן ווידער גע־כאַפּט — האָט זיך באַרימט סטראָאָפּ — אַ גרויסע צאָל אויפשטענדלער און אונטערמענטשן".

אויסער די אָפּעראַציעס פון אַדורכזוכן דעם געטאָ, וואָס פלעגן אויס־געפירט ווערן דורך קליינע אָפּטיילונגען, זענען די גרעסערע קאַמפּס־גרופּן געווען באַשעפטיקט ביים „אָפּרייניקן" און פאַרניכטן דורך פייער פאַרריי־ניקטע הייזער־בלאָקן. בעת אַן אָנגריף אויף איינעם פון די בלאָקן האָט מען באַנוצט אַרטילעריע.

בסך־הכל האָט מען אין דעם טאָג געכאַפּט 1.599 יידן, פון דעם זע־נען 179 געפאַלן אין שלאַכט (237). אין דעם טאָג זענען 3.855 יידן פאַר־לאָדעוועט געוואָרן אין די וואַגאָנען. די דייטשן האָבן אויך אין דעם טאָג פאַרכאַפּט געווער און דייטשע מונדירונגס־טיילן. די דייטשע פאַרלוסטן — לויט סטראָאָפּס אָנגאַבן — האָבן באַטראָפן בלויז איין פאַרוווּנדעטן פּאָליציאַנט.

עס איז וויכטיק צו באַטאָנען, אַז אין די לעצטע טעג איז די צאָל געכאַפּטע יידן, וואָס האָבן פאַרמאָגט געווער געווען אַן ערך גרעסער ווי פריער.

די דייטשע אָפּעראַציעס קעגן דעם טראַנספּאָרט־פּאַרט האָט נישט גע־געבן קיין שום פּאָזיטיווע רעזולטאַטן.

די טונעלן וואָס זענען דעם 30־טן אַפּריל אויפגעדעקט געוואָרן האָבן די דייטשן אָדער בלאָקירט אָדער אויפגעריסן.

צום ערשטן מאָל, זייט דעם אָנהייב פון די קאַמפן האָבן די דייטשן געוואַגט אין דער נאַכט פון 12טן אויפן 13טן טאָג פון דער אַקציע אַרויס־שיקן 5 אויסשפּיר־גרופּן, יעדע צו 10 מאַן מיט אַן אָפיציר בראָש, וואָס האָבן באַדאַרפט אין נישט רעגולערע צייט־אָפּשניטן פּאַטראָלירן און פעסטשטעלן די באַוועגונגען פון די יידן אין משך פון נאַכט (238). סטראָאָפּ האָט נישט געהאַט צו פאַרצייכענען קיין שום דערפאָלגן פון דער פּאַטרולירונג. אויך די פּאַטרולן פון זש. אָ. ב., אָפט איבערגעטוענע אין דייטשע מונדירן, אין שטאָלענע העלמען און שטיוול אַרומגעבונדן מיט

שמאַטעס מעסטן אַדורך בייגאַכט דאָס גאַנצע געטאָ, טרעפנדיק זיך אָפּט מיט דייטשע פּאַטרולן. די צוזאַמענשטויסן טראָגן שוין דאָ אַ בולט פּאַר־טיזאַנישן קאַמפּס־כאַראַקטער. די דייטשן און אוקראַינער האָבן געוויינ־לעך פּאַטרולירט אין גרעסערע גרופּן איינאָרדנדיק לויער-ערטער (239). איין קאַמף-עפּיזאָד פון יענער נאַכט איז אונדז באַקאַנט.

עס איז פאָרגעקומען אַזוי: צוויי בייגאַכט איז ארויסגעשיקט גע־וואָרן פון בונקער אויף לעשנאָ 74 אַ קאַמפּס-גרופּע פון פּ. פּ. ר. אונטער דער אָנפירונג פון הערש קאַווע (העניעק). אין שטיוול אַרומגעוויקלטע מיט שמאַטעס האָט זיך די גרופּע באַוועגט פאָרויס דורך בווידעמער, אָנ־הויבנדיק פון לעשנאָ 76, — ווו עס האָט זיך געפונען אַ קאַמפּס־גרופּע אונטער דער אָנפירונג פון יהודה'ן פון „השומר" — צו נאַוואָליפּיע 69. קאַיאָר האָבןביידע גרופּן אָנגעהויבן די קאַמפּס־אַקציע דורך באַוואַרפן די דייטשע אָפּטיילונג מיט גראַנאַטן און צינד־פלעשער. די לעצטע צוויי גראַנאַטן האָט קאַווע געוואָרפן אין דער ריכטונג פון די 6 אַטאַקירנדיקע ס. ס.-לייט, יהודה האָט גלייך אויפגעעפנט אַ פייער פון אַן אויטאָמאַט אַרויסלאָזנדיק אַלע 70 קוילן, כדי צו באַשיצן די זיך צוריקציענדיקע קעמפער. ביידע העלדישע אָנפירער זענען געפאַלן מיט אַ העלדן-טויט אויף די בווידעמער פון לעשנאָ 76 - נאָוואָליפּיע 69 (240).

פון די קעלער־באַהעלטענישן אויף מילע 29, ווו עס האָבן זיך געפונען גרעסערע זש. אָ. ב. גרופּן, האָט מען אַדורכגעפירט, איבערהויפּט ביי־נאַכט, איינצלנע אָנפאַלן אויף דייטשע פּאַטרולן. גאַנץ אָפט פלעגן די יידי־שע קאַמפּס-גרופּן זיך אומקערן שטאַרק איינגעשרומפּענע אין צאָל, צוליב דעם וואָס די באַהאַלטענע אין פינצטערע געסלעך דייטשן האָבן בעסער און גיכער באַמערקט די יידישע קעמפער, וועלכע זענען געווען באַלויכטן דורך דעם פייער פון די שריפות. ס'האָט אויך אָפּט געטראָפן אַז די יידישע קעמפער אין שטיוול פאַרוויקלטע אין שמאַטעס האָבן זיך אָנגעטראָפן פנים אל פנים מיט די דייטשן, וואָס האָבן געטראָגן גומענע שטיוול. ערשט אין דער לעצטער מינוט האָבן זיך די שונאים דערקענט און דער האָט געזיגט, ווער ס'האָט זיך פריער געכאַפּט צום געווער (241).

די „אָפּעראַציע פון גרויסן מאַהשטאַב", וואָס איז ווייטער געפירט

געוואָרן דעם 1טן מאי 9 פרי, האָט זיך אָנגעהויבן פון צונויפשטעלן 10 זוך-אָפּטיילונגען; חוץ לזה איז אַ גרעסערע דייטשע קאַמפּס-גרופּע אַרויס־געשיקט געוואָרן רעווידירן אַ געוויסן הייזער־בלאָק און — ווי ס'האָט גע־קלונגען דער צוגאָב־באַפעל — אים אונטערגעצונדן (242). אין דעם בלאָק האָט זיך געפונען די באַוואָפענונגס-פאַבריק, וועלכע איז נאָך ביז איצט פולשטענדיק נישט עוואַקואירט געוואָרן.

אין רעזולטאַט פון די אָפּעראַציעס האָבן די דייטשן אין דעם טאָג געכאַפּט 1.028 יידן, פון דעם זענען 245 יידן געפאַלן אין קאַמף. ס'איז אויך געכאַפּט געוואָרן — שרייבט סטראָאָפּ — „אַ באַדייטנדיקע צאָל אויפשטענדלער און רעדל־פירער" (243). אין דעם זעלביקן טאָג זענען 7 אין אָוונט דערשאָסן געוואָרן 47 יידישע אַרבעטער, וואָס זענען געווען באַשעפטיקט אין זשאָליבאָזשער אַרבעטס-לאַגער אויף וואָלאָשציאַנסקע גאַס נומער 52 (244).

אַלע יידן וואָס זענען געכאַפּט געוואָרן דעם ערשטן מאי זענען מיט גוואַלד אַרויסגעשלעפּט געוואָרן פון די בונקערס. קיינער האָט זיך נאָך דעם אויפדעקן די באַהעלטעניש נישט אונטערגעגעבן פרייוויליק. איין ייד וואָס איז שוין געשטאַנען אין טראַנספּאָרט, וועלכער איז גרייט געווען אָפּמאַרשירן, האָט דריי מאָל אויסגעשאָסן אין דער ריכטונג פון אַ געוויסן פּאָליציי-לייטענאַנט, לײדער האָט ער אָבער נישט געטראָפן אין ציל. אַ באַדייטנדיקע צאָל יידן האָט מען געכאַפּט אין די קאַנאַליזאַציע-רערן. די דייטשן האָבן געפירט אַ סיסטעמאַטישע אַקציע פון אויפרייסן אָדער בלאָ־קירן די אַריינגענג אין די קאַנאַליזאַציע-רערן. בעת אָט דער אַרבעט, ווען די סאַפּערן האָבן אין איין אָרט אונטערגעלייגט אַ שטאַרק געדיכטע לאָ־דונג און האָבן זיך אַ רוק געטאָן אין דער ריכטונג פון דער צונויפטרעף־עפענונג, האָט אַ ייד זיך אַרויסגערוקט פון רער, באַזייטיקט דעם צינד־שנור און צוגענומען — ווי ס'נאָטירט מיט פאַרווונדערונג סטראָאָפּ, — די לאָדונג. ערשט אין ווייטערדיקן לויף פון דער „אָפּעראַציע" איז די דייטשן געלונגען כאַפּן דעם ייד, וואָס האָט אַלץ נאָך געהאַלטן די לאָדונג ביי זיך.

סטראָאָפּ האָט געמוזט מודה זיין, אַז עס גייט אים צו שווער דאָס דערשטיקן דעם אויפשטאַנד, אַז זיינע מענטשן מוזן אָנווענדן אויסערגע־

וויינלעבע ענערגיע און פלייםביים אויפזוכן יידן, וואס געפינען זיך נאך אלץ אין בונקערס, גריבער און קאנאליזאציע־רערן. ער האט אבער נישט פארלוירן די האפענונג, אז ס'וועט אים געלינגען כאפן די רעשט יידן.

ס'איז אין דעם טאג אויפגעדעקט געווארן א נישט פעסטגעשטעלטע צאל טויטע קערפערס, וואס זענען געשווומען אין הויפט־קאנאליזאציע־רערן אונטערן געטא.

אויסער דעם האט די זשאנדארמעריע געכאפט נעבן ווארשע און דערשאסן 150 יידן, וועלכע ס'איז געלונגען צו אנטלויפן פון געטא. אין דעם טאג איז די אקציע פארענדיקט געווארן 10 בייגאכט (245).

שפעט ביינאכט איז פארגעקומען לויט דער איניציאטיוו פון זש. א. ב.־שטאב א פארזאמלונג געווידמעט דעם ערשטן מאי. נאך קורצע רע־דעס איז געזונגען געווארן דער „אינטערנאציאנאל". „און קיינמאל נאך איז דער „אינטערנאציאנאל" נישט געזונגען געווארן אין אזעלכע אויס־טערלישע, טראגישע באדינגונגען, אין אן ארט, וווּ עס איז אומגעקומען און עס קומט אום א פאלק" (246). דער כאראקטער געזאנג פון סאציא־ליסטישן ארבעטער־הימן האט ווייט געקלונגען אויסער די ווענט פון קעמ־פנדיקן געטא. אין אייניקע בונקערס זענען אין משך פון טאג פארגעקו־מען ערשטע מאי־פארזאמלונגען. אזוי צ. ב. האבן די איינוווינער פון בונ־קער אויף לעשנא 74, וואס האט שוין בלויז געציילט 17 מאן, פון דעם, 12 מענער און 5 פרויען, דערהערט אכט אינדערפרי דורך ראדיא די טריט פון די מארשירנדיקע צום טאקט אויף דער דעפילאדע אין מאסקווע אפטיילונגען פון דער זיגערישער רויטער ארמיי. מיט א פארכאפטן אטעם האט מען זיך צוגעהערט צום ערשטן מאי־באפעל פון סטאלינען וועגן דער גרויסער מפלה פון די דייטשן אונטער סטאלינגראד, וועגן 300 טויזנט דייטשע געפאנגענע, וועגן הונדערטער שטעט, שטעטלעך און דערפער וואס זענען באפרייט געווארן פון דעם יאך פון דער דייטשער אקופאציע. 10 אינ־דערפרי האט איינער פון די קעמפער געהאלטן א געלעגנהייטס־רעדע, דער־מאנענדיק וועגן דעם, אז דער קאמף פון געטא „וועט אן שום ספק האבן א גרויסע היסטארישע באדייטונג נישט נאר פאר דעם יידישן פאלק, נאר פאר דער גאנצער אייראפעאישער ווידערשטאנדס־באוועגונג, וואס קעמפט




גענעראַל סטראָאָפּס פאַרבאָט אַרייַנצוקומען אין געטאָ

מיט דעם היטלעריזם". אָט די ווערטער האָבן געוועקט גלויבן און צוגע־
געבן מוט (247). לכבוד דעם יום־טוב זענען עטלעכע יידישע קאַמפּס־
גרופּן אַרויס אין דרויסן מיט דער אויפגאַבע „פאַנגען" אַ וואָס גרעסערע
צאָל דייטשן (248). אַ יידישע קאַמפּס־גרופּע אויף נאַלעווקעס 47, צווישן
וועלכע ס'האָט זיך געפונען טוביה באָזשיקאָווסקי איז אַרויס מיט ביקסן
און שטאָלענע העלמען אין מיטן העלן טאָג. די דייטשן וואָס האָבן גע־
טשאַטעוועט צווישן די חורבות איז גאָרנישט געקומען אויפן זינען, אַז
אין דער צייט קענען זיך געפינען אויף דער גאַס יידישע קעמפער און האָבן
זיי אָנגענומען אַלס קאַמפּס־חברים. אָט דער טעות האָט דערמעגלעכט
דער יידישער קאַמפּס־גרופּע אויספירן די אויפגאַבע. אין אַ פּאַסיקן מאָ־
מענט זענען די דייטשן אַטאַקירט געוואָרן און אין הסכם מיט די רע־
לאַציעס פון אַ לעבנגעבליבענעם יידישן קעמפער זענען דריי דייטשן אויף
אָן אָרט דערהרגעט געוואָרן (סטראָאָפּ אין זיין ראַפּאָרט פון ערשטן מאַי
פאַרשווייגט דעם פאַקט, און שרייבט בלויז וועגן טויט פון איין פאָ־
ליציאַנט, וואָס איז פאַרוווּנדעט געוואָרן אין פאָריקן טאָג). די רעשט
דייטשן, וואָס זענען זיך בשעת מעשה פונאַנדערגעלאָפן, האָבן גלייך אָנ־
געהויבן אַ געיעג פון אַלע זייטן. די יידישע קעמפער האָבן זיך בשלום
צוריקגעקערט דורך די חורבות אין דער ריכטונג פון דער באַזע אויף מילע
18 (249). עס זענען פאָרגעקומען בעת דעם צוריקקער קאַמפן וועגן וועל־
כע עס ראַפּאָרטירט סטראָאָפּ. די דייטשע אויסשפּיר־גרופּן זענען נעמ־
לעך אַטאַקירט געוואָרן דורך יידן, וועלכע האָבן אונטערן שוץ פון דער
נאַכט, רעדנדיק מיט דער שפּראַך פון דייטשן ראַפּאָרט „געוואַגט אַרויס־
קריכן פון די באַהעלטענישן און לעכער". סטראָאָפּ פאַרזיכערט דערביי,
אַז ער האָט נישט געהאַט קיין שום פאַרלוסטן. דערפאַר האָבן די יידן יאָ
געליטן פאַרלוסטן (250).

אויף צומאָרגנס, דעם צווייטן מאַי, האָט די אַקציע זיך אָנגעהויבן
10 אַזייגער אינדערפרי (251) מיט אַרויסשיקן אויפן געטאָ־געביט 9 דייט־
טשע זוך־גרופּן; חוץ דעם איז אַ גרעסערע דייטשע קאַמפּס־גרופּע געשיקט
געוואָרן אַדורכנישטערן און פאַרניכטן דעם הייזער־בלאָק פון צוויי אַמו־
ניציע־פאַבריקן „טראַנסאַוויאַ" און „ווישניעווסקי". כדי אויסצוגעפינען

וואָס מער בונקערס, האָבן די דייטשע „ספּעציאַליסטן" מיט זיך מיטגע־נומען אַלס וועגווייזער איינציקע יידן, וואָס זענען געכאַפּט געוואָרן דעם פּאָריקן טאָג (252), און וועלכע זענען מיט די פאַרשידנסטע ראַפינירטס־טע פּייניקונגען, געצווונגען געוואָרן אויסצופירן אָט די פאַרעטערישע ראָל (253). בעת די אָפּעראַציעס זענען אַרויסגעשלעפּט געוואָרן פון 27 בונ־קערס 944 יידן, דערפון זענען 235 געפאַלן אין שלאַכט. אַלע בונקערס זענען אויפגעריסן געוואָרן. ווען די פייערן האָבן אַרומגעכאַפּט דעם אויבן דערמאָנטן הייזער־בלאָק, איז די דייטשן געלונגען אַריינכאַפּן אין זייערע הענט 120 מאַן; אַ סך יידן זענען אומגעקומען בעתן פּראָבירן אַראָפּ־שפּרינגען פון די בוידעמער אויפן מיטן הויף. אַזוי אַרום זענען יענעם טאָג אומגעקומען אַ סך יידן פאַרצערטע דורך פייער אָדער אונטער די חורבות פון די אויפגעריסענע בונקערס. אין דעם טאָג זענען פאַרנומען געוואָרן 1.852 יידן (254).

די סאַמע געלונגענע אַקציע פון זש. אָ. ב. אין טאָג פון צווייטן מאַי איז געווען די אַטאַקע אויף אַ דייטשער גרענעץ־בריגאַדע. עטלעכע יידי־שע קעמפער זענען אומגעריכט אַרויסגעקראָכן פון אַ קאַנאַליזאַציע־עפע־נונג אויף דער אַרישער זייט און גלייך אַטאַקירט די דייטשן. די פאַר־לוסטן פון שונא האָבן דאָ באַדאַרפט זיין גרויסע, ווייל די דייטשן זעלבסט זענען זיך מודה אין 7 טויטע. ס'איז מסתמא נישט קיין צופאַל וואָס דער איבערפאַל איז פאָרגעקומען פונקט אין דעם טאָג, ווען דער העכערער קאָמאַנדיר פון ס. ס. און פּאָליציי־אָסט, ס. ס. אָבערגרופּענפירער און פּאָ־ליציי־גענעראַל קריגער איז בייגעווען און זיך צוגעקוקט אין משך פון גאַנצן טאָג דער „אָפּעראַציע פון גרויסן מאַסשטאַב", וועלכע האָט זיך פאַרענדיקט האַלב ניין אין אָוונט.

ביינאַכט האָבן ווייטער געדויערט קאַמפן. דאָס האָבן יידישע קעמ־פער אַטאַקירט דייטשע אויסשפּיר־גרופּן, וואָס האָבן געמאַלדן סטראַטאָפּן, אַז גרופּן באַוואָפנטע אויפשטענדלער האָבן פאַרביימאַרשירט דורכן געטאָ.

דעם 3טן מאַי האָבן די אָפּעראַציעס אויפן געטאָ־געביט זיך אָנגע־הויבן 9 אינדערפרי און זענען געפירט געוואָרן מיט די זעלביקע קרעפטן ווי פאָריקן טאָג. זיי האָבן גורם געווען דאָס אויפדעקן 19 גרעסערע בונ־

קערס פון וואַנען עס זענען מיט דער הילף פון גאַז אַרויסגעשלעפּט געוואָרן 1.392 יידן, פון וועלכע 95 זענען געפאַלן אין קאַמף. פון די געוועזענע שאָפּן איז אויך געלונגען אַרויספירן 177 יידן. די דייטשן האָבן אויך דעראָבערט אַ דייטשע ביקס (מאָדעל 98), צוויי רעוואָלווערן (8-לער) און גראַנאַטן. דער רוב יידן האָט בעתן פאַרלאָזן די בונקערס געשטעלט אַ פאַרביסענעם באַוואָפנטן ווידערשטאַנד (255). עס איז אויך צוו. אַנדערן פאַרגעקומען אַ קאַמף ביים אויפדעקן דעם בונקער אויף פראַנצישקאַנסקע 30, ווו עס האָט זיך געפונען די אָפּעראַטיווע באַזע פון די זש. אָ. ב. גרופּן, וואָס האָבן זיך אַדורכגעריסן פון בערשטער-געביט. בעת דער שלאַכט האָט זיך אויסגעצייכנט מיט קאַלטבלוטיקייט און מוט דער פירער פון דעם געביט מאַרעק עדעלמאַן, וועלכער האָט באַוויזן ראַטעווען זיין קאַמפּס-גרופּע דורך פאַרשיטן מיט גרוז דעם אַריינגאַנג אין קעלער. בעת דעם קאַמף איז געפאַלן אַדאַם שניידמיל (בערעק), אַן אויסגעצייכנטער קאָנספּיראַטאָר און קעמפער, מיטגליד פון פּרעזידיום פון בונדישן צ. ק. און הייסער פּוילישער פּאַטריאָט. ער איז נאָכן טויט באַלוינט געוואָרן מיטן העלדן-קרייץ (קזשיזש וואַלעטשניך). פיל קעמפער זענען פאַרוואונדעט געוואָרן (256).

די דייטשן זענען זיך מודה געווען אין דריי פאַרוואונדעטע ס. ס.-לייט. „איינציקע יידן און אויפשטענדלער האָבן געשאָסן איינצייטיק האַלטנדיק רעוואָלווערן אין ביידע הענט". מען האָט אויך ביי די יידישע פרויען געפונען רעוואָלווערן באַהאַלטן אין די הויזן. דעריבער איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ באַפעל, אַז יעדער אופישטענדלער און בכלל ייד אָן אונטערשיד פון געשלעכט זאָלן בעת דער רעוויזיע אויסגעטאָן ווערן נאַקעט.

אין דעם טאָג זענען 3.019 יידן פאַרלאָדעוועט געוואָרן אין די וואַגאָנעס. ניין באַנאַכט איז די אַקציע פאַרענדיקט געוואָרן.

במשך פון דער נאַכט איז פאַרגעקומען אַ לעבהאַפטע באַוועגונג פון די יידן אויף די חורבות פון פאַרברענטע גאַסן און הויפן. בכדי צו כאַפּן די יידן האָבן די דייטשע פּאַטרולן אַרומגעוויקלט זייערע שטיוול מיט שמאַטעס. ס'איז אַזוי אַרום געקומען צו אַ צוזאַמענשטויס צווישן יידן

און דייטשן בעת וועלכן ס'האָבן גענזאָלט פאַלן 30 יידן. וועגן די אייגענע פאַרלוסטן גיט אָבער דער דייטשער מקור גאָרנישט אָן (257).

אויף צומאָרגנס, דעם 4טן מאַי, ווען עס האָט אויסגעשלאָגן 9 אינ־דערפרי איז ארויסגעשיקט געוואָרן אַ דייטשע גרופּע פון 61 מאַן אונטער דער אָנפירונג פון אַן אָפיציר, אַ פאַרשטאַרקטע דורך אַ סאַפּערן-אָפּטייל מיט דער אויפגאַבע אויסצוגעפינען באַהעלטענישן. ס'איז זיי געלונגען אַרויסשלעפּן פון די בונקערס 650 יידן; 188 יידן זענען געפאַלן אין קאַמף. עס האָט זיך באַקלאָגט דער גענעראַל סטראָאָפּ, אַז דאָס אויפדעקן בונקערס ווערט אַלץ מער באַשווערט און אָפּט קענען זיי אויפגעדעקט ווערן אויסשליסלעך מיט דער הילף פון יידישע פאַרעטער.

די דייטשע הויפּט-קרעפטן זענען אין דעם טאָג אויסגענוצט געוואָרן אויף אַדורכזוכן און פאַרניכטן די גרויסע הייזער-בלאָקן, ווו עס האָבן זיך געפונען די פירמעס פון טעבענס, שולץ עט קאָמפּ. און אַנדערע (258). אויף דער אויפפאָדערונג, אַז אַלע די וואָס געפינען זיך נאָך אין די הייזער זאָלן זיך גוטוויליק עוואַקואירן, האָבן זיך געלאָזט פאַנגען 456 יידן. ווען די הייזער-בלאָקן זענען שוין געשטאַנען אין פלאַמען און האָבן גע־האַלטן ביי איינפאַלן, האָט זיך אַ באַדייטנדיקע צאָל יידן באַוויזן אויף דער אויבערפלאַך, פאַרוואונדיק זיך ראַטעווען דורך אַנטלויפן אפילו דורך די ברענענדיקע הייזער. אַן אומבאַשטימטע צאָל יידן וואָס מען האָט בעת דער שריפה געזען אויף די דעכער, איז אומגעקומען אין די פלאַמען. אַנ־דערע האָבן זיך באַוויזן אויף די העכערע שטאָקן אין דער לעצטער מינוט און קוים לעבעדיקע זענען זיי אַראָפּגעשפּרונגען. בעת דער שריפה האָט אויפגעריסן אַ געוויסע צאָל פאַרמאַגאַזינירטע אַמוניציע (259).

אין די ערשטע טעג פון מאַי-חודש זענען אויך אונטערגעצונדן גע־וואָרן אַלע געביידעס בשכינות פון געטאָ. צווישן זיי דער וואַנגעלישער שפּיטאַל אויף קאַרמעליצקע גאַס, וועלכער איז עוואַקואירט געוואָרן מיט 24 שעה פריער (260).

בסך הכל האָבן די דייטשן דעם 4טן מאַי געכאַפּט 2.283 יידן, פון זיי זענען 204 דערשאָסן געוואָרן (261).

אין הסכם מיט די אָפּגעגעבענע דערקלערונגען פון אייניקע געפאַנ־

גענע יידן זענען די דייטשן געווען זיכער, אַז זיי האָבן אין דעם טאָג גע־כאַפּט „די רעגירנדיקע קערפּערשאַפט פון דער אַזוי גערופענער פּאַרטיי" (שטאַב פון זש. אָ. ב.).

סטראָאָפּ האָט זיך אַפילו באַרימט, אַז עס איז אים דעם 4טן מאַי געלונגען צו כאַפּן אַ מיטגליד פון „קאָמיטעט", וואָס האָט אָנגעפירט מיטן אויפשטאַנד. אָט דער געפאַנגענער — האָט מודיע געווען סטראָאָפּ — האָט באַדאַרפט אויף צומאָרגנס אויסגענוצט ווערן ביים אויפדעקן שטאַרק באַפעסטיקטע בונקערס, ווו עס האָבן זיך געפונען באַוואָפנטע יידן, נאָר גרונטלאָז זענען געווען די האָפענונגען פון דעם דייטשן הענ־קער. ס'איז געמלעך דערציי נישט דערגאַנגען און מ'דאַרף זיך משער זיין, אַז דער אונדז אומבאַקאַנטער קעמפער האָט ליבערשט באַשלאָסן אומקו־מען מיט אַ מאַרטירער־טויט איידער אַרויסגעבן די קאַמפּס־חברים.

דעם 5טן מאַי האָט זיך די אָפּעראַציע, וואָס איז פאַריקן טאָג אוי־בערגעריסן געוואָרן האַלב 12 ביינאַכט, אָנגעהויבן 10 אַזייגער מיט די זעלביקע קרעפטן ווי דעם פאַריקן טאָג און האָט געדויערט ביז 10 ביי־נאַכט. ביז דעם סוף פון דער „אָפּעראַציע" האָבן די דייטשע שטורעם־גרופּן אין דעם טאָג געהאַט גאָר נישטיקע רעזולטאַטן. ערשט האַרט פאַרן פאַרענדיקן די אָפּעראַציעס איז אויפגעדעקט געוואָרן נישט אַזויפיל צוליב דער דייטשער אויסשפּיר־פעיקייט, ווי צוליב פאַראַט, אַ גרעסערע צאָל בונקערס. אין רעזולטאַט דערפון זענען פאַרניכטעט געוואָרן 40 בונקערס. 1.070 יידן זענען געכאַפּט געוואָרן און 126 זענען דערשאָסן געוואָרן. די דייטשן האָבן אויך דעראָבערט געווער און אַמוניציע. חוץ דעם זענען 2.850 יידן געכאַפּט געוואָרן אויפן געביט פון נאָך עקזיסטירנדיקן שאָפּ אויף פּראָסטע כדי זיי אַרויסצושיקן.

אין אייניקע פּונקטן האָבן די דייטשן אָנגעטראָפן אויף אַ באַוואָפנ־טן ווידערשטאַנד. אין אַ גאַנצער ריי פאַלן זענען די דעקלעך פון די בונ־קערס צוגעהאַלטן געוואָרן אָדער געווען פאַרקייטלט פון אינעווייניק, אַזוי אַז בלויז דורך אויסנוצן שטאַרקע לאָדונגען פון אויפרייס־מאַטעריאַלן איז די דייטשן געלונגען פאַרניכטן די בונקערס צוזאַמען מיט זייערע באַ־וווינער. די פאַרלוסטן צו וועלכע די דייטשן זענען זיך אַליין מודה שטעלן

מיט זיך פּאָר 2 פּאַרוווּנדעטע: איין ס. ס.-מאַן און איין פּאָליציאַנט (263).

דעם 6טן מאַי, האַלב 10 אינדערפרי זענען די דייטשן צוגעטראָטן אָפּרייניקן די הייזער-בלאָקן, וואָס זענען פאַרניכטעט געוואָרן דורך פייער דעם 4טן מאַי (264). הגם עס איז שווער געווען צו דערוואַרטן, אַז אין די בלאָקן וועט זיך נאָך געפינען אַ לעבעדיק ווען, זענען אויפגעדעקט געוואָרן עטלעכע בונקערס, אין וועלכע עס האָט געהערשט אַ שוידערלעכע היץ. פון די און אַנדערע בונקערס, אויפגעדעקטע אין אַנדערע געטאָ-טיילן, האָט מען אַרויסגעשלעפּט 1.563 יידן. אין אַלגעמיין האָבן די דייטשן דעם טאָג פאַרניכטעט 47 בונקערס (265). אָבער אָן קאַמף האָבן זיך די יידן אין ערגעץ נישט אונטערגעגעבן. בעת אַזאַ צוזאַמענשטויס האָבן זיך די יידן באַנוצט מיט דייטשע רעוואָלווערן (אַכטלעך) און גראַנאַטן („פּוילישע באַנאַנען"). די דייטשן זענען זיך מודה געווען, אַז עפּעס אַן אונטערשאַרפירער און צוויי פּאָליציאַנטן פון די גרענעץ-אָפּטיילונגען זענען שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן. איין פּאָליציאַנט איז נאָכדעם געשטאָרבן פון די באַקומענע ווונדן.

עס האָט זיך געלאָזט מערקן, אַז יידן, וואָס האָבן באַוויזן זיך אַרויסצוקריגן פון געטאָ, פּלענען זיך אומקערן מיטן ציל צו העלפן דעם קעמפנדיקן געטאָ אָדער בכדי אַרויסצוראַטעווען פון דאָרט מענטשן. אייניקע יידן, וואָס זענען אַרויסגעפירט געוואָרן אין לובלינער קאַנט אָדער קיין טרעבלינקע, איז געלונגען אַנטלויפן פון לאַגער. זיי האָבן זיך באַמיט, באַזאָרגטע מיט געווער און אַמוניציע, זיך אומקערן אין ברענענדיקן וואַרשעווער געטאָ, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַן אייזערנער קייט פון וואַך-פּאָסטנס פון ס. ס. און זשאַנדאַרמעריע, אָבער צום באַדויערן פּלעגן זיי געכאַפּט ווערן דורך די דייטשן באַלד נאָכן אָנקומען קיין וואַרשע. אין טאָג פון 6טן מאַי איז אויסער די גרענעצן פון געטאָ געכאַפּט געוואָרן אַ ייד, וואָס איז אַנטלאָפן פון לובלין, ביי וועלכן מען האָט געפונען אַ רעוואָלווער (אַן אַכטל), ווי אויך אַמוניציע און צוויי גראַנאַטן („באַנאַנען") (266).

דעם אָנפירער פון דער אַקציע, דעם גענעראַל סטראָאָפּ, האָט נישט

געלאָזט רוען דער געדאַנק וועגן שטאַב פון זש. אָ. ב., וועלכן ער רופט אָן אין זיין ראַפּאָרט פון דעם טאָג — „דער פּאַרטיזאַנישער דירעקטאָריאַט" פון די יידן (פּ. פּ. ר.). ער האָט נישט געקאָנט אויף זיכער פעסטשטעלן, צי איז דער שטאַב געכאַפּט און פאַרניכטעט געוואָרן. ער האָט אָבער פאַרזיכערט אין ראַפּאָרט פון 6טן מאַי, אַז ער איז שוין אויף זיינע שפּורן — וואָס עס האָט זיך צום באַדויערן, דאָס מאָל אַרויסגעוויזן אַלס אמת — און אַז ער האָפט, אַז צו מאָרגנס וועט אים באַשטימט געלונגען זיי אָפּזוכן.

כדי צו דערמעגלעכן די דייטשן דאָס מער דערפאָלגרייכע איבערנעמען און כאַפּן די יידן און אויפשטענדלער, וואָס האָבן זיך דערנענטערט צום געטאָ, איז איבערגערוקט געוואָרן אין דער טיף פון דער אַרישער זייט די געהיימע אָפּטיילונג פון דער גרענעץ־וואַך פון געטאָ.

עס איז אויך אַדורכגענישטערט געוואָרן דאָס א. ג. „קליינע געטאָ", דורך ספּעציעלע זוך־גרופּן. מ'האָט פאַרכאַפּט די יידן וואָס זענען נאָך דאָ פאַרבליבן. די פירמע טעבענס האָט באַקומען אַ פאַראָרדענונג עוואַקואירן דאָס א. ג. „קליינע געטאָ" ביזן 10טן מאַי 12 בייטאָג אין דער ביבליאָטעק (אויף טלאָמאַצקע), וועלכע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ צייטווייליקן סקלאַד פון רוישטאָפן.

געטריבן פון פאַרלאַנג צו באַקומען די באַשטימטע דורך די דייטשן באַלוינונג אין דער גרויס פון איין דריטל פון דער געלט־סומע, וואָס וועט געפונען ווערן ביי יעדן ייד, וועלכער וועט געכאַפּט ווערן אויף דער אַרישער זייט, האָט די „גראַנאַטאָווע" פּאָליציי זיך שטאַרק באַמיט צוצושטעלן צו סטראָאָפּס קאַנצעלאַריע יעדן ייד, וואָס איז געכאַפּט געוואָרן אין שטאָט. נישט איינמאָל איז דאָס איר געלונגען. חוץ דעם האָט דער ס. ס. גענעראַל באַקומען אַנאָנימע בריוו וואָס האָבן אים צוגעוויזן געטאָ וועגן דעם, אַז יידן האָבן זיך אַריבערגעקראָגן אויף דער אַרישער זייט. איין אַנאָנים „האָט אַדורכגעפירט אַן אַנאַלאָגיע צווישן די מערדערייען אין קאַטינער וועלדל (אונטער סמאָלענסק) און דער ליקווידאַציע־אַקציע אין געטאָ".

ניין אַזייגער מיט 30 מינוט איז איבערגעריסן געוואָרן די אַקציע

כדי זי באַנייען צומאָרגנס 10 אַזייגער אינדערפרי. עס זענען געעפנט געוואָרן 49 בונקערס, נאָר בלויז אַ טייל יידן זענען געכאַפּט געוואָרן. אַ היפּשע צאָל יידן, וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט אַרויסצוגיין פון די באַהעלטעניש און האָט געשטעלט אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד, איז פאַרניכטעט געוואָרן בעת דעם אויפרייס פון די בונקערס. בסך-הכל זענען דורך די דייטשן געכאַפּט געוואָרן אין דעם טאָג 1.019 יידן לעבעדיקערהייט, פון זיי זענען 255 דערשאָסן געוואָרן אין קאַמף (267). עס זענען אויך פאָרגעקומען עטלעכע צוזאַמענשטויסן אין אַנדערע ערטער, בעת וועלכע איין ס.ס.-מאַן, ווי די דייטשן זענען אַליין מודה, איז פאַרוווּנדעט געוואָרן. ווי עס האָט ראַפּאָרטירט סטראָאָפּ, איז די דייטשן אין דעם טאָג באַוווּסט געוואָרן, ווו עס געפינט זיך דער בונקער פון זש. אָ. ב.-שטאַב, וועלכן זיי האָבן אין הסכם מיטן פּלאַן באַדאַרפט צוטרעטן עפענען ערשט אויף צומאָרגנס.

היות די יידן פלעגן ביינאַכט פאַרלאָזן די בונקערס, אין וועלכע עס איז צוליב דעם לאַנגן דויער פון דער אַקציע געווען אויסערגעוויינלעך דושנע, זענען די דייטשע קאַמפּס-גרופּן, וואָס האָבן אָפּערירט ביינאַכט, אָפט אָנגעפאַלן אויף די יידן וואָס האָבן געזוכט אַ באַהעלטעניש אין חורבות פון אויסגעברענטע הייזער. ביי דער געלעגנהייט האָבן זיך די דייטשן איבערצייגט, אַז אַ היפּשע צאָל יידן געפינט זיך נאָך אין דעם אונטערערד פון געטאָ.

דעם 7טן מאַי איז אויפגעריסן געוואָרן אַ געוויס הויז, וואָס איז נישט געלונגען פאַרניכטן דורך פייער. היות די אָפּעראַציע האָט געדויערט זייער לאַנג און האָט פאַרשלונגען אַ גרויסן קוואַנטום אויפרייס-מאַטעריאַלן, זענען די דייטשן געקומען צום אויספיר, אַז „דער בעסטער און איינציקער מיטל צו פאַרניכטן יידן איז פייער" (268).

9 אַזייגער אין אָוונט איז איבערגעריסן געוואָרן די אַקציע ביז אויף מאָרגן 10 אינדערפרי. אין דער נאַכט פון 7טן אויפן 8טן האָט אַ גרופּע אין באַשטאַנד פון 10 פּערזאָן, צווישן וועלכע עס האָט זיך געפונען ט. באָזשיקאָווסקי, אַרויסגעמאַרשירט פון צענטראַל-פּונקט פון זש. אָ. ב. אויף מילע 18, באַמיענדיק זיך דערנענטערן צום קאַנאַל-אַרויסגאַנג אין



## מרדכי אניעלעוויטש

קאָמענדאנט פֿון דעם געטאָ־אויפשטאנד

(אומגעקומען דעם 8טן מאי 1943)



דער זייט פון סמאָטשע גאַס. דאָ האָט זיי אָנגעהויבן שטאַרק באַשיסן אַ דייטשער פּאַטרול. צוריקציענדיק זיך, איז די גרופּע ווידער אַטאַקירט געוואָרן אויף וואָלינסקע גאַס דורך באַהאַלטענע — צווישן די חורבות — דייטשן, וואָס האָבן געעפנט אַ פייער פון אַלע זייטן. דער קאַמף האָט געדויערט אַ שעה צייט און בלויז 7 קעמפער איז געלונגען זיך אַריינקריגן אויף מילע 18 — צווישן זיי זענען 4 געווען שווער פאַרווונדעט. דריי קעמפער, וואָס האָבן זיך פאַרטיידיקט אַ גאַנצע נאַכט, איז ערשט געלונגען נאָך 20 שעה ראַנגלעניש צווישן חורבות און גרוז זיך אומקערן אויף מילע 18, נאָר צום באַדויערן האָט שוין דאַן נישט עקזיסטירט די לעצטע פּאָזיציע פון זש. אָ. ב. (269).

דעם אַכטן מאַי איז ווידעראַמאָל דאָס גאַנצע געטאָ אַדורכגענישטערט געוואָרן (270). עס איז שוין פאַר דעם טעמפּן קאָפּ פון גענעראַל סטראָאָפּ נישט געווען צו באַגרייפן, ווי אַזוי, רעדנדיק מיט זיין נישט איבערקלייבערישן סטיל, „אונטערמענטשן, באַנדיטן (אויפשטענדלער) און טעראָריסטן בלייבן נאָך אַלץ אין די באַהעלטענישן, און וועלכע עס הערשט צוליב די שריפות אַ היץ נישט איבערצוטראָגן".

אין דעם טאָג איז די דייטשן געלונגען, ווי זיי האָבן דערציילט אין ראַפּאָרט פון 7טן מאַי, אַרומרינגלען די הויפּט-באַהעלטעניש פון זש. אָ. ב.-שטאַב און אַריינבאַקומען אין זייערע הענט 60 גוט-באַוואָפנטע אויפשטענדלער. דער פאַרביסענער קאַמף, וואָס איז דאָ פאָרגעקומען האָט געדויערט צוויי שעה. ווען די דייטשן האָבן זיך איבערצייגט, אַז ס'וועט זיי נישט געלינגען דעראָבערן דעם בונקער האָבן זיי אַהין אַריינגעוואָרפן אַ רויך-באָמבע (271), און האָבן אויך פאַרלייגט אין פאַרשידענע ערטער גרויסע לאָדונגען מיט אויפרייס-מאַטעריאַלן (272). "ווער עס איז נישט פאַרסמט געוואָרן דורך גאַז, דער באַגייט זעלבסטמאָרד, בכדי נישט אַריינפאַלן לעבעדיקערהייט אין די הענט פון די דייטשן. לוטעק ראָטבלאַט האָט צוערשט דערשאָסן זיין מוטער און שוועסטער און נאָכהער זיך. רות האָט אין זיך געשאָסן 7 מאָל. אויף אַזאַ אופן זענען אומגעקומען 80 פּראָצענט פון די פאַרבליבענע קעמפער פון זש. אָ. ב. צווישן זיי דער קאָמענדאַנט אַניעלעוויטש" (273). סטראָאָפּ ראַפּאָרטירט מיט טריומף, אַז ס'איז די

דייטשן געלונגען צו כאַפּן און ליקווידירן דעם קאָמענדאַנט פון זש. אָ. ב. און זיין שטאַב-שעה, אַז אין בונקער אין וועלכן ס'האָבן זיך געפונען 200 יידן האָט מען געכאַפּט 60 און אַז 140 האָט מען פאַרניכטעט צוליב דער שטאַרקער ווירקונג פון דער רויך-באָמבע, אָדער דורך דעם אויפרייס פון די לאַדונגען (274).

בלויז די רעשטלעך פון די קעמפער, וואָס האָבן זיך ווי דורך אַ נס געראַטעוועט פון בונקער האָבן זיך פאַראייניקט מיטן שארית־הפליטה פון דער בערשטער־אָפּטיילונג, וועלכע האָבן זיך געפונען אויף פראַנצישקאַ־נער 22 (275).

ערשט איצט נאָכן ליקווידירן דעם הויפּט־בונקער פון געטאָ האָט סטראָאָפּ געהאַט דעם מוט מודה צו זיין, „אַז דער קאַמף פון די ערשטע 6 טעג איז געווען אַ האַרבער" און האָט אויסגעדריקט די פרייד, וואָס איצט פאַרנעמען זיך די דייטשן „מיט כאַפּן אָט די יידן און יידישקעס, וואָס זענען געווען די פירער פון יענע טעג".

צום פולן נצחון, איז ווי מיר וועלן שפּעטער זען, געווען נאָך ווייט. יעדער געעפנטער דורך די דייטשן בונקער האָט באַדייט אַ פאַרביסענעם ווידערשטאַנד „מיט ביקסן, לייכטע מאַשין-געווער, רעוואָלווערן און גראַ-נאַטן". „הייגנט האָבן מיר ווידער געכאַפּט — זענען געווען סטראָאָפּס ווייטערדיקע ווערטער — אַ באַדייטנדיקע צאָל יידישע פרויען, וואָס האָבן געטראָגן אין די הייזלעך אָנגעלאָדענע נישט פאַרזיכערטע רעוואָלווערן". און ווירקלעך, בוכשטעבלעך פון אונטער דער ערד זענען דאָ און דאָרט אויסגעוואַקסן נייע קעמפער. ביי אַזאַ זאַכלאַגע האָט דער שוין מידער און אויסגעשעפּטער סטראָאָפּ, נישט געקוקט דערויף וואָס ער האָט גע־האַט ידיעות, אַז אין אונטערערדישע גריבער, קאַנאַלן און בונקערס געפי־נען זיך נאָך 3־4 טויזנט יידן, זיך דעצידירט פאַרענדיקן די אַקציע נאָך פאַר דעם ענדגילטיקן אומברענגען די פאַרבליבענע יידן.

איין אויפגאַבע האָט זיך דער ס. ס.־גענעראַל יאָ געפילט בכוח אויס-צופירן. ער האָט נעמלעך באַפוילן אַנטערציגדן די הייזער, וואָס זענען ביז איצט דורכן פייער נישט פאַרניכטעט געוואָרן. צום באַדויערן האָבן דערפון געליטן דאָס ביסל יידן, וואָס זענען נאָך דאָ געווען באַהאַלטן צווישן מויערן אָדער קאָרידאָר-שטיגן.

אין רעזולטאַט פון דער אַקציע פון 8טן מאַי זענען געכאַפּט געוואָרן 1.001 יידן, פון דעם זענען 280 געהרגעט געוואָרן אין שלאַכט; אַ סך זענען אומגעקומען בעת אויפרייסן אין דער לופט 43 בונקערס (276).

די דייטשע פאַרלוסטן אין דעם טאָג זענען אַ סברה געווען גרויסע. די דייטשן אַליין זענען זיך מודה אין 5 קרבנות, אין דעם 2 ס. ס.-לייט טויט, און 2 ס. ס.-לייט און איין ווערמאַכט-מאַן (פון דער אינזש.-סאַפּערישער אָפּטייל) פאַרוווּנדעט. עס איז אויך געשטאָרבן דעם טאָג אַ דייטשער פּאָליציאַנט, וואָס איז פאַרוווּנדעט געוואָרן דעם פריקן טאָג. האַלב צען אין אָוונט זענען פאַרענדיקט געוואָרן די אָפּעראַציעס פון דעם טרויעריקסטן טאָג אין דער געשיכטע פון אויפשטאַנד (277).

די אָפּעראַציעס פון 9טן מאַי האָבן זיך אָנגעהויבן צען אזייגער און געדויערט ביז 9 אין אָוונט. די דייטשע שטורעם-גרופּן (278) האָבן אויפגעדעקט 42 בונקערס פון וועלכע מען האָט אַרויסגעשלעפּט 1.037 יידן און אויפשטענדלער (279). אַן אומבאַקאַנטע צאָל יידן איז אומגעקומען בעתן אויפרייסן די בונקערס. זיי האָבן אין דעם טאָג אונטערגעצונדן די הייזער-בלאָקן, ווו עס האָט זיך געפונען דער קאָנצערן „טראַנסאַוויאַ". ביי דער געלעגנהייט איז געכאַפּט געוואָרן אַ געוויסע צאָל יידן, נישט געקוקט דערויף וואָס דער בלאָק איז שוין דורכגעזוכט געוואָרן אַ גאַנצע ריי מאָל (280).

דער דייטשער זיכערהייטס-פּאָליציי (געשטאַפּאָ) איז אין דעם טאָג געלונגען אויפצודעקן אַ „וואַרשטאַט" אויסער די געטאָ-גרענעצן, וואָס האָט ביז דעם טאָג אויסגעפּאַרטיקט 10-11 טויזנט אויפרייס-לאָדונגען און אויך אַנדערע אַמוניציע (281).

דעם 10טן מאַי האָבן די אָפּעראַציעס זיך אָנגעהויבן 10 אזייגער. דייטשע שטורעם-גרופּן האָבן ווידער גענוי אַדורכגעזוכט דאָס געטאָ. ווי אין די פריקע טעג האָבן זיי אויך דאָס מאָל אַרויסגעשלעפּט פון די בונקערס אַ באַדייטנדיקע צאָל יידן. די דייטשן האָבן זיך ווידער אָנגעטראָפן אויף אַ זייער שטאַרקן ווידערשטאַנד. עס האָבן זיי אַלץ נישט געלאָזט צו רו די יידישע אויפשטענדלער, וואָס האָבן אויף זיי געלויערט פון צווישן די חורבות, גרייט אין יעדער מינוט צום אָנגריף. די דייטשן איז געלונ-

גען כאפן 1.183 יידן, פון דעם זענען 187 אויפשטענדלער און יידן גע-פאלן אין שלאכט. עס איז אוממעגלעך געווען פעסטשטעלן די צאל גע־הרגעטע און פארניכטעטע בעתן אויפרייסן די בונקערס. די דייטשע פאר־לוסטן אין וועלכע זיי זענען זיך מודה געווען, האבן באטראפן דריי פאר־וווּנדעטע ס. ס.־לייט (282).

נאך אין דער נאכט פון 29טן אויפן 30-טן אפריל האט דער שטאב פון זש. א. ב. ארויסגעשיקט זיינע פארטרעטער אין דער פערזאן פון ס. ראטהייזערן (קאזשיק) און זיגמונט פרידריכן אויף דער ארישער זייט אנצובינדן א קאנטאקט מיט דעם דארט טעטיקן „זש. א. ב.־קאמענדאנט אויף דער ארישער זייט" יצחק צוקערמאן (אנטעק) (283). דורך א טונעל האבן זיי זיך ארויסגעקריגן אויף דער ארישער זייט. מיט דער הילף פון פ. פ. ר. און דער פאלקס-גווארדיע (פון „סענק" — פולקאווניק מאלעצקי) איז ארגאניזירט געווארן די רעטונגס־אקציע (284). און אט אין דער נאכט פון 8טן אויפן 9טן מאי איז פארגעקומען דאס ארויספירן — מיט דער הילף פון די ספעציעל צוגעשיקטע פארבינדלער ראטהייזער, פרא־נעק און צוויי קאנאליזאציע-ארבעטער — די קאמפס-גרופע פון זש. א. ב. דורך די קאנאלן אויף דער ארישער זייט. צוליב די פארצוימונגען, וואס די דייטשן האבן דא געמאכט, האט דער וועג דורך די קאנאלן געדויערט א גאנצע נאכט. די דייטשן האבן אויך פון צייט צו צייט ארייננעלאזט גיפט־גאזן. אין אזעלכע באדינגונגען אין א קאנאל די הויך פון 70 צענ-טימעטער, ווו דאס וואסער האט גערייכט ביז די ליפן, איז די קעמפער אויסגעקומען צוווארטן 48 שעה אויף דער מעגלעכקייט ארויסצוגיין (285).

אין הסכם מיטן פלאן האבן אויף 5 פארטאג באדארפט זיין גרייט אויטאס און ארויספירן די געראטעוועטע. צום באדויערן זענען די אווי־טאס נישט געקומען צו דער צייט. ראטהייזער, דער ארגאניזאטאר פון דער רעטונגס־אקציע, האט זיך אפגעגעבן א דין וחשבון, אז מען דארף תיכף ארויסשלעפן די חברים פון קאנאל, ווייל אין קעגנפאל וועלן זיי אומ־קומען, האט באשלאסן דעם ענין נישט אפלייגן (286).

צום גליק פארפארט 10 אינדערפרי דורכן ארייננאנג אויף פראסטע

דאָג טוואַרדע א לאַסט-אויטאָ מיט א „ביידל״, מיט וועלכן די פאָלקס־גוואַרדיע האָט זיך אָפּט באַנוצט. די גאַס האָבן פּאַטרולירט בלויז 3 פאַר־בינדלער און אַ דעלעגירטער פאָרשטייער פון דער פאָלקס־גוואַרדיע — בירגער קזשאַטשעק. דאָס קלאַפּ-טירל פון אַריינגאַנג איז אויפגעעפנט געוואָרן פון אויבן דורך צוגעגרייטע פּלאַטפאָרמעס, ווייל אויף ראָג זשע־לאַזנע האָט זיך געפונען א דייטש-אוקראַינישער פּאַטרול. עמיץ אין אוי־טאָ האָט אַרויסגערופן אַן אויפרייס פון צוויי גראַנאַטן, און דאָס האָט גע־דינט אַלס סיגנאַל פאַר די קעמפער, וואָס האָבן זיך געפונען אין קאַנאַל גרייטע אַרויסצוגיין (287). אויף די אויגן פון שטוינענדיקן עולם עפנט זיך דאָס דעקל פון אַריינגאַנג און איינער נעבן אַנדערן גייען אַרויס די קעמפער, אויסגעצערטע, קוים זיך האַלטנדיק אויף די פיס, מיט פּנימער שוואַרצע פון שטויב און שליים, אין צעריסענער און שמוציקער קליידונג, באַוואָפנט מיט ביקסן, גראַנאַטן און רעוואָלווערן (288). „קעץ קריכן אַרויס״ האָבן זיך געלאָזט הערן שטימען פון עולם. דאָס אַרויסגיין פון קאַנאַל האָט געדויערט א האַלבע שעה (289). „די באַנדיטן, אויפשטענד־לער און יידן — האָט ראַפּאָרטירט סטראָאָפּ — און צווישן זיי ווי אַלע־מאָל אויך עטלעכע פּוילישע באַנדיטן (פּאַרטיזאַנער) — באַוואָפנטע מיט ביקסן, קורץ געווער און א מאַשין־ביקס, האָבן אַריינגעשטיגן אין אַן אויטאָ און אָפּגעפאָרן אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג״ (290). די יידישע קעמפער האָבן נאָכן אַרויסגיין פון אונטערערד אַריינגעשטיגן אין לאַסט-אויטאָ, וועלכער האָט שנעל געדרירט אין דער ריכטונג פון טאָוואַראָווע און נאָכהער אַוועק אין דער ריכטונג פון די יעראָזאָלימער אַלעען. פאַר־נאַכט האָבן זיך 34 געראַטעוועטע יידישע קעמפער געמעלדעט ביים פירער פון דער פּאַרטיזאַנער־גרופּע אין די ווישקאָווער וועלדער (291). ביי די פּאַרטיזאַנער זעצן פאָר די יידישע אויפשטענדלער דעם קאַמף מיטן דייטשן אָקופּאַנט, וואָס איז אַזוי רומפול אָנגעהויבן געוואָרן אין וואַר־שעווער געטאָ (292). בעת דעם אויגוסט-אויפשטאַנד אין וואַרשע קעמפט די יידישע קאַמפּס־גרופּע פון זש. אָ. ב. אין די רייען פון דער פאָלקס־אַרמיי (אַרמיאַ לודאָוואַ) אויף די באַריקאַדן פון אַלט-שטאָט און זשאָלי־באָזש (293).

ס׳דאַרף דאָ באַמערקט ווערן, אַז הילף איז אויך געגעבן געוואָרן 16 יידן פון געטאָ, וועלכע זענען אַרויס פון קאַנאַלן נעבן פּאָוואָנזקער צווינ־טער (294).

צום באַדויערן, האָבן נישט אַלע זיך באַוויזן אַרויסצוקריכן. אין זיי־טיקן קאַנאַל זענען פאַרבליבן 15 קעמפער. אַלע זענען זיי שפּעטער גע־פאַלן אין שלאַכט מיט די אַלאַרמירטע דייטשן, וואָס זענען אַהערגעקומען און האָבן אַרומגערינגלט דעם אַריינגאַנג. בעת דער שלאַכט זענען דאָ אויך אומגעקומען רישעק און יורעק, וועלכע האָבן אַנטיילגענומען ביים אַרויסשלעפּן די קעמפער פון קאַנאַל, און וואָס זענען דערקענט און גע־מסרט געוואָרן דורך עפּעס אַ פּרוי (295).

די דייטשן האָבן תיכף פאַראָרדנט אַ גענויע נאָכן אויטאָ, אָבער אָן רעזולטאַט. זיי איז געלונגען אַריינכאַפּן אין זייערע הענט בלויז איין ייד, וואָס איז געשטאַנען אויף דער וואַך אין קאַנאַל און האָט באַדאַרפט נאָך דעם אַרויסגיין פון די קעמפער פאַרמאַכן דאָס דעקל פון אַריינגאַנג (296).

אין דעם כמעט פולשטענדיק פאַרברענטן געטאָ, וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ הויפן חורבות, אויף וועלכע ס׳זענען געלעגן פאַרקוילטע קערפּערס, זענען פאַרבליבן צוויי קאַמפּס־גרופּן פון זש. אָ. ב. פון יוסף פאַרבער און זכריה אַרטשטיין, וועלכע האָבן געקעמפט אין משך פון לאַנ־גע וואָכן (297).

נאָכן דורכפירן דורך די אויפשטענדלער די דרייסטע אָפּעראַציע אויף פּראָסטע, האָט סטראָאָפּ באַשלאָסן „זיך באַגיין מיט פּראָסטע־גאַס פונקט אַזוי ווי מיטן געטאָ״, דאָס הייסט פאַרניכטן דאָס „קליינע געטאָ״.

נאָכן אַריבער דריי וואָכיקן דויער פון די „אָפּעראַציעס פון גרויסן מאַסשטאַב״ אין צייט פון וועלכער די צוזאַמענאַרבעט פון דער אָנפירונג מיט דער אַקציע און דער ווערמאַכט איז געווען מער ווי אַ האַרציקע (298) האָט סטראָאָפּ געקענט דעם 10טן מאַי ראַפּאָרטירן, אַז דער סאַפּערן־אָפּ־טייל איז אַדאַנק דער הילף פון ווערמאַכט פאַרשטאַרקט געוואָרן. חוץ דעם האָט דער שטאַב פון דער אַקציע באַקומען צו זיין דיספּאָזיציע אַ באַ־דייטנדע צאָל אויפרייס־מאַטעריאַלן. אָט ווי אַזוי די דייטשן האָבן זיך געגרייט צו געבן דעם לעצטן קלאַפּ דעם קעמפנדיקן געטאָ.

## V

# די לעצטע טעג פון דער „אָפּעראַציע פון גרויסן מאַסשטאַב"

די אָפּעראַציע פון באַרימטן אין דער געשיכטע פון אויפשטאַנד טאָג פון 10טן מאַי איז פאַרענדיקט געוואָרן 10 אין אָוונט. זי איז באַגייט געוואָרן אויף צומאָרגנס האַלב 10 אינדערפרי (299). אין מאָמענט פון אָנהויבן די אָפּעראַציע האָט דער שטאַב געהאַט אַ מעלדונג פון די נאַכט-אויסשפּירער, אַז ס'געפינען זיך נאָך אַלץ יידן אין די באַהעלטענישן. זיי זענען נעמלעך באַמערקט געוואָרן דורך די פּאַטרולירנדיקע דייטשן. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האָט סטראָאָפּ ווידער פאַרמירט אַ גרעסערע צאָל שטורעם-גרופּן, וואָס האָבן בעת די רעוויזיעס דעראָבערט און פאַרניכטעט 47 בונקערס. ס'זענען אויך געכאַפּט געוואָרן עטלעכע יידן, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין חורבות פון מויערן, וואָס האָבן געהאַט אַ דאַך. מיט אַזעלכע באַהעלטענישן זענען די יידן און אויפשטענדלער געווען געצווונגען זיך באַנוצן, ווייל אין פיל בונקערס איז געוואָרן אוממעגלעך לענגער אויסצוהאַלטן.

די דייטשן האָבן אין דעם טאָג געעפנט אַ בונקער, וואָס האָט פאַרמאָגט 12 וווינונגען, באַזאָרגטע מיט וואַסער און באַזונדערע שלאָפצימערן פאַר מענער און פרויען.

בסך הכל זענען געכאַפּט געוואָרן 931 יידן און יידישע אויפשטענדלער, פון דעם זענען 53 אויפשטענדלער געפאַלן אין קאַמף (300). אַ גרויסע

צאָל יידן זענען, ווי עס פאַרזיכערן די דייטשן, אומגעקומען בעת דער שריפה פון א קליינעם הייזער־בלאָק.

דאַקעגן זענען די דייטשן נישט געווען ביכולת נאָך אַמאָל פאַרסמן די קאַנאַלן (וואָס זיי האָבן סיסטעמאַטיש געטאָן), צוליב דעם מאַנגל אין רויך־באָמבעס. זיי האָבן געדאַרפט צוגעשטעלט ווערן דעם אָפּעראַציע־שטאַב דורך דער אונדז אומבאַקאַנטער אונטערנעמונג „אָפּק״.

די אָפּעראַציע איז איבערגעריסן געוואָרן 9 אַזייגער מיט 46 מינוט ביז אויף צומאָרגנס 9.30. דעם 12-טן מאַי איז די דייטשן געלונגען (301) אויפדעקן 30 בונקערס, פון וועלכע ס׳זענען אַרויסגעשלעפּט געוואָרן 663 יידן, פון זיי זענען 183 געפאַלן אין קאַמף (302). לויט די דייטשע באַ־ריכטן איז איין ס. ס.-מאַן פאַרוואונדעט געוואָרן.

נאָכן פאַרשטאַרקן די אָפּטיילן, וואָס האָבן באַוואַכט די גרענעצן פון א. ג. קליינעם געטאָ, איז מען צוגעטרעטן אים אונטערצינדן. ווען ס׳איז צוגעפאַלן די נאַכט, האָט דאָס פייער נאָך אַזוי געבושעוועט, אַז ס׳איז נישט מעגלעך געווען פעסטשטעלן וויפל יידן זענען אומגעקומען אין די פלאַמען. איין הויז אויף פראָסטע, פון וועלכן מען האָט באַזייטיקט די יידן, איז שווער באַשעדיקט געוואָרן, בכדי עס זאָל נישט קאָנען דינען אַלס באַזע פאַר די אויפשטענדלער. די אָפּעראַציע איז פאַרענדיקט געוואָרן 9 אָוונט.

אָנהויבנדיק פון 12טן מאַי ווערן אַלע טראַנספּאָרטן מיט יידן גע־שיקט אויסשליסלעך קיין טרעבלינקע 2, (303). אויף אַזאַ אופן איז זיך סטראָאָפּ נוקם פאַר פאַרציען דעם ווידערשטאַנד אין געטאָ.

דעם 13טן מאַי האָט מען איןביידע געטאָס געפונען 234 יידן, פון זיי זענען 155 אומגעקומען אין קאַמף. די יידן, מיט וועלכע די דייטשן האָבן אין דעם טאָג געהאַט צו טאָן (304), האָבן זיך איבערהויפּט רעקרוטירט פון אויפשטענדלער. אַלע זענען געווען יונג, מערסטנטייל אין עלטער פון 18 - 25 יאָר. ווען די דייטשן איז געלונגען איינעם פון זיי צו כאַפּן „איז פאַרגעקומען — ווי ס׳שרייבט סטראָאָפּ — אַן אמתע שלאַכט, בעת וועל־כער די יידן האָבן נישט נאָר געשאָסן פון רעוואָלווערן (8־לעך) און פּוי־לישע „ווים״-רעוואָלווערן, נאָר האָבן אויך געוואָרפן אויף די ס. ס.-לייט פּוילישע גראַנאַטן („באַנאַנען״).



ארויסגעטריבענע יידן פון די בונקערס ווערן אָפּגעפירט
צום עקזעקוציע־פּלאַץ



װען די דײַטשן איז געלונגען אַרײַנכאַפּן אין זײַערע הענט אַ טײל אײנװױנער פון בונקער, האָט אײן מײדל, אַזױ װי עס האָבן געטאָן אַנדערע פרױען, בליץ־שנעל אַרױסגעשלעפּט אַ האַנט־גראַנאַט („באַנאַן") אױפגעעפנט דעם צינד־שנור און אַ װאַרף געטאָן אין די דײַטשן װאָס האָבן זי געזוכט און איז תיכּף אַנטלאָפן, בכדי זיך צו באַהאַלטן.

נישט זײַענדיק ביכולת דעראָבערן דעם בונקער — האָבן די דײַטשן אים פאַרניכטעט מיט דער הילף פון גרעסערע לאַדונגען אױפרײַס־מאַטעריאַלן. עס זענען אױפגעזוכט און פאַרניכטעט געװאָרן 33 בונקערס, דעראָבערט געװאָרן 6 רעװאָלװערן, 2 האַנט־גראַנאַטן און אױפרײַס־מאַטעריאַלן.

אין די טעג פּלעגן אָפט די ייִדן זיך לאָזן פון די הײַזער־חורבות צו באַקאַנטע באַהעלטענישן בכדי באַקומען שפּײַז־זאַפּאַסן.

עס האָט זיך באַקלאָגט סטראָאָפּ דערױף, װאָס עס געלינגט נישט בשום אופן אַרױסצופּרעסן פון די געכאַפּטע ייִדן ידיעות װעגן די בונקערס.

פון אַ געװיסן שאָפּ פון דער װערמאַכט האָבן די דײַטשן אַרױסגענומען 327 ייִדן, װעלכע זענען צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע ייִדן געכאַפּטע אין דעם טאָג, אַרױסגעשיקט געװאָרן קײן טרעבלינקע 2. (305).

די דײַטשע פאַרלוסטן האָבן אין דעם טאָג באַדאַרפט זײַן ערנסטע. די דײַטשן אַלײן זענען זיך מודה צו 7 קרבנות, אין דעם 4 פאַרװוּנדעטע (3 ס.ס.־לײַט און אײן פּאָליציאַנט) און 2 ס.ס.־לײַט געהרגעטע בעתן אָנפאַלן פון סאָװיעטישע באָמבאַרדירער אין דעם טאָג (306). אַ סך ייִדן װידער, װאָס האָבן זיך אױסבאַהאַלטן אין חורבות, בונקערס, קעלערס האָבן אױסגענוצט די בהלה און זענען אַנטלאָפן פון געטאָ (307).

ראַפּאָרטירנדיק װעגן פאַרענדיקן די אָפּעראַציעס 10 אין אָװנט מעלדעט סטראָאָפּ, אַז ער האָט באַשלאָסן פאַרענדיקן „די אָפּעראַציעס פון גרױסן מאַסשטאַב" דעם 16טן מאַי און איבערגעבן דאָס פירן פון די װײַטערדיקע אָפּעראַציעס דעם פּאָליצײַ־באַטאַליאָן III־23. ער האָט אומבאַדינגט געװאָלט פאַרזענלעך אָפּגעבן אַ גענױעם ראַפּאָרט װעגן די דײַטשע אָפּעראַציעס קעגן דעם קעמפנדיקן געטאָ צוזאַמען מיט די פאָטאָגראַפיעס,

וואָס זענען געמאַכט געוואָרן בעת די אָפּעראַציעס, אויף דער קאָנפערענץ פון ס. ס. און פּאָליציי־פירער פון די דיסטריקטן פון דער גענעראַל־גובער־ניע, וואָס האָט באַדאַרפט פאָרקומען אין קראָקע דעם 18טן מאַי. (308).

די אָפּעראַציעס פון 14טן מאַי, האָבן זיך אָנגעהויבן 10 אינדערפרי, און זענען געווען אַ ווייטערדיקער המשך פון די אָפּעראַציעס וואָס זענען געפירט געוואָרן ביינאַכט, ווען דייטשע פּאַטרולן האָבן זיך עטלעכע מאָל צונויפגעטראָפן מיט יידישע קעמפער, וואָס האָבן געשאָסן פון אַ קוילן־וואַרפער און קורץ געווער. די דייטשן האָבן דערביי געהאַט פאַרלוסטן; אַליין רעדן זיי וועגן 4 פאַרוואונדעטע, אין דעם 3 ס.ס.־לייט און איין פּאָ־ליציאַנט. עס איז אויך אַטאַקירט געוואָרן פון דער אַרישער זייט אַ געווי־סער דייטשער גרענעץ־פּאָסטן.

אין משך פון טאָג זענען פאָרגעקומען פאַרשיידענע צוזאַמענשטויסן (309), בעת וועלכע 30 אויפשטענדלער זענען אומגעקומען. די דייטשן איז אויך געלונגען צו כאַפּן 9 אויפשטענדלער און יידן, מיטגלידער פון באַ־וואָפנטער גרופּע. איין בונקער האָבן די דייטשן דעראָבערט ביינאַכט, געפי־נענדיק דאָ רעוואָלווערן (צווישן אַנדערן — פון 12 ממ. קאַליבר). אין איין בונקער וואָס איז באַוווינט געווען דורך 100 פּערזאָן זענען דעראָבערט גע־וואָרן 2 ביקסן, 16 רעוואָלווערן, האַנט־גראַנאַטן, אויפרייס־מאַטעריאַלן און 60 קוילן. צווישן די אויפשטענדלער, וואָס האָבן געשטעלט אַ באַוואָפנ־טן ווידערשטאַנד, זענען געווען אייניקע איבערגעטאָענע אין דייטשע מונ־דירן, דייטשע שטאָל־העלמען א. א. וו.

איינע פון די דייטשע קאַמפּס־גרופּן האָט געהאַט אַ צוזאַמענשטויס אויף די דעכער פון די הייזער־בלאָקן אויף דער געטאָ־גרענעץ פון דער אַרי־שער זייט, מיט אַ יידישער קעמפער־גרופּע, וואָס האָט געציילט 10 - 14 פּערזאָן.

עטלעכע אויפשטענדלער וואָס זענען געכאַפּט געוואָרן דורך די דייטשן, האָבן אָפּגעגעבן אַ דערקלערונג, אַז זיי האָבן געקאָנט מאַכן אַן אַטענטאַט אויף דעם פירער פון דער ליקווידאַציע־אַקציע (סטראָאָפּ), דעם „גענעראַל" ווי זיי האָבן געזאָגט, נאָר זיי האָבן געהאַט אַ באַפעל עס נישט צו טאָן, בכדי פאַרמיידן די געפאַר פון פאַרשאַרפן די אַקציע קעגן יידן.

עס זענען דעם טאג דורך די סאפערן אויפגעריסן געווארן הייזער, אין וועלכע די אויפשטענדלער האבן זיך פון צייט צו צייט אויסבא-האלטן.

א גרויסע אקציע איז אויך אדורכגעפירט געווארן אין די קאנאלן. 3 בייטאג זענען אויפגעעפנט געווארן 185 ארייננגאנגס-דעקלעך, און אריינגעווארפן געווארן איינצייטיק רויך-באמבעס. אויף אזא אופן איז די דייטשן געלונגען ארויסבאקומען פון די קאנאלן א געוויסע צאל יידן (310). חוץ דעם איז א גרויסע צאל יידן, די צאל פון וועלכע ס'איז נישט געלונגען באשטימען, פארניכטעט געווארן דורך אויפרייסן קאנאל-אפשניטן און בונקערס (311).

די דייטשן האבן אין דעם טאג געזאלט כאפן 388 יידן, פון וועלכע 154 זענען געפאלן אין קאמף. די דייטשן פארלוסטן אין די אפעראציעס פון דעם טאג, בעת וועלכע עס איז בייגעווען דער ס.ס. גרופנפירער און גענעראל-לייטענאנט פון ס. ס. פאן הארף, האבן באטראפן לויט זייערע אייגענע אויסרעכענונגען 5 פארוואונדעטע, אין דעם 4 ס. ס.-לייט און איין פאליציאנט. די אפעראציעס זענען פארענדיקט געווארן 9 מיט 15 אין אוונט (312).

די אקציע פון פארלעצטן טאג פון די „אפעראציעס פון גרויסן מאסשטאב”, אין טאג פון 15טן מאי האט זיך אנגעהויבן 9 אזייגער, נאכן באקומען דעם ראפארט פון די אויסשפירער-גרופן וועגן דעם, אז ביינאכט זענען בלויז פארגעקומען איינצלנע צוזאמענשטויסן מיט יידן. אויך די זוכונגען פון דעם טאג (313) האבן געגעבן א נישטיקן רעזול-טאט. מען האט וואס אן אמת אויפגעדעקט 29 גרויסע בונקערס, נאר א טייל פון זיי, איז שוין פון קיינעם נישט געווען באוווינט. בסך הכל האבן די דייטשן אין דעם טאג געכאפט 87 יידן, פון זיי זענען 67 אויפשטענד-לער געפאלן אין קאמף (314).

בייטאג איז געקומען צו א צוזאמענשטויס, בעת וועלכן די אויפ-שטענדלער האבן געשטעלט א פארביסענעם ווידערשטאנד, באנוצנדיק זיך מיט רעוואלווערן, האנט-גראנאטן און צינד-פלעשער („מאלאטאוו

קאקטייל"). ווי דייטשן גיבן אן איז פארוווּנדעט געוואָרן בלויז איין פאַ־ליציאַנט.

א ספּעציעלע דייטשע קאַמפּס־גרופּע האָט נאָכאַמאָל דורכגעזוכט דעם לעצטן נישט געריירטן הייזער־בלאָק אין געטאָ און אים נאָכער פאַר־ניכטעט. אין אָוונט זענען אויפגעריסן, עווענטועל פאַרניכטעט געוואָרן די שול, דאָס מתים־שטיבל און אַלע אַנדערע בנינים אויפן יידישן בית־עולם. אזוי האָבן די דייטשן זיך נוקם געווען פאַר זייערע מפּלות אין קאַמף קעגן אויפשטאַנד. אין טאָג־פּלאַן איז אויך געווען דאָס אויפרייסן די סינאַגאָגע, נאָר צוליב אומבאַקאַנטע סיבות האָט זיך די אַקציע די דייטשן נישט איינגעגעבן. דעריבער האָט סטראָאָפּ געמאָלדן אין ראַ־פּאָרט פון דעם טאָג, אז די סינאַגאָגע וועט מאָרגן פאַרנאַכט אויפגעריסן ווערן, בעת דעם ענטגילטיקן פאַרענדיקן די „אָפּעראַציע פון גרויסן מאַס־שטאַב" (315).

דעם 16טן מאַי 1943 י. האָבן די דייטשן אין דער אַקציע וואָס האָט זיך אָנגעהויבן 10 אינדערפרי, פאַרניכטעט 180 „יידן, באַנדיטן און אונטערמענטשן".

8 אַזייגער מיט 16 מינוט איז פאַרענדיקט געוואָרן די „אָפּעראַציע פון גרויסן מאַסשטאַב" מיטן אויפרייסן די גרויסע סינאַגאָגע.

„ס'איז געווען אַ יידישער ראַיאָן אין וואַרשע — ראַפּאָרטירט סטראָאָפּ — און ער עקזיסטירט שוין נישט מער". און ווירקלעך איז דאָס אָרט, וווּ ס'איז געווען דאָס געטאָ פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ באַרג אַש און שטויב. עס זענען בלויז גאַנץ געבליבן 8 הייזער, די פּאָליציי־באַראַקן, דער שפּיטאָל און וווינונגען פאַר די אַרבעטער. עס איז אויך געבליבן די געשטאַפּאָ־טורמע אויף דזשעלנע, וועלכע איז — ווי ס'האָט געשריבן סטראָאָפּ — „באַפרייט געוואָרן פון פאַרניכטונג". דאָ און דאָרט האָבן נאָך אַרויסגעשטאַרצט רעשטלעך פון מויערן, וואָס זענען נישט אויפגעריסן געוואָרן (316).

אָט אַזעלכע זענען די רעזולטאַטן פון די גרעסטע אין דער געשיכ־טע פון אייראָפּע שריפות, וואָס האָבן געבושעוועט כמעט אַ גאַנצן חודש אין וואַרשעווער געטאָ, און וועלכע האָבן פולשטענדיק פאַרשלינגען אַ

פערטע טייל פון וואַרשע (317). אַן ענלעכן פאַרברעכן ווייסט נישט די געשיכטע פון נעראָנס צייטן אָן. היטלער, דער אונטערצינדער פון דער וועלט, האָט איבערגעשטיגן זיין פּראָטאָטיפּ פון רוים־אונטערצינדער, דעם דעגענערירטן צעזאַר (318).

די אַלגעמיינע צאָל פון געפאַנגענע יידן בעת די „אָפּעראַציעס פון גרויסן מאַסשטאַב" האָט באַטראָפן לויט די דייטשע אויסרעכענונגען 56.065. לויט דער אויפפאָדערונג פון קריגערן פון 21טן מאַי האָט סטראָאָפּ אין זיין צוגאָב־ראַפּאָרט פון 24טן מאַי אויפגעקלערט אַז די צאָל איז כולל 7.000 יידן דערמאָרדעטע בעת דער לאַנג־דויערנדיקער אַקציע און 6.929 ליקווידירטע יידן אין טרעבלינקע. חוץ דעם האָט די צאָל יידן וואָס זענען אומגעקומען אין די פלאַמען און אונטער די חורבות פון אויפגעריסענע בונקערס, געזאָלט באַטרעפן 5-6 טויזנט. אָט די ציפער איז נישט אריינגערעכנט געוואָרן אין דער אַלגעמיינער צאָל פון יידישע פאַרלוסטן (319).

אָט אַזאַ איז געוועזן דער בלוטיקער שניט פון איינער פון די גרעסטע פאַרברעכנס אין דער געשיכטע פון דער צווייטער וועלט-מלחמה.

# דער פינאַל

בעת דער גרויסער ליקווידאַציע-אַקציע האָבן די דייטשן פאַרניכטעט 613 בונקערס, דעראָבערט 7 פוילישע ביקסן, 1 רוסישע, 1 דייטשע, 59 רעוואָלווערן פון פאַרשידענעם קאַליבר, עטלעכע הונדערט האַנטגראַנאַטן, עטלעכע הונדערט צינד-פלעשער, אויפרייס־מאַטעריאַלן פון איינענער אויסאַרבעטונג, דינאַמיט־לאָדונגען, אַ גרויסע צאָל אַמוניציע פון אַלע קאַליבערן, און אויך אַמוניציע פאַר קוילן-וואַרפער (320).

„אַזאַ איז געווען דאָס געווער — האָט געזאָגט נישט אָן מיטגעפיל אויף דעם נירנבערגער־פּראָצעס דער אַמעריקאַנער הויפּט-פּראָקוראָר דזשעקסאָן — מיט דער הילף פון וועלכן די יידן פון וואַרשעווער געטאָ האָבן אין משך פון אַ חודש זיך אַנטקעגנגעשטעלט דעם פּאַנצער־געווער און דער קעמפעריש געשטימטער ס. ס.".

מען דאַרף זיך אָבער אָפּגעבן אַ דין־וחשבון דערפון, אַז געמענדיק אין באַטראַכט די געטאָ־מעגלעכקייטן, איז עס געווען אַן אימפּאָנירנדיקער אַרסענאַל, וואָס זאָגט גוט עדות וועגן דער ריזיקער ענערגיע און אָרגאַניזאַטאָרישער פעיקייט פון די אָנפירער פון אויפשטאַנד און דעם רוב פון דער יידישער באַפעלקערונג.

פאַרסך-הכלענדיק זיינע דעראָבערונגען האָט סטראָאָפּ נישט פאַרגעסן צו באַמערקן, אַז אין דער מערהייט פאַלן זענען זיי נישט געווען ביכולת אַרויסצוקריגן דאָס געווער, וואָס די יידן און יידישע אויפשטענדלער האָבן זייער גוט באַהאַלטן אין די בונקערס און לעכער. חוץ לזה איז די דייטשן געווען אוממעגלעך צו זוכן דאָס געווער צוליב דער וויר־

קונג פון די רויך-באָמבעס, וואָס זיי האָבן אריינגעוואָרפן אין די בונ-קערס.

די דייטשן האָבן אויך דעראָבערט אַזש 1240 דייטשע מונדירן, א טייל פון וועלכע האָט פאַרמאָגט מעדאַל-לענטעס, אייזערנע-קרייצן, ווי אויך אָסט-מעדאַלן, 600 פּאָר גענוצטע מיליטערישע הויזן, אויסשטאַ-טונג-טיילן, דייטשע שטאַל-קאַסקעס, און לסוף 108 פערד. ביז דעם טאָג פון 23טן מאַי האָבן די דייטשן באַוויזן איבערצוּיילן 4 מיליאָן 400 טויזנט זל., א באַדייטנדיקע צאָל אויסלענדישע וואַלוטע, אין דעם 14.300 פּאַפּיר דאָלאַרן און 9.200 גאָלד-דאָלאַרן, ווי אויך א גרויסן סכום חפצים (רינגען, קייטלעך, זייגערס א. דגל.) (321).

סטראָאָפּ האָט אויך באַטראַכט אַלס דעראָבערונג די מיליאָנען ציגל, שטיינער און אַנדערע מאַטעריאַלן, וואָס זענען געבליבן נאָכן פאַרניכטן דעם געטאָ, וואָס האָבן געזאָלט צוזאַמענגעקליבן ווערן דורך די אסורים פון דזיעלנע (די טורמע האָט באַדאַרפט אין הסכם מיטן פּלאַן פאַר-וואַנדלט ווערן אין א קאָנצענטראַציע-לאַגער).

דערפאַר האָט גענעראַל סטראָאָפּ די פאַרלוסטן פון די דייטשן, וואָס זענען געפאַלן „אין שוץ פון פירער און פאָטערלאַנד אין אויסראָטונג-קאַמף קעגן יידן און באַנדיטן” אין וואַרשעווער געטאָ, רעדוצירט ביז א לעכערלעך קליינער צאָל, רעדנדיק בלויז וועגן 15 טויטע דייטשן און 1 סערזשאַנט פון דער גראַנאַטער פּאָליציי און א קליינע צאָל פאַרוווּנדע-טע, צוו. אַנד. 80 ס. ס.-לייט, 12 געשטאַפּאָווצעס, 5 פּוילישע און דייט-שע פּאָליציאַנטן (322), אין דער ווירקלעכקייט איז לויט אַלע וואַר-שיינלעכקייטן געפאַלן 1000 - 1.200 דייטשן. (זע די הערה 10 פון דער דאָזיקער ארבעט).

ווי ס'איז צו זען זענען די דייטשן געוואָרן באַלעבאַטים פון געטאָ ערשט דעמאָלט, ווען עס איז שוין מער גאָרנישט געווען אויסער חור-בות און מתים. א קאָסטבאַרער און שענדלעכער נצחון איז עס געווען (323), אגב בלויז א טיילווייזער. די דייטשע פאַרברעכער נישט געקוקט אויף דער פאַרניכטונג פון געטאָ, וו ס'איז קיין שטיין אויף קיין שטיין

געבליבן — איז דאָך נישט געלונגען פאַרניכטן אַלע יידן. זיי האָבן גע־מוזט במילא ווייטער פירן די אַקציע.

דער קאָמאַנדיר פון פּאָליציי-באַטאַליאָן III-23 האָט באַקומען פון גענעראַל סטראָאָפּ גענויע אינסטרוקציעס וועגן די מיטלען, וואָס דאַרפן אָנגעווענדט ווערן אויפן „פאַרשאָלטענעם געביט" פון געטאָ. דער מאָרד־מייסטער האָט געלערנט זיין אונטעראָרדנטן, אַז מען דאַרף זייער אויפ־מערקזאַם אָפּהיטן דאָס געביט פון געטאָ, באַזונדערס זען נישט צו־צולאָזן קיינעם אויף דעם געביט און שיסן יעטוועדע פּערזאָן, וואָס וועט דאָרט אָנגעטראָפן ווערן.

דער קאָמאַנדיר פון פּאָליציי-באַטאַליאָן, וועלכער האָט איבערגענו־מען די אָנפירונג מיט דער ווייטערדיקער אַקציע, האָט דירעקט באַקו־מען באַפעלן פון ס. ס.-קאָמאַנדיר און פּאָליציי-פירער פון וואַרשעווער דיסטריקט. סטראָאָפּ האָט צום סוף פאַרזיכערט, אַז די פאַרבליבענע זיך אויסבאַהאַלטנדיקע יידן אין געטאָ וועלן פאַרלירן יעטוועדע מעגלעכ־קייט זיך איינצוהאַלטן ביים לעבן, ווייל ס'וועלן פאַרניכטעט ווערן די רעשט בונקערס און דער צופלוס פון וואַסער וועט אָפּגעשלאָסן ווערן.

הארט פאַרן פאַרענדיקן די ליקווידאַציע-אַקציע האָט דער וואַרשע־ווער גובערנאַטאָר פישער אין פאַרשטענדיקונג מיט גענ. סטראָאָפּ אַרויסגעלאָזט אַ פּראָקלאַמאַציע צו דער פּוילישער באַפעלקערונג אין וועלכער עס ווערט אָנגעגעבן אַלס סיבה פון פאַרניכטן דאָס געטאָ „מאָרדן וואָס זענען נישט לאַנג צוריק אויסגעפירט געוואָרן און די מאַסן-קברים, וועלכע זענען געפונען געוואָרן אין קאַטין", — מיט אַ ווענדונג נאָך הילף אין קאַמף קעגן קאָמוניסטן און יידן (324).

עס האָבן זיך נאָך אין משך פון גאַנצע חדשים געלאָזט הערן אין געטאָ געדיכטע שיסערייען און אויפרייסן. דאָס האָבן די לעצטע מאָהי־קאַנער פאַרטיידיקט די לעצטע יידישע פעסטונגען, די לעצטע בונקערס און באַהעלטענישן (325).

אַזוי איז פאַרענדיקט געוואָרן די טראַגישע און בלוטיקע עפּאָפּייע פון וואַרשעווער געטאָ.

דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, הגם פאַרויס אַ פאַר־

אורטיילטער אויף אַ מפּלה, האָט געהאַט אַ גרויסע מאָראַלישע און פּאָ־
ליטישע באַדייטונג. ער האָט געמלעך, שטאַרק אונטערגעבראָכן דעם
גלאַנץ פון דער דייטשער מעכטיקייט און מיט זיך פאָרגעשטעלט „די
גרעסטע מאָראַלישע מפּלה פון היטלערן אין משך פון דער מלחמה" (ש.
אַש), האָט צוגעגעבן מוט די אומקומענדיקע, האָט מאָביליזירט די גע־
זעלשאַפטלעכע מיינונג, האָט אַפּעלירט צום וועלט־געוויסן, וועלכן די
געטאָ־קעמפער האָבן אויפגעטרייסלט מיט זייער ווידערשטאַנד אין אַ ים
פון פייער, אין די חורבות פון יעדער הויז, אין יעדער בונקער, אין יע־
דער קעלער.

„מיר רופן צו דער גאַנצער וועלט — האָט געקלונגען די דעפּעשע,
וואָס איז אַרויסגעשיקט געוואָרן אויף אַן אונטערערדישן וועג דורך דער
פאָרשטייערשאַפט פון אַלע יידישע אָרגאַניזאַציעס אין לאַנד — זאָל
שוין איצט און נישט אין די נעפּלען פון צוקונפט — צושטאַנדקומען די
מעכטיקע נקמה — קעגן בלוטזייגערישן שונא. זאָלן אונדזערע נאָענטס־
טע פאַרבינדעטע זיך קלאָר מאַכן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער
פּאַסיווקייט אין אַנבליק פון באַגאַנגענעם פאַרברעכן לגבי דער שוצלאָ־
זער באַפעלקערונג. זאָל דער העלדישער ווידערשטאַנד פון די יידן אַ
שטוים טאָן די וועלט צו טאַט אין דער הינזיכט, וואָס זאָל אַנטשפּרעכן
דער גרוים פון מאָמענט" (326).

צום באַדויערן, די הילף איז נישט געקומען. אומזיסט האָט מען גע־
וואַרט אויף פאַרטיידיקונג.

אָנמעכטיק האָט געקוקט די וועלט אויף דער טראַגעדיע פון די פּוי־
לישע יידן. ערשט דער זעלבסטמאָרד פון פאַרדינסטפולן יידישן סאָציאַ־
ליסט שמואל זיגעלבוים (דעם 13טן מאַי 1943), דעם טוער פון „בונד"
און מיטגליד פון נאַציאָנאַל־ראַט (אין לאָנדאָן), האָט אַרויסגערופן אַ גע־
ליסט שמואל זיגעלבוים (דעם 13טן מאַי 1943), דעם טוער פון „בונד"
שטאַרקט די פאַראינטערעסירונג מיט דעם יידישן פּראָבלעם אין פּוילן
(327).

איין ציל האָט דער געטאָ־אויפשטאַנד פולשטענדיק דערגרייכט. ער
האָט געראַטעוועט דעם כבוד און שטאָלץ פון דער יידישער באַפעלקע־

רונג אין פוילן, וועמענס ליידן האָט קיין גלייכן נישט געהאַט אין דער צייט פון דער מלחמה.

„די יידישע זעלבסטשוץ — האָט געשריבן דער קאָמענדאַנט אַניע־לעוויטש צו זיין פּאַרטרעטער אויף דער אַרישער זייט — איז געוואָרן אַ פאַקט. דער יידישער באַוואָפנטער ווידערשטאַנד און נקמה איז מקוים געוואָרן. איך בין געווען אַן עדות פון פּרעכטיקן העלדישן קאַמף מצד די יידישע קעמפער".

דער יידישער אויפשטאַנד האָט געהאַט אַ שטאַרקע מאָראַלישע השפּעה אויפן לאַנד. די ידיעה וועגן אויפשטאַנד האָט דערגרייכט צו אַלע עקזיסטירנדיקע נאָך סביבות אין די געטאָס און לאַגערן, און גע־ווירקט אויף דער מאָראַלישער האַלטונג פון דער ביים לעבן־געבליבענער יידישער באַפעלקערונג.

גלייך נאָך דעם וואַרשעווער געטאָ הייבן זיך אויף צו אַ העלדישן קאַמף די געטאָס אין ביאַליסטאָק, טשענסטאָכאָוו, בענדזין; עס ברעכן אויס בונטן פון די אסורים אין טרעבלינקע און סאָביבאָר.

דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ איז נאָכער געוואָרן דער אָנהויב פון די העלדישע קאַמפן פון די יידישע פּאַרטיזאַנער אין פאַר־שידענע ווינקעלעך פון לאַנד און האָט אָפּגעקלונגען מיט אַ שטאַרקן עכאָ אין די רייען פון די פּוילישע באַוואָפנטע קרעפטן אויף די געביטן פון פ. ס. ס. ר. (328), ווי אויך צווישן די אַרבעטער־מאַסן פון פּאַריז (329).

דער אַפּריל־אויפשטאַנד, די ערשטע יידישע מרידה זינט דעם אויפ־שטאַנד פון בר־כוכבא, וועט אריין לדורות אין דער יידישער געשיכטע ווי אַ מקור פאַר שטאָלץ, קרבנות־גרייטקייט און אַנטשלאָסנקייט.

און „אַמאָל — רעדנדיק מיט די ווערטער פון אַ פּאָעט — אין דער וועלט, וואָס וועט זיין באַשטראַלט דורך אידעאַלן פון סאָציאַלער איינ־הייט און ברידערלעכקייט, ווען קיין שום מענטש וועט דעם צווייטן נישט פרעגן וועגן „ראַסע", נאָר זיין ערנטלעכקייט און אָנטייל אין קאָלעקטיוון, געזעלשאַפטלעכן אַרבעט־אָנשטרענג, וועלן מיר דערמאָנען די פּאַרטיידיקער פון געטאָ, ווי „שטייגער געוואָרפענע אויף דעם שויץ־גרוב, ווי פאַרצווייפלטע העלדן, וואָס זענען אומגעקומען אין שויץ פון מענטשן־ווירדע, פאַר אַ הייליקער זאַך" (בראָניעווסקי), (330).

# הערות

1) פארגלייך לוטשעק: „צום צווייטן יארטאג פון אויפשטאנד פון ווארשעווער יידן". „וואלנא פאלסקא" 1945, נומ. 14; ב. דודזינסקי: „דאס געטא קעמפט", „ראבאטניק" 1946. נומ. 19.

2) „דער אויפשטאנד אין ווארשעווער געטא" דאקומענטן-זאמלונג, ווארשע 1945, זייט 21.

3) דארט זייט 5.

4) מארעק עדעלמאן: „דאס געטא קעמפט" ווארשע 1945, זייט 65.

5) רעדע פון דעפוטאט אין נאציאנאלן לאנד־ראט ד"ר א. בערמאן: „דער אויפשטאנד אין ווארשעווער געטא", זייט 44.

6) מארעק ביטער: „העלדישקייט", „דאס נייע לעבן" 1946, נר. 12.

7) פארגלייך סט. ר. דאבראוואלסקי: „די טערמאפאלישע פעלזן פון ווארשע". „פאלסקא זבראינא" 1945, נר. 72.

8) יצחק צוקערמאן („אנטעק"): „די צוגרייטונגען צום אויפשטאנד און דער פארלויף פון די קאמפן", „דאס נייע לעבן" 1945, נר. 2.

9) „נאווי דזיען" פון 23טן אפריל 1943.

10) „נאווי דזיען" פון 21טן אפריל 1943 האט געמאלדן, אז די דייטשן האבן פארלוירן 6 טאנקן און אריבער 600 דערהרגעטע און פארוואונדעטע. פארגלייך מגר. וואסער: „עפאפייע פון העלדישקייט" (אין מאנוסקריפט) — עדעלמאן בארעכנט די דייטשע פארלוסטן אויף 1000 מאן. ל. ק.: „ווי אזוי מיר האבן געקעמפט אין ווארשעווער געטא" (דערציילונג פון איינעם פון די אויפשטאנד־אנפירער) „ראבאטניק" 1945, נר. 25, אויך דער רעגירונגס-דעלעגאט בארעכנט די

דייטשע פארלוסטן אויף 1.000 - 1.200 מאן און די יידישע פאר־לוסטן אויף 3 - 5 טויזנט. שלמה מענדעלסאָן: „דער ווידערשטאַנד אין ווארשעווער געטאָ" ייווא בלעטער באַנד 23, נר. 1.

11) אלגעמיינער ראפארט פון סטראָאפּן פון 16טן מאי 1943.

12) „ראבאטניק" 1946 נר. 19.

13) זע ראפארט פון סטראָאפּן.

14) צביה לובעטקין: „מיידלעך אין קאמף", „נאָווע סלאָווע" 1946.

15) סטראָאפּס ראפּאָרט.

16) „אויף די אויגן פון דער וועלט".

17) רעדע פון דעפּוטאט ד"ר א. בערמאַן אויף דער אקאדעמיע פון 22טן אפּריל 1945 („דער אויפשטאנד אין ווארשעווער געטאָ").

18) פארגלייכן די דאָקומענטן און מאטעריאלן צו דער געשיכטע פון די יידן אין דער אָקופּאציע־צייט, באַנד 2: „אקציעס און אויסזיד־לונגען".

19) פארגלייכן דעם ארטיקל פאר „איינקייט", וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן דורך דעם מגר. וואסער אין צוזאמענהאנג מיטן דריטן יאָרטאָג פון אויסברוך פון אויפשטאנד אין ווארשעווער געטאָ. (מאשין־דרוק).

20) פארגלייכן ב. מארק „אין דריטן יאָרטאָג פון געטאָ אויפשטאנד", „גלאָס לודו" 1946, נר. 107.

21) ד"ר א. בערמאן: „דער קאמף פון יידישן אונטערערד". „גאזעטא לובעלסקא" 1945, נר. 13 פארגלייכן ר. אויערבאך: „ד"ר ע. רינ־געלבלום", „דאָס נייע לעבן" 1946, נר. 11.

22) זע רעדע פון ד"ר א. בערמאן.

23) די שעפער פון אנטיפאשיסטישן בלאָק: יוסף פינקעלשטיין־לעוואר־טאָווסקי, אנדריי שמידט, ד"ר א. בערמאן. יצחק צוקערמאן, מרדכי אניעלעוויטש, פישעלזאָן, צביה לובעטקין, יוסף קאפלאן, פאלא עלסטער, שמואל ברעסלאוו.

24) באריכט פון זש. א. ב.־שטאב וועגן אויפשטאנד אין ווארשעווער געטאָ, מ. ניישטאדט: „דער אומקום און אויפשטאנד פון ווארשע־ווער יידן" א בוך פון גבית־עדות און דערינערונגען", תל-אביב

1946. פארגלייכן „נאשע סלאָוואָ" 1946, איינמאָליקע אויסגאַבע ווי אויך צוקערמאַן.

25) עדעלמאַן, דאָרט, זייט 31.

26) שוין אויף דער באַראַטונג וואָס איז פאָרגעקומען לויט דער איני־ציאַטיוו פון „החלוץ" אין העלפט מערץ 1942 י. מיט די פאָר־שטייער פון פאָליטישע אָרגאַניזאַציעס איז פאָרגעלייגט געוואָרן דורך די איניציאַטאָרן פון דער באַראַטונג („החלוץ") שאַפן אַ יידישע קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע אויף דער „אַרישער זייט", ווע־מענס אויפגאַבע וועט זיין דאָס איינשאַפן געווער און שאַפן אין געטאָ אַ געווער-פאַבריק. די באַראַטונג האָט קיין פּאָזיטיווע רע־זולטאַטן נישט געגעבן.

27) זע באַריכט.

28) „ווי אזוי די פּוילישע קאָנספּיראַציע האָט אַלאַרמירט די וועלט". די טעטיקייט פון „זשעגאָטאַ" אין ליכט פון (זאַקשעווסקים) ראַ־פּאָרט, „גלאָס לודו" 1946. נר. 107.

29) זע רעדע ד"ר א. בערמאַן.

30) ל. ק.: „ווי אזוי מיר האָבן געקעמפט אין ווארשעווער געטאָ", „ראָ־באָטניק" 1945, נר. 25.

31) זע דעם באַריכט פון זש. אָ. ב.-שטאַב

32) פאַרגלייכן ב. מאַרק: „אין יאָרטאָג פון ווארשעווער געטאָ-אויפ־שטאַנד", „טריבונאַ וואָלנאָשטשי" 1946, נר. 92.

33) זע מאַג. וואַסער.

34) געג. סטראָאָפּ גיט אָן אין אַלגעמיינעם ראַפּאָרט, אז במשך פון דער אַקציע פון 22טן יולי — 3טן אָקטאָבער זיינען אַרויסגעשיקט גע־וואָרן 310.322 יידן. לויט אַנדערע דאַטן, וואָס שטיצן זיך אויך אויף דייטשע מקורים זענען אין משך פון דער אַקציע אַרויסגע־שיקט געוואָרן 254.374 יידן, אין די אַרבעטס-לאַגערן זענען אַרויס־געשיקט געוואָרן 11.580 פּערזאָן; דערהרגעט זענען געוואָרן אין יולי — 698 מאָן, אין אויגוסט — 2.305, אין סעפּטעמבער — 3.158 (באַריכט פון אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע וועגן אויפ־שטאַנד אין ווארשעווער געטאָ, יוני 1943).

35) רעדע פון ד"ר א. בערמאַן.

36) אין פּרעזידיום פון יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט זענען אריינגעגאַנגען: יצחק צוקערמאַן, מנחם קירשנבוים און יוחנן מאָרגענשטערן. באריכט פון זש. אָ. ב.־שטאַב.

37) אין דער פּאַרוואַלטונג פון „קאָמיטעט" זענען אריין: צוקערמאַן, קירשנבוים און אבראשא בלום. דער יידישער קאָאָרדיניר־קאָמיטעט האָט אויסגעוויילט אַ פּראָפּאַגאַנדע־קאָמיטעט (בלום, צוקערמאַן, פיינקינד) אַ קאָמיטעט פאַר פינאַנץ־פראַגן, אַן אַפּראָוויזאַציע־קאָמיטעט, בירגער קאָמיטעט (ל. בלאָך, כאַלאָדענקאָ, גיטערמאַן, גורזשיק, מ. קאָן, לאַנדאו און סאַק) האָט גענומען אויף זיך די זאָרג פון שאַפן געלט־מיטלען אויף באַוואָפנונג און בויונג פון באַהעלטענישן און בונקערס. אין ארישן ראַיאָן האָט געאַרבעט ד"ר בערמאַן אַלס פאָרשטייער פון יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט, און אַלס פאָרשטייער פון זש. אָ. ב. — אריה ווילנער (יורעק). זע באריכט און עדעלמאַן זייט 44.

38) מאַג. וואַסער.

39) רעדע פון ד"ר א. בערמאַן, זייט 45.

40) אניעלעוויטש איז געווען איינער פון די בעסטע שילער פון דער גימנאַזיע „לאור". אין דער קאָנספּיראַציע־צייט איז ער געווען מיטגליד פון דער „החלוץ"־צענטראַלע; — נאָך דעם ווי ס'איז דערמאָרדעט געוואָרן יוסף קאַפּלאַן — איז ער געווען פאַרוואַלטער פון פאַרלאַג פון דעם „השומר הצעיר"־בלאַט „נגד הזרם". ער העלפט אָרגאַניזירן זעלבסטשוץ־קעמערלעך אין שלעזיע, נאָכן אומקערן זיך קיין וואַרשע אין די טעג פון דער גרויסער אַקציע שטעלט ער זיך בראש פון דער „השומר הצעיר"־באַוועגונג, ווערנדיק אוועקגעשטעלט אויפן פּאָסטן פון זש. אָ. ב.-קאָמענדאַנט גיט זיך אניעלעוויטש פולשטענדיק אָפּ דער אידעע פון אַנטשיידענעם קאַמף מיט די דייטשע וואַנדאַלן און שטרייבט ביי יעדער געלעגנהייט אונטער די וויכטיקייט פון באַקומען געווער. „מ. אניעלעוויטש, דער קאָמענדאַנט פון דעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ". „נאַשע סלאָוואָ" 1946 י.).

41) באריכט פון זש. אָ. ב.־שטאַב.

42) זע ל. ק.: „ווי אַזוי מיר האָבן געקעמפט אין וואַרשעווער געטאָ".

43) „דער אויפשטאנד אין ווארשעווער געטאָ", זייט 5.
44) מ. עדעלמאַן, זייט 44.
45) באריכט פון זש. אָ. ב.-שטאַב.
46) ה. וואסער: „זעלנער אָן געווער".
47) עדעלמאַן, זייט 44.
48) ה. וואסער.
49) עדעלמאַן, זע זייט 45-46.
50) „דער אויפרוף פון קאָמענדאנט פון אויפשטאנד אין ביאַליסטאָקער געטאָ מ. טאמאראָף. (מ. טענענבוים „צו דער אָנפירונג פון ציוויל-קאַמף פון ביאַליסטאָקער קרייז"), „נאַשע סלאָוואָ" 1946.
51) „ווי אזוי די פוילישע קאָנספיראציע האָט אַלאַרמירט די וועלט".
52) עדעלמאַן, זייט 45 - 46.
53) באריכט פון זש. אָ. ב.-שטאַב.
54) ל. ק.: „ווי אזוי מיר האָבן געקעמפט אין ווארשעווער געטאָ".
55) באריכט פון זש. אָ. ב.-שטאַב.
56) זע שלענגעל: „וואָס איך האָב געלייענט די טויטע..."‚ „דאָקומענטן און מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון די יידן אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע" באנד 2.
57) טוביה (באָזשיקאָווסקי) „די ערשטע" (קעמפער). „אונדזער וואָרט" 1946. נר. 1. זע „נאַשאַ וואַלקאַ" איינמאַליקע אויסגאַבע, אָרגאַן פון פאַרבאנד פון יידישע דעמאָביליזירטע זעלנער און פּארטיזאַנער אין פּוילן פון 1טן מערץ 1946 זייט 3-4 ווי אויך שלענגעל.
58) טוביה.
59) שלענגעל.
60) עדעלמאַן, זייט 47.
61) טוביה: „די ערשטע" (קעמפער).
62) עדעלמאַן, זייט 47.
63) באריכט פון זש. אָ. ב.-שטאַב.
64) אַלגעמיינער ראפּאָרט פון סטראָאָפּ דעם 16טן מאי 1943 י.
65) באריכט פון זש. אָ. ב.-שטאַב.
66) שטשעסני דאָבראָוואָלסקי: „די פארטיידיקונג פון ווארשעווער געטאָ", „טריבונאַ וואָלנאַשטשי" 1945. נר. 4.

67) ערעלמאַן. זייט 48.
68) שלענגעל.
69) וול. מילטשארעק: „בלעטלעך פון העלדנמוט". „זשעטשפּאָספּאָלי-טא" 1946, נר. 6.
70) דאָס ציטיר איך פון דער סטודיע פון ש. מענדעלסאָן, זייט 24.
71) מענדעלסאָן. זייט 23.
72) אלס קאָמאַנדירן זענען באַשטימט געוואָרן פון „דרור": בנימין וואלד, זכריה ארטשטיין, הענעך גוטמאַן, יצחק בלווישטיין, בערל ברוידאָ; פון „השומר הצעיר": מרדכי גרובאַס (מערדעק), דוד נאָוואָדוואָרסקי, שלמה ווינאָגראַד, יוסף פאַרבער; פון פּ. פּ. ר.: הענריק קאַווע, הענריק זילבערבערג, יורעק גרינשפּאַן, פאַוועל; פון בונד: וועלוול ראָזאָווסקי, לוי גרוזאַלץ, יורעק בלוינעס, דוד האָכבערג; פון „גורדוניה": יעקב פייגנבלאַט; פון „עקיבא": לוטעק ראָטבלאַט; פון הנוער הציוני: ל. פּראַשקער; פון פּועלי־ציון (לינקע) — הערמאַן בערלינסקי; און פון פּועלי ציון (פאַראייניקט מיט צ. ס.) מגר. מאיר מאיעראָוויטש. באַריכט פון זש. אָ. ב.-שטאַב.
73) זע ה. וואַסער, פאַרגלייכן י. ליימאַן „דערינערונגען וועגן די צו-גרייטונגען פון די „ווילדע" גרופּן צום קאַמף". „דאָס נייע לעבן" 1946, נר. 12.
74) לעהמאַן.
75) די רייען פון זש. אָ. ב. האָבן געציילט אין אַפּריל חודש ביי 3.000 אָרגאַניזירטע און באַוואָפנטע קעמפער („אויף די אויגן פון דער וועלט"). וו. באַרטאָשעווסקי („לודוויק"), (באַרט.: „די גרויסע וואָך אין פלאַמען פון שריפות", „גאַזעטאַ לודאָוואַ" 1946, נר. 109), באַרעכנט די כוחות פון קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אין מאָמענט פון אויסברוך פון אויפשטאַנד אויף 2.000 מאַן.
76) עדעלמאַן, זייט 73.
77) באַריכט פון זש. אָ. ב.־שטאַב.
78) ה. וואַסער: „זעלנער אָן געווער".
79) באַריכט פון זש. אָ. ב.-שטאַב.
80) יאַנוש סטענפּאָווסקי: „נישט אָנגערופענע טעג". „דאָבאָטניק" 1945, נר. 95.
81) באַריכט פון זש. אָ. ב.־שטאַב. פאַרגלייכן עדעלמאַן, זייט 49.

82) באריכט פון זש. א. ב.-שטאב.
83) פארגלייכן ביי ערעלמאנען.
84) עדעלמאן זייט 50.
85) י. ליימאן: „דער שווארצער שבת" (13טן מערץ 1943), „דאס נייע לעבן" 1946 נר. 10.
86) באריכט פון זש. א. ב.-שטאב, פארגלייכן עדעלמאן, זייט 49.
87) באריכט פון זש. א. ב.:שטאב פארגלייכן „בעלזשעץ" קראקע 1946 (אריינפיר פון ד"ר נ. ראסטאווא) זייט 14-15.
88) באריכט.
89) עדעלמאן. זייט 50.
90) ה. וואסער.
91) באריכט, פארגלייכן צוקערמאן.
92) עדעלמאן, זייט 51. פארגלייכן „אונדזערע העלדן", „זא נאשאן אי וואשאן וואלנאשטש" 1946, איינמאליקע אויסגאבע.
93) באריכט פון זש. א. ב.-שטאב. פארגלייכן עדעלמאן זייט 51.
94) באריכט.
95) ה. וואסער.
96) ה. וואסער: „זעלנער און געווער".
97) עדעלמאן זייט 51-52.
98) עדעלמאן, זייט 52.
99) „אויף די אויגן פון דער וועלט".
100) אלגעמיינער ראפארט פון סטראאפן.
101) „טריבונא וואלנאשטשי" 1943, נר. 31.
102) הענריק נאוואגראדזקי: „דריי טעג אויפן אומשלאג-פלאץ" דאקו-מענטן און מאטעריאלן צו דער געשיכטע פון די יידן אונטער דער דייטשער אקופאציע. באנד 2.
103) לעאן נייבערג („מאריאן"): א פראגמענט פון טאג-בוך א. נ. „חורבהניקעס". „דאקומענטן און מאטעריאלן".
104) „זיי האבן געקעמפט" (גבית-עדות פון עדעלמאנען) 1946 נר. 109.
105) ה. וואסער.
106) באריכט פון זש. א. ב.-שטאב.
107) נייבערג.

108) ב. בארג: „עפיזאָד פון וואַרשעווער געטאָ-אויפשטאַנד”. „דאָס נייע לעבן” 1945, נר. 4.
109) באַריכט פון זש. אָ. ב.-שטאַב.
110) נאָוואָגראָדזקי.
111) „אויף די אויגן פון דער וועלט”.
112) סטראָאָפּס ראַפּאָרט פון 3טן מאי 1943.
113) אַלגעמיינער ראַפּאָרט פון סטראָאָפּן, פאַרגלייכן „זיי האָבן געקעמפט”.
114) אַלגעמיינער ראַפּאָרט פון סטראָאָפּן.
115) נייבערג.
116) עדעלמאַן, זייט 53.
117) סטראָאָפּס ראַפּאָרט פון 19טן אַפּריל 1943.
118) באַריכט פון זש. אָ. ב.-שטאַב.
119) אַלגעמיינער ראַפּאָרט פון סטראָאָפּן.
120) (דאָרט).
121) סטראָאָפּס ראַפּאָרט פון 19טן אַפּריל.
122) באַריכט פון זש. אָ. ב.-שטאַב.
123) סטראָאָפּס ראַפּאָרט פון 19טן אַפּריל, פאַרגלייכן מיטן אַלגעמיינעם ראַפּאָרט.
124) אַדאָלף רודניצקי: „וויעלקאַנאָץ”, „גלאָס ראָבאָטניטשי” 1946, נר. 109.
125) באַריכט פון זש. אָ. ב.-שטאַב — שמחה ראַטהייזער („קאַזשיק”), („קאַמפּס-ראַפּאָרט”. „דאָס נייע לעבן” 1945, נר. 2), רעדט וועגן דער טעטיקייט פון דער אַרטילעריע פון מוראַנאָווער פּלאַץ. סטעפּאַנאָווסקי גיט אָן, אַז אויפן דאַך נאָוויניאַרסקע האָבן די דייטשן געשאָסן פון אַ באַטעריע אַרטילעריע.
126) „געדענק דאָס וואַרשעווער געטאָ”. באַריכט פון דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע 1943. פאַרגלייכן מיטן ראַפּאָרט פון רעגירונגס-דעלעגאַט (מענדעלסאָן, זייט 28).
127) באַריכט פון זש. אָ. ב.-שטאַב.
128) סטראָאָפּס ראַפּאָרט פון 19טן אַפּריל. פאַרגלייכן מיטן אַלגעמיינעם ראַפּאָרט.

129) עדעלמאן, זייט 54־55, פארגלייכן נייבערג.

130) עדעלמאן, זייט 55.

131) נייבערג (דאָרט) פארגלייכן נאָוואָגראָדזקי.

132) אַלגעמיינער ראַפּאָרט פון סטראָאָפּ.

133) עדעלמאן, פארגלייכן סטראָאָפּס ראַפּאָרט פון 19טן אַפּריל, וואָס מעלדעט, אַז 17 אַזייגער מיט 30 מינוט האָט ער אָנגעטראָפן אויף אַ זייער שטאַרקן ווידערשטאַנד פון אַ הייזער־בלאָק; דער ספּעציעלער דייטשער גרופּע איז נישט געלונגען צו כאַפּן די אויפשטענדלער, וועלכע האָבן זיך איבערגעטראָגן פון באַזע צו באַזע.

134) באָרג.

135) עדעלמאן.

136) באריכט פון זש. אָ. ב.־שטאַב.

137) סטראָאָפּס באריכט פון 19טן אַפּריל.

138) נאָוואָגראָדזקי.

139) דאָרט.

140) סטראָאָפּס ראַפּאָרט פון 20טן אַפּריל.

141) באריכט פון זש. אָ. ב.־שטאַב. פארגלייכן עדעלמאן זייט 55.

142) ראטהייזער.

143) באריכט פון זש. אָ. ב.־שטאַב. פארגלייכן עדעלמאן.

144) סטראָאָפּס באריכט פון 20טן אַפּריל.

145) ראטהייזער.

146) נייבערג.

147) סטראָאָפּס ראַפּאָרט פון 20טן אַפּריל. פארגלייכן באריכט פון זש. אָ. ב.־שטאַב, עדעלמאן, זייט 56.

148) „אויף די אויגן פון דער וועלט".

149) עדעלמאן, (דאָרט) זייט 56־57. פארגלייכן צוקערמאן.

150) סטראָאָפּס ראַפּאָרט פון 20טן אַפּריל.

151) „אונדזערע העלדן".

152) באריכט פון זש. אָ. ב.־שטאַב. דער רעגירונגס־דעלעגאַט שטרייכט אונטער אין זיין ראַפּאָרט, אַז צוליב די מפּלות וואָס די דייטשן האָבן געליטן אין די ערשטע צוויי טעג פון די קאַמפן, האָבן זיי דעם 21טן אַפּריל אָנגעהויבן באַקעמפן מיט פייער די באַזונדערע

ווידערשטאנדס־פונקטן (באַנוצנדיק זיך מיט צינד־באָמבעס, עראָפּלאַנען, פייער־וואַרפער) מענדעלסאָן, זייט 28.

153) סטראָאָפּס באַריכט פון 20טן אַפּריל.

154) גייבערג.

155) סטראָאָפּס ראַפּאָרט.

156) סטראָאָפּס ראַפּאָרט פון 21טן אַפּריל 1943.

157) אַלגעמיינער ראַפּאָרט פון סטראָאָפּן.

158) ערעלמאַן זייט 57־58. פאַרגלייכן „זיי האָבן געקעמפט".

159) סטראָאָפּס ראַפּאָרט פון 21טן אַפּריל.

160) סטראָאָפּס ראַפּאָרט פון 22טן אַפּריל 1943.

161) „אויף די אויגן פון דער וועלט".

162) סטראָאָפּס ראַפּאָרט.

163) ערעלמאַן, זייט 60.

164) סטראָאָפּס ראַפּאָרט.

165) רחל אויערבאַך: „פּסח 1943", „דאָס נייע לעבן" 1946, נר. 12.

166) אויערבאַך.

167) פּרעסע אויסצוגן אויפן סמך פון די דערינערונגען פון רודניצקין א. ק. „די מאַרטירָאָלאָגיע געשיכטע און דאָס אומברענגען פון וואַר־שעווער געטאָ". פאַרגלייכן מענדעלסאָן, זייט 35־37.

168) וו. ר. נ. נר. 9 (115).

169) דאָבראָוואָלסקי, פאַרגלייכן י. ליס־בלאָנסקאַ „אַזוי איז עס גע־ווען" („בילאַ טאַ טאַק") נאָווא עפּאָקאַ" 1946, נר. 13־14.

170) רודניצקי.

171) סטענפאָווסקי.

172) רודניצקי, יעזשי אַנדזשעיעווסקי: „נאָץ" (נאַכט) וואַרשע 1945.

173) ערעלמאַן, זייט 59.

174) סטענפאָווסקי.

175) ס. פּאָליאַק: „רויכן איבער דער שטאָט" („דימי נאַד מיאַסטעם") „גלאָס לודו" 1945, נר. 97.

176) סטענפאָווסקי.

177) „אויף די אויגן פון דער וועלט".

178) רודניצקי.

179) „אויף די אויגן פון דער וועלט".
180) אויערבאך: „אויף די אויגן פון דער וועלט".
181) אויערבאך.
182) מיעטשיסלאוו יאסטרון: „די מאכט פון פינצטערקייט", „אדראדזעניע" 1945, נר. 29.
183) יאסטרון.
184) יאסטרון.
185) די רעדע פון ד"ר א. בערמאן.
186) דאבראוואלסקי.
187) מאיאר סט. גיענאלטאווסקי: „צו הילף דעם קעמפנדיקן געטא", „פאלסקא זבראינא" 1946, נר. 94. פארגלייכן „די פאלקס־גווארדיע האט אקטיוו געהאלפן די העלדישע קעמפער פון וואר־שעווער געטא", „גלאס לודו" 1946, נר. 108 און „דער בייטראג פון דער פאלקס-גווארדיע און פאלקס־ארמיי", „גלאס לודו" 1946, נר. 107.
188) ב. מארק: „אין דריטן יארטאג פון אויפשטאנד אין געטא". „גלאס לודו" 1946, נר. 108.
189) עדעלמאן, זייט 62.
190) באריכט פון זש. א. ב.-שטאב.
191) „אויף די אויגן פון דער וועלט".
192) „דער אויפשטאנד איןווארשעווער געטא", זייט 8.
193) פארגלייכן „ווי אזוי די פוילישע קאנספיראציע האט אלארמירט די וועלט".
194) „אויף די אויגן פון דער וועלט".
195) בארטאשעווסקי.
196) אן אינפארמאציע וואס איך האב באקומען ביי רחל אויערבאך.
197) מענדעלסאן, זייט 28.
198) „ווי אזוי די פוילישע קאנספיראציע האט אלארמירט די וועלט".
199) „דער אויפשטאנד אין ווארשעווער געטא", זייט 8.
200) סטראאפס ראפארט פון 23טן אפריל.
201) סטראאפס ראפארט. פון אנדערע מקורים איז אונדז באוווסט, אז

אין דעם טאָג זענען אונטערגעצונדן געוואָרן די הייזער אויף ניזקע („אויף די אויגן פון דער וועלט").

202) סטראָאָפּס ראַפּאָרט, פאַרגלייכן „אויף די אויגן פון דער וועלט".

203) סטראָאָפּס ראַפּאָרט.

204) „אויף די אויגן פון דער וועלט".

205) דאָרט.

206) עדעלמאַן, זייט 61.

207) סטראָאָפּס ראַפּאָרט פון 23טן אַפּריל.

208) „אויף די אויגן פון דער וועלט".

209) סטראָאָפּס ראַפּאָרט פון 24טן אַפּריל.

210) באַריכט פון זש. אָ. ב.־שטאַב. פאַרגלייכן צוקערמאַן.

211) טוביה באָזשיקאָווסקי: „אין פייער און אין בלוט". (דערינערונגען פון אַן אָנטייל נעמער אין די קאַמפן פון וואַרשעווער געטאָ), „נאָווע סלאָוואָ", 1946.

212) סטראָאָפּס ראַפּאָרט. פאַרגלייכן עדעלמאַן, זייט 59.

213) עדעלמאַן, דאָרט.

214) באַריכט, פאַרגלייכן צוקערמאַן.

215) עדעלמאַן, זייט 60.

216) סטראָאָפּס אַלגעמיינער ראַפּאָרט.

217) באַריכט, פאַרגלייכן רודניצקי.

218) סטראָאָפּס ראַפּאָרט. די דייטשן האָבן אין דעם טאָג אויך פאַרנו־מען אַ געוויסע סומע געלט, איבערהויפּט דאָלאַרן, וועלכע זענען אין מאָמענט פון שרייבן דעם ראַפּאָרט נאָך נישט איבערגעציילט געוואָרן.

219) זע באָזשיקאָווסקי.

220) סטראָאָפּס ראַפּאָרט פון 25טן אַפּריל. דער דייטשער גענעראַל האָט נישט פאַרזאַמט מיטצוטיילן וועגן דעראָבערן פון אַ באַדייטנדי־קער סומע געלט, ווי אויך גאָלד־מטבעות און קאָסטבאַרע חפצים.

221) די אַלגעמיינע פאַרלוסטן פון די דייטשן האָבן לויט סטראָאָפּן באַ־טראָפן ביז דעם 25טן אַפּריל איינשליסלעך 5 געהרגעטע, אין דעם צוויי ס. ס.־לייט, צוויי פון ווערמאַכט, איינער פון באַטאַליאָן „טראַווניק" און 50 פאַרוווּנדעטע (אין דעם 27 ס. ס.-לייט, 9

פּאָליציאַנטן, 4 פון זיכערהייטס־פּאָליציי, איינער פון ווערמאַכט, 9 פון באַטאַליאָן טראַווניק).

222) סטראָאָפּס ראַפּאָרט.

223) סטראָאָפּס ראַפּאָרט פון 26טן אַפּריל.

224) באַריכט פון זש. אָ. ב.־שטאַב. פאַרגלייכן צוקערמאַן.

225) סטראָאָפּס ראַפּאָרט.

226) באַריכט, פאַרגלייכן צוקערמאַן.

227) סטראָאָפּס ראַפּאָרט.

228) אין ראַפּאָרט פון דעם טאָג (27טער אַפּריל) זענען אָנגעגעבן גע־נוי די דייטשע קרעפטן, וואָס האָבן אָנטייל גענומען ביים היטן די געטאָ־גרענעצן און אין די אָפּעראַציעס. די גרענעץ־וואַך פון 7 ביז 7 אין אָוונט: 228 דייטשע פּאָליציאַנטן, 200 פון באַטאַליאָן טראַווניק, 140 פון דער „גראַנאַטער"־פּאָליציי, און פון 7 אָוונט ביז 7 אינדערפרי — 288 דייטשע פּאָליציי, 250 ס. ס.־לייט, 140 „גראַנאַטע" פּאָליציי. אין די אָפּעראַציעס האָבן אָנטייל גע־נומען: 118 דייטשע פּאָליציאַנטן (אין דעם דריי אָפיצירן), 404 ס. ס.־לייט (4 אָפיצירן), זיבן סאַפּערן (1 אָפיציר), 32 פון זי־כערהייטס־פּאָליציי (2 אָפיצירן), 23 פון אינזשעניערן־אָפּטייל (אין דעם צוויי אָפיצירן).

229) „דאָס געפינען זיך אין די קאַנאַלן — שרייבט בוכשטעבלעך סטראָאָפּ — האָט אויך אויפגעהערט זיין אַנגענעם נאָך דער ער־שטער וואָך. די ס. ס. פּאָליציי און סאַפּערן פלעגן מוטיק אריינ־גיין אין די קאַנאַלן בכדי אַרויסצושלעפּן פון דאָרט די יידן, גאַנץ אָפט שוין טויטע אָדער דערשאָסענע". אַלגעמיינער ראַפּאָרט.

230) באָזשיקאָווסקי.

231) סטראָאָפּס ראַפּאָרט פון 27טן אַפּריל.

232) סטראָאָפּס ראַפּאָרט פון 28טן אַפּריל. די אַלגעמיינע צאָל יידן, וואָס זענען געכאַפּט געוואָרן בעת דער ליקווידאַציע־אַקציע האָט באַדאַרפט לויט די דייטשישע באַריכטן באַטרעפן ביז דעם 28טן אַפּריל איינשליסלעך 33.401 פּערזאָן.

233) סטראָאָפּס ראַפּאָרט.

234) ראַפּאָרט פון 29טן אַפּריל. די אַלגעמיינע פאַרלוסטן פון די יידן

האָבן לויט סטראָאָפּס אויסרעכענונגען באַטראָפן ביז דעם 29טן אַפּריל איינשליסלעך 35.760.

235) סטראָאָפּס ראַפּאָרט.

236) סטראָאָפּס ראַפּאָרט פון 30טן אַפּריל. אין דעם טאָג זענען באַנוצט געוואָרן אין דער אָפּעראַציע: 138 דייטשע פּאָליציאַנטן (אין דעם 5 אָפיצירן), 39 זיכערהייטס-פּאָליציאַנטן (3 אָפיצירן), ס. ס.-לייט 438 (6 אָפיצירן), סאַפּערן 44 (2 אָפיצירן), און דער שטאַב 10 מאַן (3 אָפיצירן). די גרענעץ-וואַך איז באַשטאַנען פון: 321 ס. ס.-לייט (אין דעם 3 אָפיצירן), דייטשע פּאָליציי 91 (2 אָפיצירן), באַטאַליאָן „טראַווניק" 200 און „גראַנאַטע" פּאָליציי.

237) די אַלגעמיינע פאַרלוסטן פון די יידן בעת דער אַקציע האָט לויט סטראָאָפּס באַריכטן באַטראָפן ביזן 30טן אַפּריל — 37.359.

238) סטראָאָפּס ראַפּאָרט פון 1טן מאַי 1943.

239) צוקערמאַן און עדעלמאַן.

240) בערנאַרד באַרג: „דער ערשטער מאַי אין קעמפנדיקן געטאָ". „דאָס נייע לעבן" 1946, נר. 12.

241) באָזשיקאָווסקי.

242) סטראָאָפּס ראַפּאָרט. די דייטשע קרעפטן וואָס זענען דעם טאָג באַנוצט געוואָרן בעת די אָפּעראַציעס: 106 פּאָליציאַנטן (אין דעם 4 אָפיצירן) 357 ס. ס.-לייט (7 אָפיצירן), 47 סאַפּערן (3 אָפיצירן), זיכערהייטס-פּאָליציי 3 (2 אָפיצירן). גרענעץ וואַך: 300 ס. ס.-לייט, דייטשע פּאָליציי 72 (1 אָפיציר), באַטאַליאָן „טראַווניק" 250.

243) סטראָאָפּס ראַפּאָרט. די אַלגעמיינע צאָל יידישע פאַרלוסטן האָט ביז דעם טאָג באַטראָפן 38.385, נישט אַריינרעכענענדיק די אַלע, וואָס זענען אומגעקומען אין די פלאַמען אָדער אונטער די חורבות פון די בונקערס. — דער פאַרווונדעטער, דעם פאַריקן טאָג, דייטשער פּאָליציאַנט איז געשטאָרבן.

244) נייבערג.

245) סטראָאָפּס ראַפּאָרט.

246) עדעלמאַן, זייט 61-62.

247) באַרג.

248) עדעלמאַן.

249) ט. באַזשיקאָווסקי: „די אַטאַקע פון ערשטן מאַי אין וואַרשעווער געטאָ" — „אונדזער וואָרט" 1946, נומ. 2.

250) סטראָאָפּס ראַפּאָרט פון 2טן מאַי.

251) די דייטשע קרעפטן וואָס זענען באַנוצט געוואָרן בעת דער אָפּעראַציע: דייטשע פּאָליציי 101 מאַן (אין דעם דריי אָפּיצירן), סאַפּערן 46 מאַן (דריי אָפּיצירן), זיכערהייטס-פּאָליציי 15 מאַן (3 אָפּיצירן), ס. ס. גרענאַדירן 420 מאַן (11 אָפּיצירן), ס. ס. קאַוואַלעריע 10 מאַן 3( אָפּיצירן). גרענעץ-וואַך: דייטשע פּאָליציי 11מאַן (2 אָפּיצירן), ס. ס. גרענאַדירן 301 מאַן (1 אָפּיציר), „טראַווניקי" 200 מאַן.

252) סטראָאָפּס ראַפּאָרט.

253) נייבערג.

254) די צאָל יידישע פאַרלוסטן האָט באַדאַרפט ביז דעם טאָג איינשליסלעך באַטרעפן 40.237 מאַן.

255) סטראָאָפּס ראַפּאָרט פון 3טן מאַי 1943. די אַלגעמיינע צאָל יידישע פאַרלוסטן ביזן דריטן מאַי איינשליסלעך האָט געזאָלט באַטרעפן 41.806 מאַן.

256) חבר „מאַרעק": „פאַר אונדזער און אייער פרייהייט" 1946.

257) סטראָאָפּס ראַפּאָרט פון 4טן מאַי 1943.

258) די דייטשע קרעפטן, וואָס האָבן אָנטיילגענומען אין די אָפּעראַציעס פון 4טן מאַי: דייטשע פּאָליציי 105 מאַן (אין דעם דריי אָפּיצירן), אינזש.-סאַפּערן 52 מאַן (3 אָפּיצירן), זיכערהייטס-פּאָליציי 16 מאַן (2אָפּיצירן), ס. ס.-לייט 418 מאַן (11 אָפּיצירן). גרענעץ-וואַך אין משך פון טאָג: דייטשע פּאָליציי 89 מאַן (אין דעם 2 אָפּיצירן), ס. ס.-לייט 25 מאַן, באַטאַליאָן „טראַווניקי" 200 מאַן, „גראַנאַט" פּאָליציי 181 מאַן (1 אָפּיציר); ביינאַכט: דייטשע פּאָליציי 12 מאַן (אין דעם 1 אָפּיציר), ס. ס.-לייט 301 מאַן (1 אָפּיציר), „גראַנאַט" פּאָליציי 181 מאַן (1 אָפּיציר).

259) סטראָאָפּס ראַפּאָרט.

260) „געדענק דאָס װאַרשעװער געטאָ״. באַריכט פון דער אונטערערדי־
שער אָרגאַניזאַציע, יוני 1943.
261) די אַלגעמײנע צאָל ייִדישע פאַרלוסטן האָט געצאָלט באַטרעפן ביז
דעם 4טן מאַי אײנשליסלעך 44.089 פּערזאָן. די דײַטשן האָבן
אױך דעראָבערט אײן ביקס, דרײַ רעװאָלװערן און אַמוניציע.
262) סטראָאָפּס ראַפּאָרט פון 5טן מאַי 1943. די אַלגעמײנע צאָל ייִדי־
שע פאַרלוסטן האָט סטראָאָפּ באַרעכנט ביז דעם טאָג אױף
45.159 פּערזאָן.
263) אין אַלגעמײן האָבן די דײַטשע פאַרלוסטן לױט זײער אײגענער
באַרעכענונג געצאָלט באַטרעפן ביזן 5טן מאַי אײנשליסלעך: 8
טױטע און 55 פאַרװונדעטע.
264) די דײַטשע קרעפטן, װאָס האָבן אָנטײל גענומען אין די אָפּע־
ראַציעס פון דעם טאָג: דײַטשע פּאָליצײַ 105 מאַן (אין דעם 4
אָפּיצירן), אינזש.־סאַפּערן 82 מאַן (4 אָפּיצירן), זיכערהײטס־
פּאָליצײַ 16 מאַן (2 אָפּיצירן), ס. ס.־לײַט 510 מאַן (10 אָפּי־
צירן). גרענעץ־װאַך בײַטאָג: 98 מאַן (2 אָפּיצירן), ס. ס.־לײַט
25 מאַן, באַטאַליאָן „טראַװניקי״ 200 מאַן, „גראַנאַטע״ פּאָלי־
צײַ 181 מאַן (1 אָפּיציר); בײַנאַכט: דײַטשע פּאָליצײַ 12 מאַן
(1 אָפּיציר), ס. ס.־לײַט 301 מאַן (1 אָפּיציר), „גראַנאַטע״ פּאָ־
ליצײַט 181 מאַן (1 אָפּיציר).
265) די אַלגעמײנע צאָל געפאַנגענע ביז דאַן ייִדן האָט געצאָלט באַ־
טרעפן 17.068 פּערזאָן.
266) סטראָאָפּס ראַפּאָרט פון 6טן מאַי 1943. פאַרגלײַכן אַלגעמײנער
ראַפּאָרט.
267) די אַלגעמײנע צאָל ייִדישע פאַרלוסטן ביז דעם 6טן מאַי האָט
לױט די דײַטשע אױסרעכענונגען געצאָלט באַטרעפן 47.068 פּער־
זאָן. די דײַטשן האָבן אין דעם טאָג דעראָבערט 4 רעװאָלװערן פון
פאַרשידענע קאַליבערן און קעסטלעך מיט אַמוניציע.
268) סטראָאָפּס ראַפּאָרט פון 7טן מאַי 1943.
269) באַזשיקאָװסקי: „אין פײַער און בלוט״.
270) סטראָאָפּס ראַפּאָרט פון 8־טן מאַי 1943. די קרעפטן, װאָס האָבן
אָנטײל גענומען אין דער אָפּעראַציע האָבן באַטראָפן: דײַטשע

פאָליציי 105 מאַן (אין דעם 4 אָפיצירן), איגזש.-סאַפּערן 79 מאַן (4 אָפיצירן), זיכערהייטס-פּאָליציי 16 מאַן (2 אָפיצירן), ס. ס.-לייט 540 מאַן (13 אָפיצירן). גרענעץ-וואַך בייטאָג: דייטשע פּאָליציי 88 מאַן (1 אָפיציר), באַטאַליאָן „טראַווניקי" 160 מאַן, „גראַנאַטע" פּאָליציי 161 מאַן (1 אָפיציר), ביינאַכט: דייטשע פּאָליציי 37 מאַן (1 אָפיציר), ס. ס. לייט 301 מאַן (1 אָפיציר), „גראַנאַטע" פּאָליציי 161 מאַן (1 אָפיציר).

(271 עדעלמאַן, זייט 62.

(272 סטראָאָפּס ראַפּאָרט פון 8טן מאַי.

(273 עדעלמאַן, זייט 63.

(274 סטראָאָפּ.

(275 עדעלמאַן.

(276 די אַלגעמיינע צאָל פון יידישע פאַרלוסטן ביזן 8טן מאַי איינשליסלעך האָט געזאָלט לויט די דייטשע אויסרעכענונגען באַטרעפן 49.712 פּערזאָן. די דייטשן האָבן אויך אין דעם טאָג דערלאַנגט 15-20 רעוואָלווערן פון פאַרשידענע קאַליבערן, אַ באַדייטנדיקן כּכום אַמוניציע צו ביקסן און רעוואָלווערן, אַ געוויסע צאָל גראַנאַטן.

(277 סטראָאָפּ.

(278 אין די אָפּעראַציעס פון דעם טאָג האָבן אָנטייל גענומען: דייטשע פּאָליציי 107 מאַן (אין דעם 4 אָפיצירן), זיכערהייטס-פּאָליצייט 14 מאַן (2 אָפיצירן), סאַפּערן 70 מאַן (3 אָפיצירן), ס. ס.-לייט 560 מאַן. גרענעץ-וואַך בייטאָג: דייטשע פּאָליציי 88 מאַן (1 אָפיציר), באַטאַליאָן „טראַווניקי" 160 מאַן, „גראַנאַטע" פּאָליציי 161 מאַן (1 אָפיציר); נאַכט-וואַך: דייטשע פּאָליציי 37 מאַן (1 אָפיציר), ס. ס.-לייט 301 מאַן (1 אָפיציר), „גראַנאַטע" פּאָליציי 161 מאַן (1 אָפיציר).

(279 די אַלגעמיינע צאָל פון יידישע פאַרלוסטן ביזן 9טן מאַי איינשליסלעך האָט געזאָלט באַטרעפן 51.313 מאַן. אויסער די געטאָגרענעצן האָבן געזאָלט אין דעם טאָג אומקומען 254 יידן און יידישע אויפשטענדלער.

(280 סטראָאָפּס ראַפּאָרט פון 9טן מאַי 1943.

281) סטראָפּס ראַפּאָרט פון 10טן מאַי 1943.
282) סטראָפּס ראַפּאָרט.
283) באַריכט פון זש. אָ. ב.־שטאַב. פאַרגלייכן עדעלמאַן, זייט 63.
284) פאַרגלייכן „די פאָלקס-גוואַרדיע״ (גוואַרדיע לודאָווא) האָט אַק־טיוו געהאָלפן די העלדישע קעמפער אין וואַרשעווער געטאָ״, „גלאָס לודו״ 1946, נומ. 108. — די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער רע־טונגס־עקספּעדיציע האָבן געמוזט אָנבינדן אַ קאָנטאַקט מיט דעם קעניג פון די שאַנטאַזשיסטן („שמאַלצאָווניקעס״) און זיינע גע־הילפן פון קאַזשימיעזש דעם גרויסנס פּלאַץ ווי אויך מיט די שמוגלאַרעס פון קאָזשלע גאַס (זע ראַטהייזער). פיל מיטגע־האָלפן דער זש. אָ. ב.-גרופּע אין דער רעטונגס-אַקציע האָבן פּאָל־גנדיקע פּאָליאַקן: סטעפאַן ס., קאָסטעק אַננאַ און סטעפאַן פּ. אומאָפּשאַצלעכע הילף האָט געגעבן די פּ. פּ. ר.־ישע קעמפערין בירגערין סטעפאַניאַ (אירענאַ סאַוויצקאַ). די רעדע פון ד״ר אַ. בערמאַן („דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ״), זייט 46.
285) עדעלמאַן, זייט 63.
286) ראַטהייזער.
287) סטראָפּס ראַפּאָרט פון צענטן מאַי 1943.
288) מאַיאָר ניענאַלטאָווסקי.
289) ראַטהייזער.
290) סטראָפּס ראַפּאָרט פון 10טן מאַי. פאַרגלייכן מיטן אַלגעמיינעם ראַפּאָרט פון 16טן מאַי.
291) מאַיאָר ניענאַלטאָווסקי. סטראָפּ באַרעכנט די צאָל אויפשטענד־לער, וועלכע עס איז געלונגען צו אַנטלויפן אויף 30־35 פּערזאָן, (אַלגעמיינער ראַפּאָרט).
292) „ווי אַזוי מיר האָבן געקעמפט...״
293) רעדע פון ד״ר אַ. בערמאַן.
294) מאַיאָר ניענאַלטאָווסקי.
295) ראַטהייזער.
296) סטראָפּס ראַפּאָרט פון 10טן מאַי.
297) באַריכט פון זש. אָ. ב.-שטאַב.
298) פאַרגלייכן סטראָפּס ראַפּאָרט פון 22טן אַפּריל.

299) אין די אָפּעראַציעס פון דעם טאָג האָבן אנטייל גענומען פּאָלגנ־דיקע קרעפטן: דייטשע פּאָליציי 132 מאַן (אין דעם 6 אָפיצירן), אינזשעניער־סאַפּערן 87 מאַן (5 אָפיצירן), זיכערהייטס־פּאָליציי 16 מאַן (2 אָפיצירן), ס. ס.־לייט 320 מאַן (12 אָפיצירן). גרענעץ־וואַך בייטאָג: דייטשע פּאָליציי 113 מאַן (1 אָפיציר), באַטאַליאָן „טראַווניקי" 160 מאַן, פּוילישע פּאָליציי 161 מאַן (1 אָפיציר); ביינאַכט: דייטשע פּאָליציי 87 מאַן (1 אָפיציר), ס. ס.־לייט 191 מאַן (1 אָפיציר), „גראַנאַטע" פּאָליציי 161 מאַן (1 אָפיציר). סטראָאָפּס ראַפּאָרט פון 11טן מאַי 1943.

300) די צאָל יידישע פאַרלוסטן ביזן 11־טן מאַי איינשליסלעך האָט סטראָאָפּ באַרעכנט אויף 53.667 פּערזאָן. די אייגענע פאַרלוסטן האָט ער אָפּגעשאַצט אויף 12 טויטע און 71 פאַרוווּנדעטע (1 ס. ס. מאַן פאַרוווּנדעט דעם 11טן מאַי).

301) ס'האָבן זיך באַטייליקט אין די אָפּעראַציעס פון דעם טאָג: דייטשע פּאָליציי 131 מאַן (אין דעם 5 אָפיצירן), אינזשעניערן און סאַפּערן 85 מאַן (5 אָפיצירן), זיכערהייטס־פּאָליציי 16 מאַן (2 אָפיצירן), ס. ס.־לייט 520 מאַן (12 אָפיצירן) בייטאָגיקע גרענעץ־וואַך: דייטשע פּאָליציי 113 (1 אָפיציר), באַטאַליאָן „טראַווניקי" 160 מאַן, פּוילישע פּאָליציי 161 מאַן (1 אָפיציר); ביינאַכטיקע: דייטשע פּאָליציי 87 מאַן (1 אָפיציר), ס. ס.־לייט 301 מאַן (1 אָפיציר) פּוילישע פּאָליציי 161 מאַן (1 אָפיציר).

302) די יידישע פאַרלוסטן ביזן 12טן מאַי איינשליסלעך האָבן לויט סטראָאָפּס באַרעכנונגען געזאָלט באַטרעפן 54.463 פּערזאָן. סטראָאָפּס ראַפּאָרט פון 12טן מאַי 1943.

303) סטראָאָפּס ראַפּאָרט.

304) עס האָבן זיך אין דעם טאָג באַטייליקט אין דער אָפּעראַציע: דייטשע פּאָליציי 168 מאַן (אין דעם 4 אָפיצירן), אינזשעניערן און סאַפּערן 85 מאַן (5 אָפיצירן), זיכערהייטס־פּאָליציי 16 מאַן (2 אָפיצירן), ס. ס.־לייט 529 מאַן (12 אָפיצירן). בייטאָגיקע גרענעץ־וואַך: דייטשע פּאָליציי 139 מאַן (2 אָפיצירן), באַטאַליאָן „טראַווניק" 270 מאַן, פּוילישע פּאָליציי 161 מאַן (1 אָפיציר); ביינאַכטיקע גרענעץ־וואַך: דייטשע פּאָליציי 88 מאַן (1 אָפיציר),

ס. ס.־לייט 301 מאַן (1 אָפיציר), פוילישע פּאָליציי 161 מאַן (1 אָפיציר). סטראָאָפּס ראַפּאָרט פון 13טן מאַי 1943.

305) די אַלגעמיינע צאָל פון יידישע פאַרלוסטן איז אויסגעוואַקסן לויט די דייטשע באַריכטן ביזן 13טן מאַי איינשליסלעך ביז 55.179 פערזאָן.

306) סטראָאָפּס ראַפּאָרט.

307) יוזעפא ליס-בלאָנסקאַ: „אָן אמתע געשיכטע" („היסטאָריאַ פּראַוודזיוואַ"), „נאָווואַ עפּאָקאַ" 1946, נומ. 9־10.

308) סטראָאָפּס ראַפּאָרטן פון 13טן און 16טן מאַי 1943.

309) עס זענען אין דעם טאָג באַנוצט געוואָרן בעת די אָפּעראַציעס פאָלגנדיקע דייטשע קרעפטן: דייטשע פּאָליציי 185 מאַן (אין דעם 4 אָפיצירן), אינזשעניערן און סאַפּערן 84 מאַן (5 אָפיצירן), זיכער־הייטס־פּאָליציי 18 מאַן (2 אָפיצירן), פּ. פּ.־לייט 522 מאַן (12 אָפיצירן). בייטאָגיקע גרענעץ־וואַך: דייטשע פּאָליציי 140 מאַן (2 אָפיצירן), באַטאַליאָן „טראַווניק" 270 מאַן, פוילישע פּאָליציי 161 מאַן (1 אָפיציר); ביינאַכטיקע גרענעץ־וואַך: דייטשע פּאָליציי 88 מאַן (1 אָפיציר), ס. ס.־לייט 301 מאַן (1 אָפיציר), פוילישע פּאָליציי 161 מאַן (1 אָפיציר). סטראָאָפּס ראַפּאָרט פון 14טן מאַי 1943.

310) סטראָאָפּס ראַפּאָרט.

311) אַלגעמיינער ראַפּאָרט פון 16טן מאַי 1943.

312) סטראָאָפּס ראַפּאָרט פון 14טן מאַי. די יידישע פאַרלוסטן האָבן געזאָלט לויט סטראָאָפּס אויסרעכענונגען באַטרעפן ביזן 14טן מאַי איינשליסלעך — 55.731 פערזאָן.

313) עס זענען באַנוצט געוואָרן אין דער אָפּעראַציע: דייטשע פּאָליציי 188 מאַן (אין דעם 4 אָפיצירן), אינזשעניערן און סאַפּערן 85 מאַן (5 אָפיצירן), זיכערהייטס־פּאָליציי 18 מאַן (2 אָפיצירן), ס. ס.־לייט 522 מאַן (12 אָפיצירן). בייטאָגיקע גרענעץ־וואַך: דייטשע פּאָליציי 135 מאַן (2 אָפיצירן), באַטאַליאָן „טראַווניקי" 270 מאַן, פוילישע פּאָליציי 161 מאַן (1 אָפיציר); ביינאַכטיקע גרענעץ־וואַך: דייטשע פּאָליציי 88 מאַן (1 אָפיציר), ס. ס.־לייט 301

מאַן (1 אָפּיציר), פּוילישע פּאָליציי 161 מאַן (1 אָפּיציר). סטראָאָפּס ראַפּאָרט פון 15טן מאַי 1943.

314) די אַלגעמיינע צאָל פון יידישע פאַרלוסטן האָט געזאָלט באַטרעפן ביז דעם 15טן מאַי איינשליסלעך 55.885 פּערזאָן. די דייטשן האָבן אין דעם טאָג דעראָבערט 4 רעוואָלווערן פון גרויסן קאַ-ליבער, 10 קלג. אויפּרייס-מאַטעריאַלן און אַ באַדייטנדיקן סכום אַמוניציע.

315) סטראָאָפּס ראַפּאָרט פון 15טן מאַי.

316) סטראָאָפּס ראַפּאָרטן פון 16טן און 24טן מאַי 1943. פאַרגלייכן עדעלמאַן, זייט 67.

317) „טריבונאַ וואָלנאָשטשי" 1944, נומ. 55. לויט די אויסרעכענונגען פון רעגירונגס-דעלעגאַט זענען בעת דער ליקווידאַציע פון געטאָ פאַרניכטעט געוואָרן 100.000 וווינונגען. (מענדעלסאָן, זייט 29, 37).

318) פאַרגלייכן: „אויף די אויגן פון דער וועלט".

319) סטראָאָפּס ראַפּאָרטן.

320) סטראָאָפּס ראַפּאָרט פון 16טן מאַי.

321) סטראָאָפּס ראַפּאָרט פון 24טן מאַי. אין אַלגעמיינעם ראַפּאָרט דערמאָנט דער ס. ס.-גענעראַל וועגן 5-6 מיליאָן זלאָטעס, וואָס זענען נאָך נישט איבערגעציילט געוואָרן.

322) אַלגעמיינער ראַפּאָרט פון סטראָאָפּן.

323) ב. דודזינסקי: „דאָס געטאָ קעמפט" („געטאָ וואַלטשי"), „ראָ-באָטניק" 1946, נומ. 16.

324) אַלגעמיינער ראַפּאָרט פון סטראָאָפּן.

325) ה. וואַסער: „זעלנער אָן געווער". פאַרגלייכן: „נאָווע דראָגי" פון יוני 1943, וואָס האָבן געשריבן פאָלגנדיקס: „די פּאַרטיזאַנישע אַרויסטרעטונגען פון די יידן, וואָס באַהאַלטן זיך נאָך אויס אין

גנעטאָ, האָבן גישט אויפגעהערט" (מענדעלסאָן, זייט 32).
(326 „אויף די אויגן פון דער וועלט".
(327 וו. באַרטאָשעווסקי: „די פּוילישע קאָנספּיראַציע האָט אַלאַרמירט די וועלט", „גאַזעטאַ לודאָווא" 1946, נום. 99.
(328 ב. מארק: „דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ" (פּויליש) מאָסקווע 1944.
(329 ב. אַראָנסאָן: „ווען פּאַריז האָט זיך דערוווסט"... „נייע פּרעסע" 1946, נום. 32.
(330 וול. בראָניעווסקי: „קאַמיעניע נאַ שאַניעץ". „קוזשניצאַ" 1946, נום. 16.

# רשימה פון פערזאָנען

## דערמאָנטע אין דעם בוך*)


אַלטמאַן ט. 23.

אַגיעלעוויטש מ. 26, 31, 45, 57, 79, 105, 122, 124, 126.

אַנדזשעיעווסקי י. 132.

ארטשטיין ז. 31, 32, 110, 128.

אַש ש. 121.

אויערבאך ר. 19, 124, 132, 133.

איוואַן וו. 19.

אויפּען 33.

אָסובקא־מאָראַווסקי 10.

אַראָנסאָן ב. 144.

בארטעטשקאָ 48.

בארטאָשעווסקי וו. 128, 133, 144.

בעאַטום פּר. 43,

בערעק 79.

בערלינסקי ה. 26, 60, 128.

בערמאַן א. 17, 18, 23, 123 און ווייטערדיקע.

ביטער מ. 123.

בלאָנעס י. 60, 128.

בלוישטיין י. 128.

בלעשער 40.

בלאָך ל. 126.

בלום א. 126.

בלאָטניצקא פּ. 23.

באָרג ב. 14, 17, 18, 130, 136, 137.

באָזשיקאָווסקי ט. 14, 17, 18, 97, 104, 127, 134, 136, 137, 138.

בראַנד 33, 48, 53.

בראַוער 27.

ברוידאָ ב. 128.

בראָניעווסקי וו. 9, 122, 144.

ברעסלאַוו ש. 23, 24, 124.

געלער א. 30, 35.

גיטערמאַן י. 126.

גרובאַם מ. (מערדעק) 128.

גרוזאַליץ ל. 128.


*) אויסער דעם נאָמען פון גענעראַל סטראָאָפּ.

גרינבוים 60.
גרינשפּאָן י. 128.
גוטמאַן ה. 31, 32, 60, 128.
גוזשיק ד. 126.
דזשעקסאָן 13, 118.
דעמקע 51. ,
דיאַמענט 57.
דיעל, 88.
דאָבראָוואָלסקי סט. 10, 19, 123, 127, 132.
דודזינסקי ב. 15, 123.
דונסקי ס. 58.
דבורה 57.
האַלמאַן 27, 28.
האַנדטקע 48, 54.
היטלער 69, 117, 121.
הימלער 37.
האָכבערג ד. 79, 128.
האָפמאַן מ. 12, 19.
האָרף גענ. 115.
העפּלע 48.
וואַלד ב. 31, 128.
וועלש 14.
וואַסער ה. 19, 123 און ווייטערדיקע.
וואַסער ב. 19.
ווילנער א. 23, 29, 30, 126.
ווינאָגראַד ש. 128.
וויעליקאָווסקי ג. אדוו. 80.
וויעסלאָוו 72.
זאַגאַן ש. 24.
זאַקשעווסקי 76, 125.
זיעלינסקי י. 50.
זיגעלבוים ש. (ארטור) 121.
זילבערבערג ה. 128.
טאָדעק (טוביה) 43.
טאָפּלאָוויטש ל. 19.
טענענבוים מ. (טאַמאַראָוו מ.) 22, 23, 28, 127.
טעבענס 27, 38, 40, 42, 56, 63, 81, 100.
„יאַצעק" 73.
יאַסטרון מ. 19, 71, 133.
יורעק 82, 110.
יהודה 94.
יונגהייזער 58.
כאַלאַדענקאָ 126.
לאַנד ה. 22.
לאַנדוי 126.
לאַום 55, 57.
לייקין י. 28.
ליימאַן 17, 128.
ליכטענבוים מ. אינזש. 42, 80.
ליפשיץ 41.
לעוואַרטאָווסקי י. 24, 124.
לים-בלאַנסקא י. 132, 142.
לובעטקין צ. 23, 124.
לוטשעק ז. 123.
מאַיעראָוויטש מ. 128.
מאַלעצקי פּולק. 72, 108.
מאַרק ב. 19, 73, 124, 125, 133.
מענדע 48.
מענדעלסאָן ש. 19, 124, 128, 130, 132, 144.
מיכעלסאָן 48.
מילטשאַרעק וול. 128.
מירעטשקאָ 48.

מאָרגענשטערן י. 26, 126.
נייבערג ל. 14, 17, 18, 129, 131, 136.
ניישטאט מ. 17, 124.
נאָססיג א. 44.
נאָוואָדוואָרסקי ד. 128, 131.
נאָוואָגראָדזקי ה. 19, 129.
ניענאַלטאָווסקי סט. 19, 133, 140.
סאַק י. 126.
סענק (פּולק. מאַלעצקי) 72.
סיקאָרסקי 70.
סטעפּאַניא (י. סאַוויצקא) 72, 140.
סטענפּאָווסקי י. 19, 128, 130, 132.
עדעלמאַן מ. 14, 17, 26, 35, 49, 55, 63, 99, 123, 125 און די ווייטערדיקע.
עלסטער פּ. 124.
פּאַוועל 80, 128.
פּעלץ ב. 33.
פּעלטעל פּ. (וולאַדקא) 43.
פּערלשטיין ל. 23.
פּאָללאַק ס. 132.
פּראַשקער י. 128.
פּריוועס ל. 56.
פּיינגבלאַט י. 128.
פּיינער מ. 29, 33.
פּיינקינד 126.
פּאַרבער י. 110, 128.
פּינקעלשטיין י. 32, 124.
פּישער 120.
פּירסט 28.
פּישלזאָן 22, 124.
פּרידמאַן פּ. ד"ר 19.
פּרידריך ז. 43, 108.
פּרישדאָרף ג. 28.
צעלעמענסקי 43.
צוקערמאַן י. (אַנטעק) 14, 17, 23, 26, 30, 49, 57, 63, 81, 108, 123 און די ווייטערדיקע.
קאַצענעלסאָן י. 32.
קאַנאַל י. 24, 33, 35.
קאַפּלאַן י. 22, 23, 24, 124, 126.
קאַווע ה. 94, 128.
קירשנבוים מ. 126.
קאָן מ. 126.
קאָנראַד 47.
קאָוואַלטשיק נ. 72.
קאָוואַלסקי אל. 72.
קלעפּפיש מ. 43, 58, 74.
קלישקאָ ז. 72.
קלאָסטערמייער 40.
קריגער א. 13, 51, 82, 83, 98, 117.
קשאַטשעק 109
ראָטהייזער ש. 14, 17, 18, 55, 57, 108, 130, 140.
ראָמאַנאָוויטש 60.
ראָטבלאַט ל. 80, 105, 128.
ראָזנפעלד מ. 26.
ראָזאָווסקי וו. 28, 63, 128.
רודניצקי א. 19, 130, 132.
רות 104.
רישעק 110.
רינגעלבלום ע. 20, 124.
רישאַרד 73.
ראָהריך 27.
שילינג 27.

שולץ 27, 40, 63, 81, 100.
שטעהמאן 38.
שטאַלצמאַן א. 80.
שטאַרנאַגעל גענ. 54.
שערעשעווסקי סט. אינזש. 80.
שערינסקי י. 24.
שלעננעל וו. 19, 127.
שמערלינג 24.
שמידט א. 22, 24, 124.
שמיידמיל א. (בערעק) 99.
שוסטער ש. 57, 58, 63.
שיפער י. ד"ר 42.

# דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער־סעריע פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן
אין אַרגענטינע
רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

## ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו: מלכה אָווּשיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג: י. ל. פּרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאַן ־ י. וויערניק: טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין: מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט: חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) זרובבל: באַרג חורבן (קאַפּיטלען פּוילן) (אויספאַרקויפט)
7) אלחנן צייטלין: אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) ד"ר ח. שאָשקעס: פּוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש: טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) מ. נודעלמאַן: געלעבטער דורך טרערן
11) ד"ר מאיר באַלאַבאַן: די ייִדן־שטאָט לובלין
12) ישראל אפרת: הײמלאָזע ייִדן
13) ד"ר יעקב שאַצקי: אין שאָטן פון עבר
14) דוד פלינקער: אַ הויז אויף גזשיבאָוו
15) ד"ר הלל זיידמאַן: טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ
16) קינדער־מאַרטיראָלאָגיע (זאַמלונג פון דאָקומענטן)
17) חיים גראַדע: פּליטים
18) ש. קאַטשערגינסקי: פּאַרטיזאַנער גייען!... (ווילנער געטאָ)
19) פרידע זרובבל: נע ונד (פאַרצייכנונגען פון אַ פּליטה)
20) מרדכי שטריגלער: מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי: אויפן ראַנד פון אָפּגרונט
22) ז. סעגאַלאָוויטש: געברענטע טריט
23) אברהם טייטלבוים: וואַרשעווער הייף
24) טאַניאַ פוקס: אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן: צווישן שרעק און האָפענונג
26) לעאָ פינקלשטיין: מגילת פּוילן
27) יאָנאַס טורקאָוו: אזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
28) ש. איזבאַן: „אומלעגאַלע" ייִדן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פּאַט: העלנעך
30) ד"ר י. קערמיש: דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

## עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

שמחה פּאָלאַקעוויטש: כ׳בין געווען אין טרעבלינקע
מרדכי שטריגלער: אין די פאַבריקן פון טויט

א. נחתומי: אין שאָטן פון דורות
יוסף וואָלף: לייענענדיק פּרצן
שלמה וואַגאַ: חורבן טשענסטאָכאָוו
יחיאל לערער: מיין היים
הערשעלע: שבת אויפן טראַקט
יהושע פּערלע: יידן פון א גאַנץ יאָר
עוזר וואַרשאַווסקי: שמוגלאַרס
ר. שושנה־קאַהאַן: אין פייער און פלאַמען (טאָג־בוך)

מנשה אונגער: רביישע הייף
א. אלמי: מאָמענטן פון א לעבן

## עס גרייט זיך צום דרוק:

יוסף אפּאַטאָשו: פּוילן
יוסף אקרוטני: אין קלעם
רחל אויערבאַך: מאַטעריאַלן פונעם רינגעלבלום־ארכיוו
מיכאל באָרוויטש: אַרישע פּאַפּירן (דאָקומענטן)
הרב אברהם ביק: צען דורות פּוילישע גאונים
מיכאל בורשטין: ביי די טייכן פון מאַזאָוויע
פ. בימקאָ: אַמאָל אין פּוילן
נח גריס: קינדער אינעם קאַמף (דאָקומענטן)
י. הירשהויט: פינצטערע נעכט אין פּאַוויאַק
יאַנינאַ העשעלעס: מיט די אויגן פון א 12־יעריק קינד
ד״ר יוסף טענענבוים: דער לעמבערגער פּאָגראָם
ה. לייוויק: דער נס פון געטאָ
נחמן מייזיל: דיכטער־מאַרטירער
צפּורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו: יצחק קאַצענעלסאָן
מ. נודעלמאַן: אָפּגעשפּילט...
מ. קאָסטרינסקי: פּינסק
ד״ר עמנואל רינגעלבלום: צו דער געשיכטע פון יידן אין פּוילן
בער י. ראָזען: טלאָמאַצקע 13
מיכאל און צבי ראַיאַק: חורבן גלובאָק
ד״ר יצחק שיפּער: קאַפּיטלען געשיכטע
ד״ר ח. שאָשקעס: א לעבן, וואָס איז פאַרביי...
ל. שפּיזמאַן: די חלוצישע באַוועגונג אין פּוילן

## פּרעסע-שטימען וועגן דער ביכער-סעריע:

# דאָס פּוילישע יידנטום

לילי בערגער שרייבט וועגן דער זאַמלונג דאָקומענטן „קינדער־מאַרטיראָלאָגיע“, צוזאַמענגעשטעלט דורך נח גרים („נייע פּרעסע“, פּאַריז, דעם 17טן אָקטאָבער 1947):

„אַ נקמה אַזאַ פאַר דעם בלוט
פון אַ קינד פון אַ שלאָפן
האָט נאָך נישט דער טייוול
באַשאַפן“.

די ווערטער פון ביאַליקס „אויף דער שחיטה“ קומען אויפן זינען, ווען מען לייענט דאָס נישט־לאַנג דערשינענע בוך „קינדער מאַרטיראָלאָגיע“ פון נח גרים. אַ שטורעם פון צער און צאָרן און נקמה־באַגער ברעכט אויס און צערייסט אונדזער האַרץ. ניין, רופט אַן אינערלעכע שטימע, נישטאָ אַזאַ שטראָף, ס׳איז נאָך נישט צוגעטראַכט געוואָרן אַזאַ נקמה, וואָס זאָל אַנטשפּרעכן דעם גרויזאַמען פאַרברעכן.

מיר האָבן געוווסט, אַז דער האַקנ־קרייצערישער שאַרף האָט זיך צום ערשטן און צום שטאַרקסטן אַראָפּגעלאָזן אויפן טייערסטן און הייליקסטן וואָס אַ פאָלק פאַרמאָגט: אויף די קינדער. אַמווייניקסטן האָט מען אָבער אַרויסגעבראַכט ביז היינט אָט־דאָס בלוטיקסטע קאַפּיטל פון אונדזער בלוטיקער געשיכטע:

דאָס בוך, וואָס ליגט דאָ פאַר אונדז איז די ערשטע מצבה אויפן מיליאָניקן קבר פון די גרעסטע מאַרטירער אין דער מענטשלעכער געשיכטע: די לעבעדיקערהייט־פאַרברענטע, לעבעדיקערהייט־באַגראָבענע, צעריסענע דורך דרעסירטע הינט און היטלעריסטישע הענט, די פאַרטיליקטע דורך אַלע מיתות משונות יידישע קינדערלעך. און ס׳איז נישט קיין צופאַל דער אופן פון צוזאַמענשטעלן דאָס בוך. דער מחבר אַליין איז זייער שפּאָרזאַם אין רייד. אויף קנאַפּע 300 זייטן אין ערשטן טייל איז פון מחברס פעדער נאָר אַ 60 זייטן, וואָס איז שוין די איינלייטונג אויך צום צווייטן טייל, וועלכער דאַרף אינגיכן דערשיינען און אַנטהאַלט דאָקומענטן וועגן קינדער אין די וועלדער, ביי די פּאַרטיזאַנער, און — די דאָקומענטן זענען געזאַמלט געוואָרן דורך דער היסטאָרישער קאָמיסיע אין פּוילן און אויף דער אַרישער זייט.

דאָ דערציילן די ק י נ ד ע ר




גופא, וואָס זענען על-פי-נס אָפּגעראַטעוועט געוואָרן. עס דערציילן דאָ געראַטעוועטע יידן און אויך נישט-יידן, וואָס זענען עדות געווען פון די שרעקלעכע שחיטות אויף די קינדער. דאָס גאַנצע בוך איז געשטיצט אויף גבית עדות פון דערוואַקסענע און דער עיקר פון קינדער. דאָס איז אַ זאַמלונג פון דאָקומענטן, וואָס יעדערער פון זיי, ווען ער באַשטייט אפילו פון אַ פּאָר צענדליקער שורות, איז ער אַ גאַנצע עפּאָפּייע פון שוידערלעכקייטן. אין דעם באַשטייט טאַקע די גרויסע באַדייטונג פון ווערק. דאָס גיט אים אָן אַ היסטאָרישע באַדייטונג און אויך אַ פּסיכאָלאָגישע.

דער מחבר, ווי מען זעט דאָס באַשיינפּערלעך האָט אויסגעמיטן אין דעם אַריינפיר און אויך אין די קורצע דערקלערונגען צו די דאָקומענטן אַן איבעריק וואָרט, אָן עפּיטעטן, אָדער וועלכע עס איז שאַרפע באַצייכענונג. עס זעט אויס ווי ער וואָלט געטראַכט: זאָלן די דאָקומענטן, די שילדערונגען אַליין רעדן: און זיי רעדן טאַקע אַזוי, אַז דאָס בלוט אין די אָדערן ווערט פאַרגליווערט.

נאָך פאַר די גרויסע קינדער שחיטות האָבן די נאַצים געשאַפן אַזעלכע באַדינגונגען אין די געטאָס, כדי די קינדער זאָלן אויסשטאַרבן. זעען מיר זיי דאָ די קינדערשע „סקעלעטן אין שמאַטעס" זיך ראַנגלען ווי דערוואַקסענע מיט גרויסער דערפאַרונג, כדי זיך אָנצוהאַלטן ביים לעבן. פּאַקטן און ציפערן ווייזן דאָ, ווי אַזוי די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט אין די געטאָס האָט געקעמפט, כדי צו לינדערן די שרעקלעכע קינדערנויט. אָבער וואָס פאַראַ איראָניע פון גורל! די סאָציאַלע שוץ, וואָס האָט געזאָרגט פאַר די קינדער, צונויפזאַמלענדיק זיי אין פאַרשידענע אַנשטאַלטן האָט פאַרלייכטערט דעם שונא דאָס אַרויספירן די קינדער צו פאַרניכטן.

און מען ווערט דערשטוינט, לייענענדיק וועגן דער פּסיכאָלאָגישער אויסווירקונג אויף די קינדער, וועגן זייער הויכער מאָראַל. אין די שוידערלעכע באַדינגונגען איז דער דראַנג צו לערנען געווען גאָר אַ גרויסער. אונטער מערדערלעכע פּייניקונגען און אין אָנבליק פון טויט האָבן 10-14-יעריקע געכאַפּטע קינדער ניט אַרויסגעגעבן די באַהעלטענישן פון זייערע נאָענטע. די קלענסטע קינדער האָבן זיך אָפּגעגעבן אַ רעכענונג פון די גרויסע געפאַרן, וואָס האָבן געלויערט אויף זיי. און דער ווילן צו לעבן, אויסצוהאַלטן און איבערצולעבן איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז די

קינדער פּלעגן אָנווענדן פֿאַרשידענע מיטלען אויסצוזען גרעסער און עלטער אָדער זיי פּלעגן אין די אַרבעטס-ערטער אויספּילן די גרעסטע גאָרמעס, וואָס זענען צו שווער געווען פֿאַר דערוואַקסענע, כּדי נישט צו געבן קיין פּרעטעקסט, אַז זיי זענען נישט אַרבעטספּעאיק, וואָס האָט באַדייט אַרויספֿירן צום אומקום.

דאָס אַלץ, וואָס דער מחבר פֿירט דאָ קורץ אויס אין ערשטן טייל און זיינע פּסיכאָלאָגישע באַמערקונגען ווערט פּילפּאַכיק באַשטעטיקט דורך די דאָקומענטן גופא. די אָפּגעראַטעוועטע קינדער דערציילן דאָ, ווי אַזוי זיי האָבן געשפּרונגען פֿון לויפֿנדיקע צוגן, אַנטלאָפֿן פֿון טויט-לאַגערס, אויסבאַהאַלטן זיך אין לעכער און היילן, געראַנגלט זיך מיט הונגער און קעלט, געוואַנדערט אײנזאַם דורך פֿעלדער און וועלדער. עס דערציילן קינדער, ווי זיי האָבן זיך געראַטעוועט פֿון איין טויט-געפֿאַר, אַנטקעגנגייענדיק אַ צווייטע געפֿאַר נאָר מיט דער אויסרעכענונג, אויסצומיידן אַ טויט אין שרעקלעכע יסורים און צו געפֿינען אַ לייכטערן טויט. לייענענדיק די דאָקומענטן, פֿרעגט מען זיך מיט אַ ציטער, ווי אַזוי עס איז מעגלעך געווען, אַז קינדער זאָלן קאָנען אַזעלכעם דורכמאַכן. אַפֿילו מיטן נאַטירלעכן לעבנס-אינסטינקט קאָן מען דאָס נישט דערקלערן. **נישט אַנדערש, נאָר אַ גאָר שטאַרקער לעבנס-כּוח און אַ באַוווּסטזיניקער לעבנס-ווילן וואָרצלט אינעם ייִדישן קינד.**

„איך וויל נישט שטאַרבן" — האָט געפֿליסטערט אַ 5-יעריק ייִנגעלע, וואָס גיטלער-באַרסקי, דער הייַנטיקער געג. דירעקטאָר פֿון דעם „דזשאָינט" אין פּוילן, האָט געפֿונען אין באַוווּסטלאָזן צושטאַנד אויסבאַהאַלטן אין אַ קאָלדרע אין אַ קינדער-היים אין וואַרשע אין 1943, נאָך דעם ווי די נאַציס האָבן אַרויסגעפֿירט די קינדער און פֿאַגראָמירט דאָס הויז. „איך וויל נישט שטאַרבן" — שרייט אויס פֿון אַלע קינדער-דאָקומענטן און פֿונעם גאַנצן בוך.

עס וואָלט זייער נייטיק געווען דאָס בוך איבערצוזעצן אין אַנדערע שפּראַכן, ווייל דאָס איז דער שטאַרקסטער באַשולדיקונגס-אַקט קעגן פֿאַשיזם. און ס'וואָלט כּדאַי געווען צוצושיקן אָט-דעם דאָקומענט צו די, וואָס האָבן הייַנט אַזוי פֿיל רחמנות אויף די „אָרעמע דייטשן", צו די גרויסע מערב-„דעמאָקראַטן", צו די אַלע, וואָס העלפֿן באַנייען דעם פֿאַשיזם. אפשר וועלן זיי דורכן בוך דערהערן די קינדערשע יללות, וואָס האָבן זיך געטראָגן פֿון די גריבער און קרעמאַטאָריעס.

**י. באַטניצקי** שרייבט וועגן ד"ר הלל זיידמאַנס „טאָג-בוך פֿון וואַרשעווער געטאָ" („אַפֿריקאַנער ייִדישע צייטונג", יאָהאַנעסבורג, 5טער נאָוועמבער 1947):

פֿון די פֿיל ביכער וואָס זענען דערשינען וועגן חורבן פֿון וואַרשעווער געטאָ וועט דאָס טאָג-בוך פֿון דר. הלל זיידמאַן, וואָס דער צענטראַלער פֿאַרבאַנד פֿון די פּוילישע ייִדן אין אַרגענטינע האָט אַרויסגעגעבן אין




זיין פארלאג „דאס פוילישע יידנ־
טום", פארנעמען דעם אויבנאן. דר.
זיידמאנס בוך איז אן אויטענטישער
דאקומענט פון א מענטשן וועלכער
האט דורכגעמאכט די געטא זייט איר
אנטשטייאונג ביז איר ליקווידאציע
און איז ע"פ נס געראטעוועט געווא־
רן. דר. זיידמאן האט נישט געשרי־
בן די זכרונות פון דער ווארשעווער
געטא נאך דעם ווי ער איז געראטע־
וועט געווארן, נאר האט געפירט א
טאג בוך פון די טעגלעכע פאסירונ־
גען און זייענדיק אליין אן אנגע־
שטעלטער פון דער קהלה, אלס לייי־
טער פון דער ארכיוו אפטיילונג, האט
ער גוט געוואוסט און געווען אינ־
פארמירט פון אלץ וואס עס האט זיך
אפגעטאן אין דער קהלה.

ד"ר ה. זיידמאן איז געווען א בא־
וווסטער ארטאדאקסישער טוער אין
ווארשע (ער איז א מחבר פון א רייע
קלאסישע ווערק אויף רעליגיעז־ווי־
סנשאפטלעכע טעמעס). אין זיין
טאג־בוך הערט זיך א גאנץ נייער
טאן און עס ווערט געבראכט צום
ליכט אינטערעסאנטע מאמענטן פון
לעבן און ליידן פון די פרומע יידישע
מאסן אין דער געטא.

ווי א קולטורעלער מענטש באציט
זיך ד"ר זיידמאן מיט טאלעראנץ און
פארשטענדעניש צו אלע יידישע ריכ־
טונגען. ער איז אבער געשטאנען נא־
ענט צו די ארטאדאקסישע קרייזן.
ווי ער דערציילט זענען די פרומע
יידן אין ווארשע געווען בעסער גיים־
טיק פארפאנצערט קעגן די דעמארא־
ליזירנדיקע אומשטענדן פון דער גע־
טא ווי אנדערע טיילן פון דער יידי־
שער באפעלקערונג. שרייבנדיק וועגן
דער יידישער פאליציי אין געטא
שטעלט ד"ר זיידמאן פעסט, אז „אין
דער גאנצער פאליציי איז נישט גע־
ווען קיין איינציקער ארטאדאקסי־
שער ייד, קיין איינציקער ניט! ניט
פון דער אגודה, ניט פון מזרחי און
ניט קיין סתם רעליגיעזער ייד". ער
גיט איבער פאקטן, וואס באווייזן
בולט די גרויסע גייסטיקע גבורה פון
די פרומע יידן אין ווארשעווער געטא
אין אנגעזיכט פון גרויסע סכנות און
יסורים.

ד"ר זיידמאן דערציילט דעם שווי־
דערלעכן עפיזאד ווי ער איז געגאנ־
גען אויף דער זאמענהאפער גאס און
דערהערט א געשריי. ער איז צוגע־
גאנגען און געזען ווי א יידישער פא־
ליציאנט אמפערט זיך מיט אן על־
טערן חסידישן ייד. דער פאליציאנט
שלעפט אים און יענער רייסט זיך
ארויס. דער פאליציאנט וויל אים נע־
מען צום „אומשלאג" פון וואנען מען

שיקט אָפּ צו די גאַז-קאַמערן. דער ייד דערציילט אַז דער פּאָליציאַנט האָט אים געפונען אין אַ באַהעלטעניש און וויל אים נעמען צום „אומשלאַג". ער האָט נישט קיין „נומערל" (אַז ער אַרבעט), מילא, איז ער גרייט צו גיין: אַ ברירה האָט ער? „נאָר וואָס ער וויל מיטנעמען איז טלית און תּפֿילין און דער פּאָליציאַנט איז נישט מסכּים דערויף".

דאָס דערמאָנט די מעשה פון י. ל. פּרץ'ס „דריי מתנות" און איז אַ טיפּישע יידישע הייליקע העלדישקייט. ד"ר זיידמאַן גיט איבער דעם זעלטזאַמען פאַקט וואָס נישט קוקנדיק אויף די אומבאַשרייבלעכע ליידן פון די יידן אין געטאָ זענען פאַר דער גאַנצער צייט נישט פאָרגעקומען קיינע זעלבסטמאָרדן. זעלבסטמאָרדן זענען אין געטאָ געווען פיל זעלטענער ווי פאַר דער מלחמה. ד"ר זיידמאַן דערקלערט דאָס מיט דעם וואָס ס'האָט זיך „איינגעבירגערט די איבערצייגונג, אַז זעלבסטמאָרד איז דעפּיטיזם, איז יאוש, איז דעזערציע און קיינער האָט נישט געהאַלטן נישט ביים יאוש און קיינער האָט נישט געוואָלט דעזערטירן". דער גלויבן אין ענדלעכן נצחון פון דער גערעכטיקייט און אַז די ממשלת הרשע וועט באַזיגט ווערן איז געווען פעסט איינגעבאַקן ביי יעדן, און אַלע האָבן געהאַט איין געדאַנק און ווילן: „אויסדויערן, איבערהאַלטן און איבערלעבן"!

ד"ר זיידמאַן שילדערט דעם טויט פון פּרעזידענט פון דער וואַרשעווער קהלה אינזשיניער אַדאַם טשערניאַקאָוו וועלכער איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד ווען ער איז פון די דייטשן אויפגעפאָדערט געוואָרן זיי צוצושטעלן 7000 יידן פאַר דעפּאָרטאַציע וואָס מיינט פאַרניכטונג. ד"ר זיידמאַן גיט איבער דעם געשפּרעך וואָס טשערניאַקאָוו האָט געהאַט מיטן דייטשן קאָמיסאַר פאַרן געטאָ אויערסוואַלד, וועלכער האָט זיך אויסגעדריקט אַז „יידן זענען פּאַראַזיטן". דערויף האָט אים טשערניאַקאָוו געענטפערט:

„ווען מיר זענען געקומען קיין פּוילן, פאַרבעטן דורך דעם קעניג קאַזשימיערזש דעם גרויסן, זענען דאָ געווען בלויז וועלדער און וויסטענישן, האָבן מיר יידן מיט אונדזער פלייס און אַרבעט, מיט אונדזער רירעוודיקייט און איניציאַטיוו, אויפגעבויט דאָ שטעט און שטעטלעך, פאַבריקן און הייזער. גיט אַ קוק אויף די גאַסן, געשעפטן, האַנדל און אינדוסטריע, האַנטווערקטום און באַנקוועזן, דאָס האָבן יידן אין שווערער שעפערישער, פּראָדוקטיווער אַרבעט אויפגעבויט. אומעטום טרעפט מען אָן די נעמען פון יידן פּיאָנערן אויף אַלע געביטן. נאָר מיר זענען געווען נאַראָנים; מיר האָבן אַריינגעלייגט אונדזער אַרבעט אין אומפריינטלעכער ערד. מיר האָבן געבויט אויף אַ ווולקאַן, אַנשטאַט אין אונדזער אייגענער היים, אין ארץ-ישראל".

מיט אַ צוויי וואָכן פאַר זיין טויט האָט טשערניאַקאָוו אין אַ געשפּרעך מיט ד"ר ה. זיידמאַן געזאָגט:

„אַ גאַנץ לעבן האָב איך שווער און ערלעך געאַרבעט, געווען פּראָדוקטיוו, כדי איצט צו הערן אַז איך בין אַ פּאַראַזיט, כדי צו ליידן די דאָזיקע בעסטיאַלישקייט, צו דערלעבן אַזעל-

כע דערנידערונגען, רדיפות, גרויזאַמקייטן. פאַרוואָס? פאַרוואָס? יאָ, איך ווייס שוין פאַרוואָס דאָס קומט מיר. ווייל איך האָב נישט געאַרבעט אויף אייגענעם באָדן, אין דער אייגענער היים, ווייל כ'האָב ניט געהערט דעם רוף פון טעאָדאָר הערצל. ער איז געווען דער איינציקער מענטש וואָס האָט אַלץ פאָראויסגעזען און אָנגעוויזן דעם ריכטיקן וועג. ער איז געווען דער איינציקער יידישער מלוכה־מאַן אין אונדזער דור. מיר האָבן געזינדיקט וואָס מיר האָבן אים נישט געפאָלגט. דאָס איז אונדזער שולד. וואָלט איך היינט געקענט — האָט משערניאַקאָוו געענדיקט מיט טרערן אין די אויגן — וואָלט איך היינט צופוס געגאַנגען קיין ארץ-ישראל און דאָרטן שטיינער געהאַקט אלס געווינלעכער חלוץ. נאָך דער מלחמה וועל איך עס טאָן. קיין שום קראַפט אין דער וועלט וועט מיך שוין נישט צוריקהאַלטן. מיר זאָלן נאָר דערלעבן".

ד"ר זיידמאַן האָט צו דערציילן זייער אינטערעסאַנטע פאַקטן וועגן דער באַציאונג פון פוילישן אונטערגרונט צו דעם יידישן ווידערשטאַנד אין געטאָ. די פאָליאַקן (אפילו די סאָציאַליסטן) האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו העלפן די יידן און ניט נאָר האָבן זיי נישט געהאָלפן צו שאַפן געווער פאַר די יידן אין געטאָ, נאָר זיי האָבן אפילו נישט אָפּגעגעבן די יידן פיל געלט וואָס זיי האָבן דערהאַלטן פון אויסלאַנד ספּעציעל פאַר די יידן.

ווען ד"ר זיידמאַן האָט אין אַ געשפּרעך מיט פאָרשטייער פון פוילישן אונטערגרונט זיי אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז אין די געהיימע פוילישע אויסגאַבן און צייטונגען טרעפט מען פראַגן פון בולטן אַנטיסעמיטיזם, האָט אים אַ פוילישער סאָציאַליסט געענטפערט: „דאָס זענען ענדעקעס, אַן אַלטע געוווינהייט... מיר קענען אָבער איצט נישט אָנהייבן אַ פּאָלעמיק מכח דער יידן-פראַגע. מיר קענען צוליב יידן נישט אַרויסרופן אַ שפּאַלטונג אין דער איינהייטלעכער פוילישער אונטערערדישער באַוועגונג".

ד"ר זיידמאַנס טאָג-בוך איז פול מיט טראַגישע עפּיזאָדן און פּאַסירונגען פון די יאָרן פון לעבן אין געטאָ און פון די צוגרייטונגען צו דעם אויפשטאַנד, און לייענענדיק דעם בוך ווערט אויפגעטרייסלט יעדע סטרונע אין אונדזער נשמה. ש. ניגער באַמערקט זייער ריכטיק אין זיין אָפּהאַנדלונג וועגן דער העברעאישער אויסגאַבע פון בוך:

„אַ ייד טאָר נישט טרייבן פון זיך דעם יידישן צער, דעם יידישן טרויער, נאָר פאַרקערט, אים איינזאַפּן אין זיך, ווייל דאָס איז, וואָס איידלט אונדז, פאַרטיפט אונדז און מאַכט אונדז פאַר גאָטס פאָלק".

**י. פאלאטיצקי** שרייבט וועגן ד"ר יעקב שאצקיס בוך „אין שאָטן פון עבר" אין זיין אַרטיקל „ווען עס ווערט באַלייכט דער עבר" (אונזער צייט", בוענאָס־איירעס, דעם 20סטן יוני 1947):

דער צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן מיט זיין פאַרלאַג־אָפּטיילונג אונטער דער רעדאַקציע פון מאַרק טורקאָוו און פאַרלאַג־אָנפירער אבּרהם מיטלבערג האָבן ווידער צוגעטראָגן אַ וויכטיק בוך, דאָס מאָל פון ד"ר יעקב שאַצקי. שוין דער נאָמען באַווייזט, אַז דער בוך באַהאַנדלט פאַקטן און עפּיזאָדן פון געשיכטלעכן כאַראַקטער. די אַרבעטן, וואָס גייען אַריין אין דעם בוך זענען צונויפגעזאַמלט פון פאַרשיידענע זשורנאַלן און צייטשריפטן (פון „די צוקונפט" ביז „ייוואָ-בלעטער"), וואָס ד"ר שאַצקי האָט אָנגעשריבן און וואָס נעמען אַרום אַ פּעריאָד פון 1923 ביז 1943. אין הסכם מיטן כאַראַקטער פון דעם פאַרלאַג ביים צ"פ פון די פוילישע יידן אין אַרגענטינע, גייען אַריין אין דעם בוך אַ טייל פון ד"ר שאַצקיס היסטאָרישע אַרבעטן, וואָס באַציען זיך נאָר צו פוילן. דער אויפטו איז דאָ, וואָס דאָס בוך שטעלט מיט זיך פאָר אַ קאָמפּילאַציע פון אַ רייע צעוואָרפענע אַרבעטן פון דעם פראָמינענטן געלערנטן, וואָס געפינט זיך איצט אין אַרגענטינע. דאָס גיט אַ מעגלעכקייט יידישע אינטעליגענטע לייענער און אפילו דעם סתם יידישן לייענער צו באַקענען זיך מיט עפּיזאָדן און מענטשן פון דער געשיכטע פון דעם נעכטן און דעם היינט, דרינגט אָבער ווען מען לייענט שאַצקיס אַרבעטן איינס נאָכן אַנדערן, אפילו ווען מען האָט שוין אַ טייל פון זיי פריער געלייענט, באַקומט מען איצט דעם פולן איינדרוק און מען דערפילט דעם טעם פון יידישער געשיכטע־הסברה, אָנגעשריבן אָן שום אָנשטעל און הגם מיט דעם פרינציפּ פון מאַקס וועבערס „וויסנשאַפטלעכער דערקענטעניש" סובּיעקטיוו יידיש אין זיין פולסטן און טיפסטן זין פון וואָרט. צו דעם קומט נאָך צו דער פאָלקסטימלעכער און באַזונדער שאַצקישער סטיל (ער מאַכט, אגב, לעבעדיק און באַזונדער אילוסטראַטיוו ד"ר שאַצקיס לעקציעס און רעפעראַטן), וואָס מאַכט צוגענגלעך פאַר יעדן לייענער צו באַקענען זיך און ליב קריגן יידישע געשיכטע־לעקטור. דאָס איז אַ פּליוס, וואָס דאַרף באַזונדער אָפּגעשאַצט ווערן. אַ גרופּע שפּאַניש־ריידנדיקע יידישע יוגנטלעכע, וואָס לייענט יידיש באַטראַכט פאַר איר חוב די מייסטע אַרבעטן, וואָס גייען אַריין אין דעם בוך איבערצוזעצן אויף שפּאַניש, כדי — ווי איינער האָט זיך אויסגעדריקט — צו ווייזן אונדזער יוגנט, אַז מיט 100 יאָר צוריק איז אין פוילן געווען, ווי עס קען זיין אין אַרגענטינע מיט 50 יאָר שפּעטער...

אַזעלכע אַרבעטן ווי „אַדאַם מיצקעוויטש און די יידן", „די פראַנקיסטישע שמד-באַוועגונג און די פוילישע געזעלשאַפט", „די דעקאַבריסטן און די יידן" זענען באמת פאַקטן און געשעענישן פון דעם נאָענטן יידישן עבר, וואָס אין זיין שאָטן שפּיגלט זיך אָפּ אונדזער היינט. הגם




דער היסטאָריקער מאַכט נישט קיין אַנאַלאָגיע פון דעם נעכטן און דעם היינט, דרינגט אָבער בולט אַרויס פון די אויבנדערמאָנטע אַרבעטן דער סך־הכל פון אַסימילאַציע־באַוועגונגען ביי ייִדן, וואָס האָט שטענדיק געפירט ביז צו זיין עקסטרעם — צו זעלבסט־פאַרלייקענונג און שמד פון איין זייט. פון דער צווייטער זייט דער ליבעראַליזם פון די גויים און פון די חסידי אומות העולם לגבי ייִדן און די תרופות, רעצעפּטן און ישועות, מיט וועלכע זיי קומען אַרויס וואָס פירן דורך אַנדערע וועגן צו אַסימילאַציע און אויפלייזונג ווי אַ פאָלק. דער חילוק איז נאָר, וואָס צווישן די ניט־ייִדן, וואָס געוויסע פון זיי, ווי אַדאַם מיצקעוויטש, פעסטעל א״א האָבן, לויט זייער באַנעם באמת געזוכט אַ לייזונג פאַרן ייִדישן פאָלק, איז ביי קיין שום אַסימילאַטאָרישע באַוועגונגען און אַסימילאַציע־פּרעדיקער ביי ייִדן נישט פאַראַן קיין שמץ פון וועלכן ס׳איז סימפּאַטישן שטריך, אַ חוץ עגאָאיזם, הויכשטאַפּלעריי, כבוד־גייציקייט און דראַנג נאָך פּערזענלעכער באַקוועמלעכקייט.

אַזעלכע ווערטער, ווי „דאָס גייסטרייכע ייִדישע פאָלק קען זיך דורכדרינגען מיט דעם איידלסטן וואָס די מענטשהייט פאַרמאָגט, נאָר לעת עתה איז עס איינגעהאַלטן געוואָרן אויף דעם וועג צום פּראָגרעס און נישט זעענדיק אין ערגעץ קיין סוף צו די צרות, האָט דאָס ייִדישע פאָלק פאַרלוירן זיינע גייסטיקע כוחות אויף די ערדישע וועגן און איז באַנאַל געוואָרן. נאָר פונדעסטוועגן האָט עס קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו וואַרטן אויף משיחן״; די דאָזיקע ווערטער, אַרויסגעזאָגטע פון דעם ליכטיקן גייסט פון דער פּוילישער ליטעראַטור, אַדאַם מיצקעוויטש, אין דער העלפט פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, פאַרדינען באמת דעם עפּיטעט פון ד״ר שאַצקי צום שלום פון דער אַרבעט איבער מיצקעוויטשן און די ייִדן, אַז „מיצקעוויטש איז דער העברעאישער נביא אין דער פּוילישער ליטעראַטור״.

אַ חוץ דעם אַנטיסעמיטישן אונטערשלאַק איז דער דאָקומענט פון פּוילישן באַאַמטן קאַראָל האָפּמאַן (1856-1800) וועגן אַרויפגעאַרבעטע ייִדישע גבירים, וואָס ד״ר שאַצקי ברענגט אין דעם בוך, א״נ „אַ זעלטענע כאַראַקטעריסטיק פון דער ייִדישער שמד־בורזשואַזיע אין פּוילן מיט 100 יאָר צוריק״, טאַקע באמת אַ זעלטענער דאָקומענט. אַ סך אַרויפגעאַרבעטע ייִדן פון די אַמעריקעס,

וואָס ווילן שפּילן די ראָלע פון „ריסטאָקראַטן" וואָלטן זיך דערזען אין קרימען שפּיגל. אַ שאָד, וואָס עס האָט געשריבן אַ גוי... פאַרן היסטאָריקער האָט עס אַ באַזונדער ווערט, ווייל — ווי עס ווייזט אויף ד"ר שאַצקי — זענען קיין צופיל אַרכיוואַלע מאַטעריאַלן וועגן דעם לעבן פון דער יידיש־פּוילישער בורזשואַזיע נישט פאַראַן.

פון באַזונדערן ווערט זענען די אַרבעטן „דריי הונדערט יאָר צאינה וראינה" און „דער קאַמף אַרום געפּלאַנטע צייטשריפטן פאַר יידן אין קאָנגרעס־פּוילן (1860-1840)". ביידע אַרבעטן ברענגען אַרויס פאַר אונדז און וואַרפן אַ ליכט אויף דער סביבה און ראַנגלענישן פון יחידים אַריינצוברענגען אין דעם פינצטערן יידישן לעבן דאָס ליכט און דעם גייסט פון דער יידישער עטיק. עס פעלן נישט קיין פּשוטע סוחרים אָדער פּערזאָנען מיט אַנדערע אויסרעכענונגען, וואָס קענען אָבער בשום אופן נישט פאַרטונקלען די פּרעכטיקע פּערזענלעכקייט פון יעקב בן יצחק, דער מחבר פון דעם פּאָפּולערסטן ליטעראַרישן ווערק ביי יידן, די „צאינה וראינה", וואָס האָט אויסגעהאַלטן במשך פון העכער 300 יאָר 126 אויפלאַגעס. אין דער אַרבעט וועגן די צייטשריפטן שפּיגלט זיך אָפּ דער קאַמף מיט דער צאַרישער רעגירונג און אירע צענזאָרן ביז עס איז אויפגעקומען די פּויליש־יידישע צייטשריפט „יוטשענקא" (1861) און די העברעאישע „הצפירה", וואָס זיין ערשטער נומער, אונטער דער רעדאַקציע פון חיים זעליק סלאָנימסקי האָט דערזען די ליכטיקע שיין אין חודש פעברואַר 1862.

וויכטיקע ביישטייערן צו דער געשיכטע פון יידישער קאָלאָניזאַציע, יידישער עקאָנאָמיק און ווירטשאַפט און יידישן טעאַטער אין פּוילן זענען די אַרבעטן „צו דער געשיכטע פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין קעניגרייך פּוילן", „אַ פּראָיעקט צו גרינדן אַ שול פאַר יידישע בעלי־מלאכות אין וואַרשע אין יאָר 1836" און „די עלטסטע געשיכטע פון יידישן טעאַטער אין וואַרשע". אַלע דריי אַרבעטן זענען דאָקומענטירט מאַטעריאַל, וואָס זענען אַ ביישטייער צו דעם פאַראַנענעם שוין אויסגעפאָרשטן מאַטעריאַל אויף די דערמאָנטע געביטן.

„די אַמעריקאַנער יידן און דער פּוילישער אויפשטאַנד פון 1863" איז אַן אַרבעט, וואָס איז באַזירט אויף אַ דאָקומענטאַציע, וואָס באַציט זיך צו די ערשטע פּויליש־יידישע אימיגראַנטן אין אַמעריקע און זייער הילף פאַר די קעמפער פון פּוילישן אויפשטאַנד אין 1863. דערביי ברענגט דער מחבר אַרויס די אָריענטאַציע פון די יידן און זייער פּאָליטישער באַנעם אין יענער צייט, ווי אויך וועגן דעם דירעקטן אָנטייל פון די יידן אין דער פּוילישער „פּאָווסטאַניע". אַן אינטערעסאַנטער דאָקומענט איז דער אויפרוף פון פּוילישן צענטראַל־קאָמיטעט אין די פאַראייניקטע שטאַטן „צו די פּאָליאַקן פון משהס גלויבן אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע". די „רעזאָלוציע" וואָס איז אָנגענומען געוואָרן נאָך אַ פאַרזאַמלונג פון פּוי-

לישע יידן, באווייזט אז די יידן פון פוילן אין דער ווייטער אמעריקע זענען געווען לאיאל צו פוילן און האבן איר געהאלפן אין איר באפרייאונגס-קאמף.

א טראגיש קאפיטל פון אסימילאציע און שמד אין פוילן אין פארגאנגענעם יארהונדערט איז די געשיכטע פון דעם געשמדטן פוילישן היסטאריאגראף אלעקסאנדער קרויזהאר. דאס דאזיקע קאפיטל רופט אן ד״ר שאצקי „אין דראנג צו טאטאלער אסימילאציע״. די דאזיקע ארבעט איז א מאנאגראפיע וועגן דעם לעבן און דראנג צו אסימילאציע ביז שמד פון גרעסטן טייל פון דער פויליש-יידישער אינטעליגענץ אין 19טן יארהונדערט, וואס איר אויטענטישער פארשטייער איז געווען אלעקסאנדער קרויזהאר. עס איז א ווערטפולע ארבעט פארזען מיט אויסצוגן, דאטעס און דאקומענטן, וואס גיט באמת א בילד, ווי דער מחבר האט געוואלט: שטעלן זיך „פאר א ציל אפצומאלן א פאל פון אסימילאציע וואס איז כאראקטעריסטיש פאר דער געשיכטע פון דער יידישער אינטעליגענץ אין פוילן און גיט א בילד פון דעם ווי עס איז געגאנגען די פאלאניזאציע אין דער צווייטער העלפט פון 19טן יארהונדערט״. עס איז כאראקטעריסטיש פאר ד״ר שאצקין ווי ער קען נאך א וויסנשאפטלעכן היסטארישן אנאליז איבער קרויזהארן, וואס פארנעמט כמעט 50 זייטן, צום סוף אים אין עטלעכע שורות אזוי בילדעריש כאראקטעריזירן:

„אין קרויזהארס לעבן און אין זיין ליטעראַרישער טעטיקייט — וואס הייבט זיך אן מיט לירישע יידישע לידער און ענדיקט זיך מיט זכרונות וועגן די קאטוילישע ביסקופן, מיט וועלכע ער איז געווען אינטים באפריינט — זעען מיר א שטיק טאטאלע אסימילאציע, א געשיכטע פון איינעם וואס האט אנגעהויבן ווי א פארשער פון יידישן עבר און פארענדיקט ווי א פארלייקענער פון יידישן היינט״.

אין סך־הכל: „אין שאטן פון עבר״ דעקט אויף און באלייכט פאר אונז א שטיק יידיש לעבן פון דער גאר פארגאנגענהייט, מיט זיינע נעגאטיווע און פאזיטיווע זייטן, וואס זייער היסטארישער אנדענק ווירקט זיך אויס — נאכן אומקום פון דעם פילמיליאניק, פויליש־יידישן קיבוץ — אויף א באזונדער טראגישן אופן, אומעטום ווו עס לעבן יידן.

*Este libro se terminó de imprimir el día 8 de abril del año 1948, en los Talleres Gráficos Julio Kaufman, calle Corrientes 1976, Buenos Aires, República Argentina.*